1־טער יאָרגאַנג | בלעטער | נומער 2

פאַר אידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק

Blätter für Demographie, Statistik und Wirtschaftskunde der Juden

בערלין, 15 אַפּריל 1923 ערשיינט 8 מאָל אין יאָר

געגרינדעט פון דער אידישער וועלט־הילפס־קאָנפערענץ

# באַרדיטשעווער אידישע קהלה פון 1789 ביז 1917

(מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון באַרדיטשעווער קהלה)

יעקב לעשצינסקי

## Die Juden in Berditschew (Kiew. Gouv.) von 1789 bis 1917

(Zahl, wirtschaftliche Entwicklung und demographische Verhältnisse)

von Jakob Lestschinsky

די געשיכטע פון אידן אין רוסלאַנד, ריכטיגער געזאָגט, די געשיכטע פון אידן אין פּוילן, אוקראַינע, ליטע א. א. וו. וואַרט נאָך אויף איר שרייבער און בויער. די איצטיגע שטודיעס פעלן נאָך נאָר אַ סך ציגל צום אויסבוי און פולשטענדיגן געשיכטליכן בנין פונעם הײַנטיגן רובֿ מנין פון אידישן פאָלק. נאָר אויב אין פּרט פון אויספאָרשן און שטודירן די פּאָליטיש־רעכטליכע און קולטור־רעליגיעזע זײַטן פון לעבן פון די אידן אין די דערמאָנטע לענדער איז דאָך געטאָן אַ סך אַרבעטן, קאָן מען דאָס לחלוטין ניט זאָגן בנוגע צו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און דעמאָגראַפישע פּראָבלעמען. דאָ מוז די אַרבעט אָנהייבן כמעט פון אָנהייב. און פּראַקטיש און פּרינציפּיעל וואָס די הײַנטיגע אַרבעט זיין נאָר דעטאַלן, ווען די ווייטע אַרבעטן ניט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיסטעמען און אינטערעסאַנטע סבות און קאָנצעפּציעס. נאָר פון דעטאַלן און צונויפגעשטעלטן מאַטעריאַלן, וואָס באַלייכטן איינצלנע ווינקעלעך פון לעבן אָדער דאָס לעבן פון איינצלנע שטעט און דעם אָדער יענעם לאַנד אָדער קהלה.

### I.

באַרדיטשעווער אידישע קהלה האָט געשפּילט אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט אַ גאַנץ באַדייטנדיגע ראָלע אין לעבן פון אוקראַינישן אידנטום. די געשיכטע פון דער דאָזיגער ניט טיפּישער, נאָר זייער כאַראַקטעריסטישער אידישער קהלה שטעלט מיט זיך פאָר נאָר אַ גרויסן אינטערעס. באַרדיטשעווער קהלה פאָדערט דערווייל געוויס אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע. נאָר צוליב אַ סך סבות און טעמים קאָנען מיר איצטער זיך ניט נעמען פאַר דער הײַנטיגער אויספאָרש־סאַנטער און ראַנדבעמערקער אַרבעט און מוזן זיך באַגנוגענען מיט מאַטעריאַלן, וואָס דאַרפן געלייגט ווערן אין יסוד פון אַזאַ האַנדלונג.

ראשית, ווי איז געוואַקסן די צאָל אידן אין באַרדיטשעוו פאַר די לעצטע 130 יאָר?

די צאָל אידן אין באַרדיטשעוו איז געוואַקסן:

**Entwicklung der jüdischen Bevölkerung**

| יאָר | צאָל אידן | צוגעקומען אָדער פאַרקלענערט |
|---|---|---|
| 1789 | 1,951 (* | — |
| 1847 | 23,160 | +21,209 |
| 1861 | 46,683 | +23,523 |
| 1897 | 41,617 | — 5,066 |
| 1914 | 55,876 | +14,259 |
| 1917 | 37,487 (** | — 18,389 |

אַט די הײַנטיגע ווייניגע ציפער־שורות שפּיגלען שוין אָפּ אין זיך אין אַ געוויסער מאָס די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער באַרדיטשעווער אידישער קהלה פאַר דער געמאָסטער צייט. פאַר די ערשטע 58 יאָר — פון 1789־טן ביז 1847־טן יאָר — וואַקסט די באַרדיטשעווער אידישע קהלה אויס מער ווי צען מאָל. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אימיגראַציע פון דער אַרומיגער באַפעלקערונג און ניט פון נאַטירליכן צואוואוקס, פאַרשטייט מען דאָך. פון אַ קליינער ניט באַדייטנדיגער קהלה מיט געווען צווישן די אידישע גמשות צום סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט וואַקסט באַרדיטשעווער קהלה אויס צו דער מיט פון 19־טן

---

*) די הײַנטיגע ציפער ווייזט וואָרשיינליך ניט די גאַנצע צאָל אידן צו יענער צייט אין באַרדיטשעוו. די אידישע באַפעלקערונג פלעגט זיך אויסמײַדן פון די רעוויזיעס כדי זיך אַרויסצודרייען פונעם קאָפּ־שטייער. דאָס איז אָבער ניט אויף אַזוי פיל וויכטיג פאַר דער אונטערזוכונג, אַז די צאָל ניט קאָנען ווערן פאַר פערטלייכער באַטראַכט. ווען די דאַטן פון 1847 זענען ווייטער אין סטאַטיסטיק.

**) לויט די אידישע טשעליסטשעוו־ליסטע.

יאָרהונדערט אין אַ גרויסע געמיינדע מיט העכער צוואַנציג טויזנט אידן. דאָס איז די צייט פון דער ערשטער „אויפבליהונג פון באַר־דיטשעווער האַנדל — באַרדיטשעוו ווערט אַ גרויסער האַנדלס־צענטער און אויך אַ צענטער פון קליין־פאַבריקאַציע פאַר אַ גאַנץ היפשן קאַנט פון אוקראַינע. נאָך דער ערשטער אָרגאַנישער און פאַמע־ליכער אַנטוויקלונג קומט דער שוואונג פון די 50 און 60־ער יאָרן. דער אינטיינסיווער מאַרק וואַקסט אין אוקראַינע גיך און אינ־טענסיוו און די קאָנקורענטן פון באַרדיטשעוו — וואַרשע און אָדעס — זיינען נאָך שוואַך און דערצו האָבן זיי נאָך נאָר שוואַ־כע פאַרבינדונגען מיט וואָלינער און פּאָדאָלער געגנטן. באַר־דיטשעוו מאַכט גרויסע ערפאָלגן אין פאַבריקאַציע, מסחר און האַנדל — און די אידישע באַפעלקערונג פאַרדאָפּלט זיך אין אַ משך פון אַזוינע 14 יאָר — פון 1847־טן ביז 1861־טן יאָר. באַרדיטשעוו פאַרמאָגט דעמאָלט כמעט פופציג טויזנט אידן און איז די גרעסטע אידישע קהלה אין גאַנץ רוסלאַנד, און נאָר אייג וואַרשע קאָן מיט איר קאָנקורירן אין דעם פונקט.

פון דעמאָלט אָן אָבער הויבט זיך אָן דאָס פאַלן פון באַר־דיטשעוו און פון באַרדיטשעווער אידישער קהלה. די לעצטע ראַנגלט זיך פאַר איר פּלאַץ אין דער האַנדלס־וועלט; זי האַלט אָפּ, אמת, זעהר ועלטן, נצחונות, נאָר צום גלאַנץ פון דער ער־שטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט קומט זי ניט. פון 1861־טן ביז 1897־טן יאָר, פאַר די דאָזיגע 36 יאָר פון געוואַלדיג גרויסער, כמעט פיבערישער אַנטוויקלונג פון אידישן מסחר און באַזונדערס פון אידישער פאַבריקאַציע — אַט אין משך פון די דאָזיגע יאָרן ווערט פאַרקלענערט אפילו די אַבסאָלוטע צאָל אידן אין באַרדיטשעוו. ניט נאָר דער נאַטירליכער צוואַקס, וואָס פאַר 36 יאָר האָט ער באַדאַרפט אויסמאַכן בערך קרוב צו פופציג טויזנט נפשות, איז אָפּגעפאַרן פון באַרדיטשעוו, נאָר פון קרן האָט די אידישע קהלה פאַרלאָרן מער פון פינף טויזנט אידן. די אויסגעוואַקסענע קאָנקורענטן — וואַרשע און אָדעס — נע־מען צו בײַ באַרדיטשעוו ניט נאָר דעם טייטן מאַרק, נאָר אויך דעם לעבעדיגן מענשן־מאַטעריאַל, וואָס האָט געבראַכט די דאָזיגע אידישע קהלה צו דער הויכער און חשובער מדרגה, אויף וועל־כער זי איז געשטאַנען אין דער מיט פון 19־טן יאָרהונדערט. די לאַגע בײַט זיך אַביסל צו גוטן אין אָנהויב פון צוואַנציגסטן יאָר־הונדערט, ווען באַרדיטשעווער אידן ניט זיך אין נאָכצוטוען וואַרשעווער קליין־פאַבריקאַציע־מעטאָדן און אַנטוויקלען בײַ זיך איינינע טאַלאַנטערייי־ און לעדער־אַרטיקלען — פון 41,617 אידן אין 1897־טן יאָר וואַקסט די קהלה אויס ביז 55,876 נפשות אין 1914־טן יאָר. ס'קומט אָבער די מלחמה; באַרדיטשעוו איז נאָ־הענט צום פראָנט — און אין 1917־טן יאָר טרעפן מיר שוין דאָרט נאָר 37,487 אידן, ווייניגער ווי אין 1861־טן יאָר.

לאָמיר איבערגיין צו איינינע דעמאָגראַפישע סימנים פון די באַרדיטשעווער אידן.

אין 1789־טן יאָר איז געווען אויף 976 מענער 975 פרויען, אָדער אויף יעדע הונדערט מאַנסבלען איז געווען 99,89 פרויען. אין 1847־טן יאָר איז געווען אויף 9586 מענער 13,574 פרויען, אָדער אויף יעדע הונדערט מענער 141,60 פרויען. די לעצטע ציפערן זיינען געווים ניט קיין ריכטיגע און מען קאָן אויף זיי ניט בויען. ס'איז באַקאַנט, אַז אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן האָט די אידישע מאַנסבילשע באַפעלקערונג אויסגעמיטן די רע־וויזיעס און זי האָט געהאַט געגנט גרונט דערצו. אַ סך ריכטיגער און אמתער זיינען די דאַטן וועגן די באַשעפטיגונגען פון די באַר־דיטשעווער אידן, וועלכע מיר ברייננען נידריגער. פון די דאָ־זיגע דאַטן זעהען מיר, אַז אין 1849־טן יאָר איז געווען אויף 14,162 מענער 14,475 פרויען אָדער אויף יעדע הונדערט מאַנסבלען איז געווען 102,21 פרויען. אין 1897־טן יאָר איז געווען אויף יעדע הונדערט מאַנסבלען 111,38 פרויען.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז אויף הונדערט מאַנסבלען איז געווען:

אין 1789־טן יאָר — 99,89 פרויען
אין 1849 „ „ — 102,21 „
אין 1897 „ „ — 111,38 „

נאָר אַ שטאָט, וואָס גיט אַ גרויסע צאָל עמיגראַנטן, קאָן האָבן אַזאַ גרויסע צאָל פרויען, ווי בײַ באַרדיטשעווער אידן אין 1897־טן יאָר. און פאַרגלייכט מען די באַרדיטשעווער אידן מיט די אידן פון גאַנץ קיעווער גובערניע אָדער מיט די אידן פון שטעט פון איין טיפּ מיט באַרדיטשעוו צייגט מען זיך גרינג איבער אין דעם דאָזיגן אמת. אין גאַנץ קיעווער גובערניע איז געווען בײַ די אידן אין 1897־טן יאָר אויף הונדערט מאַנסבלען 107,0 פרויען; אין שטעט מיט אַ צאָל איינוואוינער פון 50 ביז 100 טויזנט איז געווען אין דעם איינענעם יאָר אויף הונדערט מאַנס־בלען 106,4 פרויען. ס'איז קלאָר אַלזאָ, אַז באַרדיטשעווער אידן האָבן אין דער צייט, וואָס פאַרן 1897־טן יאָר, געהאַט אַ גרויסע עמיגראַציע, אַ גרעסערע ווי אין דער גובערניע און ווי אין שטעט פון איר גלייכנס. דאָס באַשטעטיגט אבן די אויספירו־נגען וועגן דער ירידה פון באַרדיטשעווער אידישער קהלה אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

פון 1951 נפשות אין 1789־טן יאָר איז געווען קינדער אינגער פון איין יאָר הונדערט — פון יעדע הונדערט אידישע נפשות איז געווען דעמאָלט 5,12 קינדער אינגער פון אַ יאָר. אין 1897־טן יאָר איז שוין געווען בײַ די באַרדיטשעווער אידן סך־הכל 2,98 פּראָצענט קינדער אינגער פון איין יאָר, כמעט צוויי מאָל ווייניגער ווי אין 1789־טן יאָר. און מען מוז געדיינקען, אַז באַרדיטשעווער קהלה איז ניט נאָר ניט געווען אין 1789־טן יאָר קיין אויסנאַם אין דעם פונקט, נאָר פאַרקערט, זי האָט געהאַט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע קהלות, ניט קיין הויכן פּראָצענט קינדער אינגער פון אַ יאָר. אַזוי, למשל, איז אין ושיטאָמיר אין דעם איינענעם יאָר געווען 11,6 און אין טשודנאָוו 6,0 פּראָצענט קינדער אינגער פון אַ יאָר. פון די נאָר וואָס גע־בראַכטע דאַטן וועגן די קינדער אינגער פון אַ יאָר קאָן מען קומען צום אויספיר, אַז פאַרן ניינצענטן יאָרהונדערט האָט זיך די צאָל געבוירענע בײַ די באַרדיטשעווער אידן פאַרקלענערט.

אַ סך מערערע און אינטערעסאַנטערע ידיעות פאַרמאָגן מיר וועגן סאָציאַלן בוי פון דער באַרדיטשעווער אידישער קהלה.

לויט דער ציילונג פון 1789־טן יאָר האָבן די באַרדיטשע־ווער אידן געצויגן חיונה פון פאָלגנדיגע באַשעפטיגונגען:

**Berufsgruppierung 1789**

| באַשעפטיגונג | מענער | פרויען | קינדער ביז אַ יאָר | קינדער עלטער פון אַ יאָר | סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|
| שיינקער | 115 | 131 | 28 | 205 | 474 |
| הויז־באַזיצער | 210 | 242 | 28 | 186 | 666 |
| קרעמער | 65 | 69 | 11 | 103 | 248 |
| בעלי־מלאכות | 95 | 93 | 12 | 98 | 298 |
| משרתים און דינסטן | 76 | 74 | 24 | 26 | 200 |
| אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס | 26 | 30 | 2 | 7 | 65 |
| סך־הכל | 587 | 639 | 100 | 625 | 1951 |

ראשית דאַרף מען באַמערקן, אַז די קאַטעגאָריע הויז־באַזיצער איז געווים באַשטאַנען פון אָרענדאַרן, סוחרים און אַנדערע פאַר־מיטלערישע עלעמענטן. די הויז־באַזיצער וועלן דעריבער בײַ אונז אומעטום פאַררעכנט ווערן צווישן די פאַרמיטלערישע קלאַסן.

טיילן מיר אַלע אײַנוואוינער פון באַרדיטשעוו לויט דעם מקור פון פּרנסה, לויט דעם, פון וואָס זיי האָבן באַקומען חיונה, קאָן מען אײַנשטעלן דרײַ גרופּעס:

1) פאַרמיטלער פון פאַרשיידענע מינים (שיינקער, קרעמער און הויז־באַזיצער).

2) אַרבעטנדיגע עלעמענטן (בעלי־מלאכות און משרתים און דינסטן).

3) אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס, פון וועלכע די מערהייט זײַנען געווען מסתמא אָרימע לייט, וואָס האָבן געלעבט אויפן חשבון פון קהל.

לויט דעם האָזינן טיילן קומט אויס, אַז 1) פון פאַרמיטלערײַ האָבן געלעבט אין באַרדיטשעוו 1388 אידישע נפשות — 71,17 פּראָצענט פון אַלע אידן; 2) פון אַרבעט — 498 נפשות אָדער 25,53 פּראָצענט און 3) פון ניט באַשטימטע פּראָפעסיעס, ריכ־טיגער פון צדקה — 65 נפשות אָדער 3,30 פּראָצענט.

די שיינקערײַ האָט צו יענער צײַט, צום סוף פון אַכטצענטן יאָרהונדערט, פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין עקאָנאָמישן לעבן פון אוקראַאינישן אידנטום און אפילו אין אַזאַ בערך גרויסע קהלה, ווי די באַרדיטשעווער, פאַרנעמט די האָזינע פּרנסה דעם אויבן־אָן. פון שיינקערײַ האָבן געלעבט דעמאָלט אין באַרדיטשעוו 474 נפשות אָדער 24,3 פּראָצענט, ווען פון מלאכה האָבן געצויגן היונה סך־הכל 298 נפשות אָדער 15,3 פּראָצענט.

מיר קאָנען ניט טיילן די דעמאָלטיגע אידישע באַפעלקערונג פון באַרדיטשעוו אויף אַקטיווע און פּאַסיווע עלעמענטן, ווײַל מיר ווייסן ניט, אויף וויפיל די פרויען און אויך די דערוואַקסענע קינדער זײַנען געווען באַטייליגט אין דער פּרנסה פונם הויפּט־גליד פון דער פאַמיליע. די צאָל אָבער פרויען און קינדער, וואָס ס'קומט אָן אויף איין דערוואַקסענעם מאַנסביל, וועלכער איז געווים אָפט ניט נאָר דער הויפּט פּרנסה־געבער, נאָר אויך דער איינציגער פּרנסה־געבער אין דער פאַמיליע, איז געווים וועהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יעדער פּראָ־פעסיאָנעלער גרופּע. מיר וועלן דערום ברענגען די דורכשניט־ליכע צאָל פרויען און קינדער אויף איין הויפּט פּרנסה־געבער בײַ פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס.

די דורכשניטליכע צאָל פרויען און קינדער אויף איין הויפּט פּרנסה־געבער איז געווען:

| | |
|---|---|
| 1) בײַ שיינקערס | 3,12 |
| 2) „ הויז־באַזיצער | 2,17 |
| 3) „ קרעמער | 2,81 |
| „ פאַרמיטלער בכלל | 2,56 |
| 4) בײַ בעלי־מלאכות | 2,13 |
| 5) „ משרתים און דינסטן | 1,63 |
| „ אַרבעטנדיגע עלעמענטן | 1,91 |
| 6) בײַ ניט באַשטימטע פּראָפעסיעס | 1,50 |
| „ דער גאַנצער באַפעלקערונג | 2,32 |

מיר זעהען, אַז בײַ די פאַרמיטלער האָט יעדער ראש פון דער פאַמיליע אויסגעהאַלטן אַ גרעסערע צאָל פּאַסיווע עלעמענטן, ווי בײַ די אַרבעטנדיגע עלעמענטן. מען דאַרף אָבער געדיינקען, אַז בײַ די פאַרמיטלער, באַזונדערס בײַ די שיינקערס, האָבן זיך די פּאַסיווע מיטגלידער פון דער פאַמיליע אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס באַטייליגט אין דער באַשעפטיגונג. אַלנפאַלס איז קלאָר, אַז יעדע פאַרמיטלערײַ־פּרנסה האָט געגעבן מער מעגליכקייטן צום אויסהאַלטן אַ גרעסערע פאַמיליע, ווי וועלכע סײַט איז אַרבעטס־באַשעפטיגונג.

II

ווען דער באַרדיטשעווער קהלה אין מיטן פון 19־טן יאָר־הונדערט פאַרמאָגן מיר אַ סך אינטערעסאַנטערן און וואַפטיגערן מאַטעריאַל, ווי דער אויבן־געבראַכטער.

די טאַבעלע I, וואָס גיט אונז די באַשעפטיגונגען פון די באַרדיטשעווער אידן אין 1849־טן יאָר, ברייינגן מיר כמעט אָן ענדערונגען אַזוי, ווי זי איז געבראַכט בײַ פ ו נ ד ו ק ל ײ ע ן אין בוך (זעה סוף אַרטיקל). מיר האָבן נאָר געמאַכט די אָפּטיילן און די סוב־אָפּטיילן; האָבן אויסגערעכנט די פּראָצענטן פון רײַכע, מיטעלע און אָרימע אין יעדער גרופּע און האָבן אונטערגעפירט די סך־הכל'ס. פונדוקלײַ האָט, ווי ס'ווייזט אויס, אָפּגעשריבן די טאַבעלע פון די ביכער פון קהל. אויב בנוגע צום באַשטימען די מאַטעריעלע לאַגע פון די אײַנוואוינער האָט געקאָנט זײַן און ס'איז מסתמא געווים געווען געגנט מיספרויכן, איז ניטאָ קיין שום גרונט צו שטעלן אין ספק די דאַטן בנוגע צו דער פּראָפעסיאָ־נעלער אָנגעהעריגקייט. דאָך האַלטן מיר פאַר מעגליך אויס־נוצן אויך די טיילונג אויף דרײַ קאַטעגאָריעס — רײַכע, מיטעלע און אָרעמע —, מחמת, ראשית, בײַ גרויסע צאָלן, ווי אין געגעבענעם פאַל, ווערן די מיספרויכן בטל בששים און, שנית, ווייזט זיך אַרויס פונם מאַטעריאַל אַליין, אַז די האָזינע טיילונג איז ניט סותר די אויספירן, וואָס מען קאָן מאַכן פון די דאַטן וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער אָנגעהעריגקייט.

מיר גייען איבער צום אינהאַלט פון דער טאַבעלע. לויט דער האָזינער טאַבעלע קומט אויס, אַז דורכשניטליך פאַלט אויף איין פאַמיליע 6,34 נפשות. אינטערעסאַנט איז, וואָס שוין דע־מאָלט, צוריק מיט 70 יאָר, האָט די רײַכע פאַמיליע געהאַט ווי־ניגער קינדער ווי די אָרימע. אַזוי איז אויסגעקומען נפשות אויף איין משפּחה:

| | |
|---|---|
| 1) בײַ די רײַכע | 5,75 |
| 2) „ „ מיטעלע | 5,97 |
| 3) „ „ אָרימע | 6,48 |

דאָס וועלבע חזרט זיך איבער, ווען מיר נעמען די דורכ־שניטליכע צאָל נפשות אויף איין פאַמיליע בײַ באַזונדערע סאָ־ציאַלע אָדער פּראָפעסיאָנעלע קאַטעגאָריעס. אַזוי איז אויסגע־קומען אויף איין משפּחה נפשות:

| | |
|---|---|
| 1) בײַ די פאַרמיטלער | 5,73 |
| 2) „ „ אַרבעטנדיגע | 5,83 |
| 3) „ „ אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס | 7,04 |
| 4) „ „ טאָג־אַרבעטער | 7,72 |

פון דערוועלבער טאַבעלע I זעהען מיר, אַז נאָר 3,9 פּראָ־צענט פון אַלע באַרדיטשעווער אידן זײַנען צוגערעכנט געוואָרן צו די רײַכע; 18,1 פּראָצענט צו די מיטעלע און גאַנצע 78,0 פּראָ־צענט — מער פון דרײַ פערטל — האָבן געהערט צו דער קאַ־טעגאָריע אָרימע.

דער מחבר, בײַ וועלכן מיר האָבן גענומען די געבראַכטע טאַ־בעלע, מאָלט אַזוי דאָס לעבן פון די דאַמאָלטיגע באַרדיטשעווער אידן:

טאבעלע I

# די באשעפטיגונגען פון די אידן אין בארדיטשעוו (1849)

## Die Berufe der Juden in Berditschew (1849)

| באשעפטיגונגען / סאָציאַלע גרופעס | רייכע | | | | מיטעלע | | | | ארימע | | | | סך־הכל | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | צאָל די משפחות | מענער | פרויען | סך־הכל | צאָל די משפחות | מענער | פרויען | סך־הכל | צאָל די משפחות | מענער | פרויען | סך־הכל | צאָל די משפחות | מענער | פרויען | סך־הכל |
| **I. פאַרמיטלער־קלאַסן** | | | | | | | | | | | | | | | | |
| **א) באַנקירן, קאַפּיטאַליסטן און פאַבריקאַנטן** | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) באַנקירן | 8 | 47 | 49 | 96 | — | — | — | — | — | — | — | — | 8 | 47 | 49 | 96 |
| 2) קאַפּיטאַליסטן, וואָס לעבן פון הכנסה פון זייערע הייזער און פענסיאָנערן | 7 | 10 | 12 | 22 | — | — | — | — | — | — | — | — | 7 | 10 | 12 | 22 |
| 3) פאַבריקאַנטן פון קאָרט | 1 | 1 | 1 | 2 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 1 | 1 | 2 |
| 4) פאַבריקאַנטן פון טאַבאַק און סיגאַרן | 1 | 3 | 2 | 5 | 9 | 31 | 28 | 59 | — | — | — | — | 10 | 34 | 30 | 64 |
| סך־הכל אין גרופּע „א" | 17 | 61 | 64 | 125 | 9 | 31 | 28 | 59 | — | — | — | — | 26 | 92 | 92 | 184 |
| אין %% | 67,9 | | | | 32,1 | | | | — | | | | 100,0 | | | |
| **ב) אַרענדאַרן** | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) אַרענדאַרן פון משקאות | 9 | 17 | 24 | 41 | — | — | — | — | — | — | — | — | 9 | 17 | 24 | 41 |
| 2) „ „ צינז פון האַנדל | 1 | 4 | 5 | 9 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 4 | 5 | 9 |
| 3) „ „ צינז פון מילן | 2 | 7 | 6 | 13 | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 7 | 6 | 13 |
| 4) „ „ צינז פון ביר־קאָכן און ווייגען | 2 | 7 | 11 | 18 | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 7 | 11 | 18 |
| 5) „ „ פלייש־טאַקסע | 1 | 3 | 6 | 9 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 3 | 6 | 9 |
| 6) „ „ שטייער אויף הייזער און קלייטן | 1 | 3 | 2 | 5 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 |
| 7) „ „ צינז פון וואָגן | 1 | 4 | 5 | 9 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 4 | 5 | 9 |
| 8) „ „ צינז פון פאַרקויפען דזעגאַכץ | 1 | 3 | 1 | 4 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 3 | 1 | 4 |
| 9) „ „ צינז פון פּאַשע | — | — | — | — | 1 | 2 | 3 | 5 | — | — | — | — | 1 | 2 | 3 | 5 |
| 10) „ „ צינז פאַר פיש־כאַפּן | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 5 | 6 | 11 | 2 | 5 | 6 | 11 |
| סך־הכל אין גרופּע „ב" | 18 | 48 | 60 | 108 | 1 | 2 | 3 | 5 | 2 | 5 | 6 | 11 | 21 | 55 | 69 | 124 |
| אין %% | 87,1 | | | | 4,0 | | | | 8,9 | | | | 100,0 | | | |
| **ג) שיינקערס** | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) אַרענדאַרן פון טראַקטירן | 1 | 2 | 1 | 3 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 2 | 1 | 3 |
| 2) „ „ באַר־קיכן | 13 | 40 | 41 | 81 | 11 | 33 | 29 | 62 | 4 | 15 | 14 | 29 | 28 | 88 | 84 | 172 |
| 3) „ „ שיינקען | 19 | 59 | 52 | 111 | 107 | 319 | 313 | 632 | 179 | 441 | 446 | 887 | 305 | 819 | 811 | 1630 |
| סך־הכל אין גרופּע „ג" | 33 | 101 | 94 | 195 | 118 | 352 | 342 | 694 | 183 | 456 | 460 | 916 | 334 | 909 | 896 | 1805 |
| אין %% | 10,8 | | | | 38,4 | | | | 50,8 | | | | 100,0 | | | |
| **ד) קרעמער, וואָס פאַרקויפען:** | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) שפּאַנישע וואַל | 2 | 7 | 5 | 12 | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 7 | 5 | 12 |
| 2) וואָלענע סחורות | 2 | 6 | 7 | 13 | 12 | 36 | 38 | 74 | 9 | 33 | 34 | 67 | 23 | 75 | 79 | 154 |
| 3) זיידענע סחורות | 6 | 17 | 15 | 32 | 26 | 63 | 65 | 128 | 36 | 85 | 89 | 174 | 68 | 165 | 169 | 334 |
| 4) ביימוועלנע שטאָפן | 10 | 27 | 23 | 50 | 26 | 58 | 61 | 119 | 29 | 66 | 68 | 134 | 65 | 151 | 152 | 303 |
| 5) קאָרט | 1 | 2 | 3 | 5 | 3 | 12 | 13 | 25 | 2 | 6 | 5 | 11 | 6 | 20 | 21 | 41 |
| 6) געוואַנט | 5 | 24 | 22 | 46 | 4 | 20 | 14 | 34 | 3 | 18 | 14 | 32 | 12 | 62 | 60 | 112 |
| 7) בייזועל | 2 | 5 | 6 | 11 | 4 | 16 | 14 | 30 | 6 | 24 | 23 | 47 | 12 | 45 | 43 | 88 |
| 8) רויכוואַרג | 2 | 7 | 6 | 13 | 6 | 19 | 17 | 36 | 4 | 16 | 16 | 32 | 12 | 42 | 39 | 81 |

(המשך)

| סאציאלע גרופעס / באשעפטיגונגען | רייכע: צאָל פֿון משפּחות | רייכע: מענער | רייכע: פֿרויען | רייכע: סך־הכל | מיטעלע: צאָל פֿון משפּחות | מיטעלע: מענער | מיטעלע: פֿרויען | מיטעלע: סך־הכל | אָרימע: צאָל פֿון משפּחות | אָרימע: מענער | אָרימע: פֿרויען | אָרימע: סך־הכל | סך־הכל: צאָל פֿון משפּחות | סך־הכל: מענער | סך־הכל: פֿרויען | סך־הכל: סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 9) גאַלאַנטעריי־סחורות | 10 | 29 | 31 | 60 | 18 | 44 | 47 | 91 | 17 | 42 | 45 | 87 | 45 | 115 | 123 | 288 |
| 10) שרייב־פּאַפּיר | 1 | 2 | 1 | 3 | 2 | 6 | 7 | 13 | 3 | 9 | 11 | 20 | 6 | 17 | 19 | 36 |
| 12) מעטאַל־סחורות | 4 | 10 | 11 | 21 | 17 | 51 | 58 | 109 | 9 | 26 | 24 | 50 | 30 | 87 | 93 | 180 |
| 11) באַקאַליי | 18 | 54 | 57 | 111 | 18 | 47 | 48 | 95 | 18 | 53 | 55 | 108 | 54 | 154 | 160 | 314 |
| 13) האָניג | 3 | 8 | 9 | 17 | 5 | 15 | 17 | 32 | 6 | 25 | 26 | 51 | 14 | 48 | 52 | 100 |
| 14) וואַקס | 2 | 6 | 5 | 11 | 3 | 9 | 11 | 20 | 4 | 17 | 12 | 29 | 9 | 32 | 28 | 60 |
| 15) זייף | 1 | 3 | 2 | 5 | 2 | 5 | 6 | 11 | 1 | 3 | 4 | 7 | 4 | 11 | 12 | 23 |
| 16) לעדערוואַרג | 5 | 16 | 22 | 38 | 9 | 27 | 27 | 54 | 5 | 16 | 15 | 31 | 19 | 59 | 64 | 123 |
| 17) מעל | 6 | 16 | 15 | 31 | 4 | 16 | 14 | 30 | — | — | — | — | 10 | 32 | 29 | 61 |
| 18) פֿלאַקס | 1 | 4 | 2 | 6 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 4 | 2 | 6 |
| 19) זאַלץ | 2 | 7 | 7 | 14 | 6 | 21 | 24 | 45 | 7 | 24 | 25 | 49 | 15 | 52 | 56 | 108 |
| 20) געזאַלצענע פֿיש | 4 | 11 | 9 | 20 | 7 | 25 | 23 | 48 | 8 | 34 | 33 | 67 | 19 | 70 | 65 | 135 |
| 21) האָר און חזיר־האָר | — | — | — | — | 5 | 11 | 9 | 20 | — | — | — | — | 5 | 11 | 9 | 20 |
| 22) געהילץ | — | — | — | — | — | — | — | — | 49 | 121 | 137 | 258 | 49 | 121 | 137 | 258 |
| 23) טאַנדעטניקעס פֿון פֿאַרטיגע קליידער און פֿון אַנדערע זאַכן | — | — | — | — | — | — | — | — | 48 | 153 | 149 | 302 | 48 | 153 | 149 | 302 |
| סך־הכל אין גרופּע „ד" | 87 | 261 | 258 | 519 | 177 | 501 | 518 | 1014 | 264 | 771 | 785 | 1556 | 528 | 1533 | 1556 | 3089 |
| אין % % | | 16,8 | | | | 32,8 | | | | 50,4 | | | | 100,0 | | |
| ה׳ קאָמיסיאָנערן | 11 | 39 | 31 | 70 | 17 | 59 | 57 | 116 | — | — | — | — | 28 | 98 | 88 | 186 |
| אין % % | | 37,6 | | | | 62,4 | | | | | | | | 100,0 | | |
| ו׳ פֿאַקטאָרן | — | — | — | — | — | — | — | — | 157 | 451 | 429 | 880 | 157 | 451 | 429 | 880 |
| אין % % | | | | | | | | | | 100,0 | | | | 100,0 | | |
| ז׳ ליוועראַנטן | — | — | — | — | 12 | 35 | 38 | 73 | 9 | 28 | 27 | 55 | 21 | 63 | 65 | 128 |
| אין % % | | | | | | 57,0 | | | | 43,0 | | | | 100,0 | | |
| סך־הכל אין אָפּטייל „I" | 166 | 510 | 507 | 1017 | 334 | 980 | 981 | 1961 | 615 | 1711 | 1707 | 3418 | 1115 | 3201 | 3195 | 6396 |
| | | 15,9 | | | | 30,7 | | | | 53,4 | | | | 100,0 | | |
| **II. אַרבעטנדיגע קלאַסן** | | | | | | | | | | | | | | | | |
| א) קליינע פֿאַבריקאַנטן: | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) וואָס מאַכן זייף | — | — | — | — | — | — | — | — | 3 | 9 | 11 | 20 | 3 | 9 | 11 | 20 |
| 2) „ „ ליכט | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 | 1 | 3 | 2 | 5 |
| 3) „ „ בוימאייל | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 6 | 8 | 14 | 2 | 6 | 8 | 14 |
| 4) „ קאָכן ביר | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 2 | 3 | 5 | 1 | 2 | 3 | 5 |
| 5) „ מאַכן מאַקאַראָנעס | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 |

(המשך)

| באַשעפטיגונגען / סאָציאַלע גרופּעס | רייכע: צאָל די משפחות | רייכע: מענער | רייכע: פרויען | רייכע: סך־הכל | מיטעלע: צאָל די משפחות | מיטעלע: מענער | מיטעלע: פרויען | מיטעלע: סך־הכל | אָרימע: צאָל די משפחות | אָרימע: מענער | אָרימע: פרויען | אָרימע: סך־הכל | סך־הכל: צאָל די משפחות | סך־הכל: מענער | סך־הכל: פרויען | סך־הכל: סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 6) וואס שלאָגן וואַקס | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 4 | 3 | 7 | 1 | 4 | 3 | 7 |
| 7) פאַרבערס | — | — | — | — | — | — | — | — | 21 | 67 | 63 | 130 | 21 | 67 | 63 | 130 |
| סך־הכל אין גרופּע „א" | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 | 29 | 91 | 90 | 181 | 30 | 94 | 92 | 186 |
| אין %% | 0,0 | | | | 2,7 | | | | 97,3 | | | | 100,0 | | | |
| **ב. בעלי־מלאָכות און מייסטערס.** | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) יובעלירן | 5 | 8 | 9 | 17 | 19 | 49 | 46 | 95 | 29 | 76 | 71 | 147 | 53 | 133 | 126 | 259 |
| 2) גאָלדשמידן | — | — | — | — | 14 | 41 | 49 | 90 | 20 | 66 | 65 | 131 | 34 | 107 | 114 | 221 |
| 3) זייגערמאַכערס | — | — | — | — | 21 | 68 | 61 | 129 | 14 | 37 | 39 | 76 | 35 | 105 | 100 | 205 |
| 4) שניידערס | 6 | 11 | 14 | 25 | 102 | 379 | 385 | 714 | 145 | 418 | 423 | 841 | 253 | 808 | 772 | 1580 |
| 5) שמוקלערס | 4 | 9 | 7 | 16 | 53 | 151 | 158 | 309 | 35 | 127 | 119 | 246 | 92 | 287 | 284 | 571 |
| 6) פעלצן־מאַכערס | — | — | — | — | 13 | 35 | 39 | 74 | 9 | 27 | 26 | 53 | 22 | 62 | 65 | 127 |
| 7) קירזשנער | — | — | — | — | 37 | 116 | 118 | 234 | 39 | 113 | 118 | 226 | 76 | 229 | 231 | 460 |
| 8) באַנדאַזשניקעס און הענטשקע־מאַכערס | — | — | — | — | 2 | 2 | 3 | 5 | 16 | 48 | 32 | 80 | 18 | 50 | 35 | 85 |
| 9) שוסטער | 2 | 3 | 3 | 6 | 101 | 288 | 265 | 553 | 99 | 284 | 282 | 566 | 202 | 575 | 550 | 1125 |
| 10) זאָטל־מאַכערס | 2 | 3 | 2 | 5 | 11 | 39 | 35 | 74 | 15 | 46 | 49 | 95 | 28 | 88 | 86 | 174 |
| 11) סטאָליאַרעס | — | — | — | — | 14 | 32 | 19 | 51 | 45 | 120 | 125 | 245 | 59 | 152 | 144 | 296 |
| 12) טאָקערס | 1 | 1 | 1 | 2 | 2 | 5 | 4 | 9 | 8 | 30 | 24 | 54 | 11 | 36 | 29 | 65 |
| 13) סטעלמאַכערס | — | — | — | — | 4 | 13 | 9 | 22 | 20 | 49 | 42 | 91 | 24 | 62 | 51 | 118 |
| 14) באָנדערס | — | — | — | — | 2 | 4 | 5 | 9 | 7 | 24 | 26 | 50 | 9 | 28 | 31 | 59 |
| 15) טשעסלערס | — | — | — | — | 3 | 14 | 13 | 27 | 27 | 78 | 71 | 149 | 30 | 92 | 84 | 176 |
| 16) לאַקירניקעס | — | — | — | — | 1 | 2 | 1 | 3 | 7 | 22 | 15 | 37 | 8 | 24 | 16 | 40 |
| 17) האָלץ־העקער | — | — | — | — | — | — | — | — | 47 | 111 | 98 | 209 | 47 | 111 | 98 | 209 |
| 18) שניצער | — | — | — | — | 4 | 12 | 16 | 28 | 5 | 14 | 18 | 32 | 9 | 26 | 34 | 60 |
| 19) שטוב־מאָלערס | — | — | — | — | 2 | 3 | 4 | 7 | 15 | 65 | 54 | 119 | 17 | 68 | 58 | 126 |
| 20) גלעזער | — | — | — | — | 1 | 1 | 3 | 4 | 26 | 74 | 79 | 153 | 27 | 75 | 82 | 157 |
| 21) קאָוואַלעס | — | — | — | — | 8 | 23 | 27 | 50 | 13 | 38 | 28 | 66 | 21 | 61 | 55 | 116 |
| 22) שלאָסער | — | — | — | — | 4 | 11 | 13 | 24 | 10 | 40 | 26 | 66 | 14 | 51 | 39 | 90 |
| 23) ביקסן־מאַכער | — | — | — | — | — | — | — | — | 3 | 9 | 12 | 21 | 3 | 9 | 12 | 21 |
| 24) מייסטערס פון שטאָל־ווערק | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 5 | 4 | 9 | 2 | 5 | 4 | 9 |
| 25) בלעכערס | 2 | 3 | 4 | 7 | 7 | 23 | 21 | 44 | 15 | 37 | 38 | 75 | 24 | 63 | 63 | 126 |
| 26) מייסטערס פון בלעכענע, קופּערנע און צינערנע זאַכן | — | — | — | — | 1 | 2 | 2 | 4 | 17 | 64 | 62 | 126 | 18 | 66 | 64 | 130 |
| 27) קעסל־מאַכער | — | — | — | — | 1 | 4 | 3 | 7 | 22 | 64 | 67 | 131 | 23 | 68 | 70 | 138 |
| 28) שפּילקע־מאַכערס | — | — | — | — | — | — | — | — | 19 | 60 | 68 | 128 | 19 | 60 | 68 | 128 |

(המשך)

| סאָציאַלע גרופּעס / באַשעפטיגונגען | רייכע: משפחות אַלץ די | רייכע: מענער | רייכע: פרויען | רייכע: סך-הכל | מיטעלע: משפחות אַלץ די | מיטעלע: מענער | מיטעלע: פרויען | מיטעלע: סך-הכל | אָרימע: משפחות אַלץ די | אָרימע: מענער | אָרימע: פרויען | אָרימע: סך-הכל | סך-הכל: משפחות אַלץ די | סך-הכל: מענער | סך-הכל: פרויען | סך-הכל: סך-הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 29) קצבים | — | — | — | — | 43 | 127 | 137 | 264 | 26 | 66 | 109 | 175 | 69 | 193 | 246 | 439 |
| 30) בעקערס | — | — | — | — | 8 | 28 | 25 | 58 | 32 | 106 | 64 | 170 | 40 | 134 | 89 | 228 |
| 31) גרויפּן-מאַכערס | 2 | 3 | 4 | 7 | 16 | 58 | 59 | 117 | 18 | 46 | 34 | 80 | 36 | 107 | 97 | 204 |
| 32) איינבינדער | — | — | — | — | 1 | 1 | 1 | 2 | 16 | 38 | 31 | 69 | 17 | 39 | 32 | 71 |
| 33) פאַבריקמאַכערס | 4 | 12 | 9 | 21 | 13 | 39 | 34 | 73 | 6 | 18 | 19 | 37 | 23 | 59 | 62 | 121 |
| 34) פאַרבערס | — | — | — | — | 3 | 9 | 11 | 20 | 16 | 49 | 47 | 96 | 19 | 58 | 58 | 116 |
| 35) וואָטן-מאַכער | 1 | 3 | 1 | 4 | 6 | 18 | 12 | 30 | 14 | 46 | 47 | 93 | 21 | 67 | 60 | 127 |
| 36) קעמעל-מאַכער | — | — | — | — | 1 | 2 | 3 | 5 | 8 | 24 | 17 | 41 | 9 | 26 | 20 | 46 |
| 37) שפּיגל-מאַכערס | 2 | 2 | 3 | 5 | 9 | 30 | 29 | 59 | 11 | 34 | 36 | 70 | 22 | 66 | 68 | 134 |
| 38) שטריק-מאַכערס | — | — | — | — | 3 | 6 | 8 | 14 | 18 | 46 | 41 | 87 | 21 | 52 | 59 | 111 |
| 39) פּיאַנאָ-רעגולירער | — | — | — | — | 1 | 2 | 3 | 5 | 3 | 10 | 11 | 21 | 4 | 12 | 14 | 26 |
| סך-הכל אין גרופּע „ב" | 31 | 58 | 57 | 115 | 581 | 1637 | 1571 | 3208 | 897 | 2629 | 2532 | 5161 | 1459 | 4324 | 4160 | 8484 |
| אין % % | 1,4 | | | | 37,8 | | | | 60,8 | | | | 100,0 | | | |
| ג. פאַבריק-אַרבעטער | — | — | — | — | — | — | — | — | 8 | 34 | 36 | 70 | 8 | 34 | 36 | 70 |
| אין % % | 0,0 | | | | 0,0 | | | | 100,0 | | | | 100,0 | | | |
| ד. משרתים און דינסטן, וואָס שטעלן זיך אויפן יאָר | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 1073 | 1587 | 2660 | — | 1073 | 1587 | 2660 |
| אין % % | 0,0 | | | | 0,0 | | | | 100,0 | | | | 100,0 | | | |
| ה. בעלי-עגלות | — | — | — | — | — | — | — | — | 105 | 296 | 290 | 595 | 105 | 296 | 299 | 595 |
| אין % % | 0,0 | | | | 0,0 | | | | 100,0 | | | | 100,0 | | | |
| סך-הכל אין אָפּטייל „II" | 31 | 58 | 57 | 115 | 532 | 1640 | 1573 | 3213 | 1039 | 4128 | 4544 | 8667 | 1602 | 5811 | 6184 | 11995 |
| אין % % | 0,9 | | | | 26,8 | | | | 72,3 | | | | 100,0 | | | |
| III. אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס | — | — | — | — | — | — | — | — | 597 | 2091 | 2111 | 4202 | 597 | 2091 | 2111 | 4202 |
| אין % % | 0,0 | | | | 0,0 | | | | 100,0 | | | | 100,0 | | | |
| IV. טאָג-אַרבעטער | — | — | — | — | — | — | — | — | 783 | 3049 | 2995 | 6044 | 783 | 3049 | 2995 | 6044 |
| אין % % | 0,0 | | | | 0,0 | | | | 100,0 | | | | 100,0 | | | |
| אינגאַנצן | 197 | 568 | 564 | 1132 | 866 | 2620 | 2554 | 5174 | 3034 | 10974 | 11357 | 22331 | 4097 | 14162 | 14475 | 28637 |
| אין % % | 3,9 | | | | 18,1 | | | | 78,0 | | | | 100,0 | | | |

„ווי וואוינען זעהר ענג, אפט עטליכע פאמיליעס אין איינעם אדער אין צוויי קליינינקע צימערלאך פון אן אלט שטיבל, אזוי אז באנאכט, ווען אלע איינוואוינער זיינען אין דער היים, בלייבט ניט אויף דער פארלאגע קיין ליידיגער פלאץ צווישן די שלאפנדיגע. א סך פון די דאזיגע שטיבלאך זיינען צעטיילט דורך א קארידאר אויף עטליכע קליינע קווארטירעס, וואו די קווארטיראנטן מאכן האנט-פאבריקלאך אדער ווארשטאטן, ווי אויף וואקס שלאגן, ליכט-וואוואדלאך, לעדער-פאבריקלאך ובדומה; מ'ארבעט די גאנצע פאמיליע און דא טאקע וואוינט מען אינאיינעם מיט די שטינקנדיגע מאטעריאלן און פראדוקטן".

די איינטיילונג אויף רייכע, מיטעלע און ארימע איז אבער שטארק פארשיידן בא באזונדערע פראפעסיאנעלע גרופעס. אין פראצענטן האט זיך דאס אויסגעדריקט אויף אזא אופן:

**Berufsgruppierung und soziale Schichtung 1789 (in %).**

| באשעפטיגונג | רייכע | מיטעלע | ארימע |
|---|---|---|---|
| באנקירן, קאפיטאליסטן און פאבריקאנטן | 67,9 | 32,1 | — |
| ארענדארן | 87,1 | 4,0 | 8,9 |
| שיינקערס | 10,8 | 38,4 | 50,8 |
| קרעמער | 16,8 | 32,8 | 50,4 |
| קאמיסיאנערן | 37,6 | 62,4 | — |
| פאקטארן | — | — | 100,0 |
| ליוועראנטן | — | 57,0 | 43,0 |
| ס"ה בא פארמיטלער-קלאסן | 15,9 | 30,7 | 53,4 |
| קליינע פאבריקאנטן | — | 2,7 | 97,3 |
| בעלי-מלאכות און מייסטערס | 1,4 | 37,8 | 60,8 |
| פאבריק-ארבעטער | — | — | 100,0 |
| משרתים און דינסטן | — | — | 100,0 |
| בעלי-עגלות | — | — | 100,0 |
| ס"ה בא די ארבעטנד-קלאסן | 0,9 | 26,8 | 72,3 |
| אן באשטימטע פראפעסיעס | — | — | 100,0 |
| טאג-ארבעטער | — | — | 100,0 |
| אינגאנצן | 3,9 | 18,1 | 78,0 |

מיר האבן די גרופע טאג-ארבעטער ניט אריינגערעכנט אין דעם אפטייל פון ארבעטנדיגע עלעמענטן צוליב דעם, וואס זי רופט ארויס בא אונז אביסל חשד. דער מחבר, בא וועמען מיר נעמען די טאבעלע, באצייכנט די דאזיגע גרופע מיט די רוסישע ווערטער „זאנימאיושטשיעסיא פאדריאנגימי ראבאטאמי", און ס'איז זעהר מעגליך, אז דא זיינען אריין פארשיידענע עלעמענטן און אויך אזעלכע, וואס לעבן פון צופעליגע פארמיטלער-פרנסות. ווארום ס'איז שווער צו גלייבן, אז העכער פון א פינפטל פון אלע בארדיטשעווער אידן (6044) האבן דעמאלט געצוינן חיונה פון שווארצע פוישע טאג-ארבעט.

די נאר וואס געבראכטע ציפערן גיבן זעהר א אינטערעסאנט בילד וועגן דער עקאנאמישער לאגע פון פארשיידענע פראפעסיאנעלע גרופעס. ראשית, זעהען מיר, אז בא די פארמיטלער-קלאסן זיינען געווען רייכע כמעט א זעקסטל (15,9) פון אלע, וואס געהערן צו די דאזיגע גרופעס, ווען צווישן די ארבעטנדיגע קלאסן זיינען רייכע געווען בסך-הכל ווייניגער פון א י י ן פראצענט. ווארפן מיר א בליק אין יעדער אפטייל אויף באזונדערע פראפעסיאנעלע גרופעס, זעהען מיר, אז צווישן די פארמיטלער קלאסן זיינען געווען די רייכסטע די ארענדארן און די באנקירן, קאפיטאליסטן און פאבריקאנטן; די ארימסטע אין דעם אפטייל זיינען געווען די פאקטארן און די ליוועראנטן, ווען די קאמיסיאנערן זיינען באשטאנען בלויז פון רייכע און מיטעלע עלעמענטן. דער פאקטאר האט געמעקלערט אויפן ארט דעם פרייז א קליינע קניה אדער א נישטיקע מכירה און איז אפגעקומען; ס'איז שוין אבער צו יענער צייט געווען אין בארדיטשעוו אן אגענט פון אדעסער פירמעס, וואס פלעגט אויפקויפן גרויסע פארטיעס תבואה פאר זיין פירמע; ס'איז געווען א קאמיסיאנער, וואס האט באזארגט די פילע פראווינציעלע קונים מיט בארדיטשעווער סחורות — אט די דאזיגע קאמיסיאנערן, די קינדער פון דער נייער קאפיטאליסטישער צייט און ניט די ירושה פונם אמאליגן פריציש-שליאכטישן סדר, הי די פאקטארן זיינען דאס געווען, אט זיי האבן געהאט גאנץ שען פרנסה, באזונדערס אין דער ערשטער צייט, אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יארהונדערט.

אין דעם אפטייל פון ארבעטנדיגע קלאסן ווארפט זיך אין די אויגן דער פאקט, וואס די קליינע פאבריקאנטן גיבן א סך ווייניגער רייכע און מיטעלע עלעמענטן, ווי די בעלי-מלאכות. ווייזט אויס, אז שוין דעמאלט זיינען געווען צווישן די בעלי-מלאכות אזעלכע, וואס האבן פיין פארדינט, ווען די קליין-פאבריקאציע האט ערשט אנגעהויבן זיך אנטוויקלען און אירע ערשטע פיאנערן זיינען געווען ניט קיין נגידים. כדי צו האבן א באגריף, וואס דאס זיינען געווען פאר פאבריקאנטן וועלן מיר בריינגען דאטן וועגן דעם יערליכן אומזאץ פון צוויי בארדיטשעווער וויף-וואווארן. איינער פון זיי איז געגרינדעט געווארן אין 1833-טן יאר און זיין איינריכטן האט באטראפן 3000 רובל; דער צווייטער איז אויסגעבויט געווארן אין 1834-טן יאר און זיין אויפשטעלן האט געקאסט 2100 רובל. אויסגעארבעט האבן ביידע וואווארן צום סוף פון העלפט פון 19-טן יארהונדערט בערך 5200 פוד וויף, וואס האבן באטראפן אביסל מער פון עלף טויזנט רובל. אינגאנצן האבן געארבעט אויף ביידע וואווארן שטענדיגע פינף ארבעטער, וואס יעדער פון זיי פלעגט באקומען פון 50 ביז 75 רובל א יאר. אט זיינען ידיעות וועגן א ליכט-וואוואד, וואס האט אויך געהערט א אידן און וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אין 1838-טן יאר. דער דאזיגער וואוואד האט אין פינף יאר (1844—48) אויסגעארבעט 31 טויזנט פוד ליכט, וועלכע האבן באטראפן 135 טויזנט רובל און וואס האבן דעם וואוואד געקאסט 127,075 רובל. ריינער ריוח פאר פינף יאר (1844—48) איז געווען אויף אזא אופן 7,925 רובל אדער 1585 רובל יערליך.

די נאר וואס געבראכטע ידיעות מאלן אונז געוויס די רייכסטע פארשטייער פון דער קליין-פאבריקאציע, ווארום ריינער ריוח פון 1585 רובל א יאר איז געווען צו יענער צייט ניט קיין קליינער פארדינסט און א קאפיטאל פון עטליכע טויזנט רובל, וואס האט געמוזט שטענדיג ליגן אינם וואוואד און אין די מאטעריאלן, האט דעמאלט שוין באטייט א געוויסע מדרגה פון עשירות.

לאמיר זעהען, פון וואסערע סאציאלע גרופעס איז באשטאנען די בארדיטשעווער אידישע קהלה. נעמען מיר די אפטיילן, וואס זיינען אנגעוויזן אין דער טאבעלע, זעהען מיר, אז די פארמיטלער-קלאסן בילדן 22,3 פראצענט; די ארבעטנדיגע קלאסן (אן די טאג-ארבעטער) — 41,9 פראצענט; אן באשטימטע פראפעסיעס — 14,7 און די טאג-ארבעטער — 21,1 פראצענט.

לויט די דאזיגע דאטן קומט אויס, אז אין די פופציגער יארן האבן די ארבעטנדיגע עלעמענטן געבילדעט א גרויסע מערהייט צווישן די בארדיטשעווער אידן. אין פארגלייך מיטן סוף פון

18־טן יאָרהונדערט איז דאָס ממש אַ גאַנצע איבערקערעניש — אין 1789־טן יאָר האָבן די מאַרמיטלער־עלעמענטן אויסגעמאַכט מער פון 70 פּראָצענט און די אַרבעטנדיגע סך־הכּל אַ פערטל פון אַלע אידן; שפּעטער מיט 60 יאָר מאַכן שוין אויס די מאַרמיטלער־קלאַסן ווייניגער פון אַ פערטל און די אַרבעטנדיגע עלעמענטן מער פון אַ העלפט (מיט אַ טייל פון די טאָג־אַרבעטער). די דאָזיגע ערשיינונג ווערט אונז קלאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז באַרדיטשעוו איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט דאָס, וואָס וואַרשע איז געוואָרן אין דער צווייטער העלפט — דער צענטער פון דער הויז־אינדוסטריע. פאַרשטייט זיך, אַז אין כמות, אין פינאַנציעלן אומקער, קאָן מען ניט פאַרגלייכן די צוויי ערטער. נאָר נעמט מען דעם מאַסשטאַב פון יענער צייט, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז באַרדיטשעוו האָט בערך פאַרקויפט פאַר דער פּראָווינץ אַ סך אויסגעאַרבעטע אויפן אָרט פּראָדוקטן. ווי מיר וועלן זעהן שפּעטער פון די דאַטן פון 1897־טן יאָר האָט די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג געפירט דערצו, אַז דער מאַרמיטלער־עלעמענט איז אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט שטאַרקער אויסגעוואַקסן, ווי די אַרבעטנדיגע קלאַסן. באַרדיטשעוו האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן אַ סך מער פרעמדע סחורות, וואַרשעווער, מאָסקווער און אויסלענדישע, איידער אויסגעאַרבעטן אייגענע.

מיר גייען איבער צו די באַזונדערע גרופּעס. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַלע גרופּעס, ווייל צו אַ סך פון זיי וועט אונז נאָך אויסקומען זיך אומקערן, ווען מיר וועלן רעדן וועגן די דאַטן פון 1897־טן יאָר.

די גרופּע אַרענדאַרן שטעלט פאָר מיט זיך אַ באַזונדערן היסטאָרישן אינטערעס — אין 1897־טן יאָר האָט זי שוין אין לעבן געפעלט. ווי מיר זעהען פון די טאַבעלע האָבן געלעבט אין 1849 פון אַרענדאַריי סך־הכּל 124 נפשות — די דאָזיגע גרופּע האָט אָבער פאַרנומען אַ וויכטיגן אָרט אין לעבן און האָט געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע ווי איר איז געקומען לויט איר צאָל. כדי צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן די הכנסות פון די אַרענדעס פון די גוטס־באַזיצער — די בעלי־בתּים פון באַרדיטשעוו, וועלן מיר ברייגען פאָלגנדיגע ציפער:

**די הכנסות פון די פּריצים פון אַרענדעס פאַר 10 יאָר (1839-1848).**

**Die Einnahmen der Gutsbesitzer von den Pächtern in zehn Jahren (1839—1848).**

| אַרענדעס | די סומע געלט: רובלען | די סומע געלט: קאָפּ. |
|---|---|---|
| משקאות | 392,069 | 87 |
| האָג | 18,500 | 41 |
| האַנדל־שטייער | 102,409 | 95 |
| ליכט | 45,882 | 36 |
| מילן | 32,337 | 57 |
| פיש־געפאַנג | 1,852 | 27 |
| ביר־קאָכן און אייזן־פאַרקויף | 82,649 | 38 |
| שחיטה | 1,810 | 20 |
| טראַקטירן, פּאַשע און אַנדערע | 26,641 | 50 |
| פּלאַטקעס אויף צו פאַרקויפן דושעגעכץ און פאַר די פּלעצער, וואָס זיינען פאַרנומען פון בעקערס און איבערקויפערס | 20,592 | – |
| הייזער צינז | 61,541 | 85 |
| אויסאַרבעטונג פון ציגל | 6,150 | 90 |
| סך־הכּל | 791,988 | 29 |

דורכשניטליך האָבן געהאַט די בעלי־בתּים פון דער שטאָט באַרדיטשעוו יעֶרליך הכנסה פון אַרענדעס — 79,193 רובל.

כמעט אַ גאַנצע העלפט פון דעם אַרענדע־געלט איז אַריינגעפאַלן פאַרן אַרענדירן דעם פאַרקויף פון משקאות. דער האַנדל מיט בראָנפן און מיט אַנדערע שטאַרקע משקאות, שוין ניט רעדנדיג וועגן דער שיינקעריי, איז געלעגן כמעט אויסשליסליך אין אידישע הענט. אין גאַנץ קיעווער גובערניע, למשל, איז פאַרקויפט געוואָרן פון די גוטס־באַזיצער, וואָס זיי זיינען געווען די בעלי־בתּים פון די גוראַלניעס, אין 1847־טן יאָר — 1,026,356 עמער בראָנפן. פון דעם איז דורכגעגאַנגען דורך אידישע הענט 710,162 עמער אָדער 70 פּראָצענט.

די שיינקעריי, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז נאָך דעמאָלט געווען כמעט אויסשליסליך אַ אידישע פּרנסה און האָט נאָך פאַרנומען אַ בכבודיגן אָרט אין אידישן לעבן. אין פאַרגלייך אָבער מיט 1789־טן יאָר האָט די שיינקעריי אַ סך פאַרלאָרן. אין 1789־טן יאָר האָבן געלעבט פון שיינקעריי כמעט אַ גאַנץ פערטל פון דער אידישער קהלה (24,3 פּראָצענט) און אין 1849־טן האָבן געהאַט חיונה פון דער דאָזיגער מיאוסער פּרנסה סך־הכּל 6,3 פּראָצענט פון אַלע באַרדיטשעווער אידן. וועגן אַלע איבעריגע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס וועלן מיר רעדן שפּעטער אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאַטן פון 1897־טן־יאָר.

## III

איידער מיר גייען איבער צו טאַבעלע II, וואָס גיט אונז די באַשעפטיגונגען פון די באַרדיטשעווער אידן אין 1897־טן יאָר, וועלן מיר ברייגען די ידיעות וועגן געשלעכטס־ און עלטער־צוזאַמענשטעל פון די באַרדיטשעווער אידן אין דעם דאָזיגן יאָר.

**די באַרדיטשעווער אידן לויט געשלעכט און עלטער (1897).**

**Die Juden in Berditschew nach Geschlecht und Alter**
**a) absolut.**

| עלטער / געשלעכט | מענער | פרויען | סך־הכּל |
|---|---|---|---|
| אינגער פון 1. יאָר | 637 | 588 | 1225 |
| פון 1 ביז 9 „ | 4612 | 4652 | 9264 |
| „ 10 „ 19 „ | 4431 | 5439 | 9870 |
| „ 20 „ 29 „ | 3217 | 3707 | 6924 |
| „ 30 „ 39 „ | 2240 | 2528 | 4768 |
| „ 40 „ 49 „ | 1775 | 1971 | 3746 |
| „ 50 „ 59 „ | 1277 | 1561 | 2838 |
| 60 יאָר און מער | 1263 | 1217 | 2480 |
| פון אומבאַקאַנטן עלטער | 3 | 7 | 10 |
| אינגאַנצן | 19,455 | 21,670 | 41125 |

די אַלגעמיינע צאָל אידן, וואָס ווערט דאָ אָנגעוויזן, פאַלט ניט צונויף מיט דער נאָך אין אַנדערן אַרטיקל אָנגעגעבענער ציפער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דאָרט ווערט גענומען די צאָל אידן פון אידישן גלויבן און ביים איינטיילן די אידן לויט געשלעכט און עלטער, ווי אויך בײַ די באַשעפטיגונגען, ווערן שוין גערעכנט נאָר די אידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן אידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך.

די נאָר וואָס געבראַכטע ציפערן וועלן באַקומען מער אינהאַלט און זין, ווען מיר וועלן אויסרעכענען, וויפיל קומט אויס

פרויען אויף הונדערט מענער אין יעדער עלטער-גרופּע באַזונדער.

אויף הונדערט מענער זיינען געווען פרויען:

די צאָל פרויען אויף הונדערט מענער אין יעדער עלטער-גרופּע

b) in Relativziffern

| עלטער-גרופּעס | אין באַרדיטשעוו | אין קיעווער גובערניע |
|---|---|---|
| אינגער פון 1 יאָר | 92,3 | 94 |
| פון 1 ביז 9 „ | 100,8 | 101 |
| „ 10 „ 19 „ | 122,7 | 119 |
| „ 20 „ 29 „ | 115,2 | 109 |
| „ 30 „ 39 „ | 112,4 | 108 |
| „ 40 „ 49 „ | 111,0 | 109 |
| „ 50 „ 59 „ | 122,2 | 107 |
| 60 יאָר און מער | 96,4 | 90 |
| פון אומבאַקאַנטן עלטער | 233,3 | 106 |
| סך-הכל | 111,4 | 107 |

פון די דאָזיגע ציפערן ווערט קלאָר, ווי גרויס איז דער אָפּפאָר פון באַרדיטשעוו, גראָדע פון די עלעמענטן, וואָס רעכענען זיך פאַר די פּראָדוקטיווסטע. ווארום דאָס, וואָס אין דער עלטער-גרופּע פון 10 ביז 19 יאָר איז דאָ אַזא גרויסע צאָל פרויען אָדער אַזוי וויניג מענער דערקלערט זיך אויך געוויס נאָר דערמיט, וואָס די אידישע יונגט פון 15 און 16 יאָר אָן ניט נאָר אַ גרויסן פּראָצענט עמיגראַנטן.

לאָמיר איבערגייען צו די באַשעפטיגונגען פון די באַרדיטשעווער אידן אין 1897-טן יאָר. ווארפט מען אַ קוק אויף דער טאַבעלע II אפילו נאָר איבערנאַייפּיג, באַמערקט מען, אַז פאַר די פאַרגאַנגענע פון 1849-טן יאָר 48 יאָר האָט די דיפערענציאַציע פון דער אידישער באַפעלקערונג געמאַכט גרויסע שריט פאָראויס. די אידישע קהלה פון באַרדיטשעוו האָט שוין צו דער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט פאַרמאָגט אַלע סאָציאַלע עלעמענטן, וועלכע האָבן אין דער צווייטער העלפט פון דאָזיגן יאָרהונדערט זיך ווייטער אַנטוויקלט און דער עיקר ניט אַזוי אין דער ברייט, ווי אין דער טיף. די צוויי כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם — דאָס אויפקומען פון דער גרויס-בורזשואַזיע און פונם אַרבעטער-קלאַס — טרעטן דאָ פאַר אונז אַרויס גענוג קלאָר. אמת, בנוגע צו דער צאָל אידישע פאַבריק-אַרבעטער זיינען ניטאָ קיין גענויע ידיעות וועגן 1897-טן יאָר; ס׳איז אָבער קלאָר, אַז פון די העכער 14 טויזנט נפשות, וואָס האָבן געלעבט פון אינדוסטריע אין דעם דאָזיגן יאָר, זיינען געווען ניט ווייניגער פון צוויי טויזנט, וואָס האָבן געהאַט חיונה פון פאַבריק-אַרבעט, ווען אין 1849-טן יאָר זיינען געווען אַזעלכע נאָר 70 נפשות. בנוגע צו דער גרויס-בורזשואַזיע האָבן מיר דערפאַר וועהר אינטערעסאַנטע ציפערן. אַזוי, האָבן געלעבט פון פרנסה פון קאַפּיטאַל, פון הייזער, פון ערד וכדומה:

1) אין 1849-טן יאָר — 22 נפשות.

2) אין 1897-טן יאָר — 1450 נפשות.

פון יעדע 10,000 אידישע נפשות פון באַרדיטשעווער קהלה האָבן געלעבט פון די נאָרוואָס אָנגעוויזענע הכנסות:

1) אין 1849-טן יאָר — 8 נפשות

2) אין 1897-טן יאָר — 352 נפשות.

ס׳זיינען גענוג די נאָר וואָס געבראַכטע ציפערן, אַז ס׳זאָל זיין קלאָר פאַר אונז, ווי טיף די קלאַסן-דיפערענציאַציע האָט זיך אַנט-

היקלט פאַרן צווייטן האלבן יאָרהונדערט. די דאָזיגע ערשיינונג ווערט אויך באַשטעטיגט פון דער רובריק ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אין 1849-טן יאָר פעלט אינגאַנצן די דאָזיגע רובריק; דאָס הייסט ניט, אַז זי האָט אינגאַנצן געפעלט אין לעבן — מסתמא זיינען דעמאָלט אויך געווען אין באַרדיטשעוו אַ פאָר אידישע דאָקטוירים, שוין ניט רעדנדיג וועגן מלמדים, וועלכע זיינען געווים געווען ניט ווייניג. די דאָזיגע גרופּע האָט אָבער דעמאָלט ניט געשפּילט קיין שום ראָלע אין אידישן לעבן, באַזונדערס אין עקאָנאָמישן. אין 1897-טן אָבער האָבן שוין געלעבט אין באַרדיטשעוו פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס ביז 1500 נפשות און אין קולטורעלן זינען איז זייער וואָג און ווירקונג געווים געווען אַ סך גרעסער, ווי פון אַנדערע גרעסערע גרופּעס.

לאָמיר פאַרגלייכן אייניגע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס אין 1849-טן און אין 1897-טן, ווארום ערשט דעמאָלט ווערט קלאָר דער אמתער כאַראַקטער פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון באַרדיטשעווער אידן. אין טאַבעלע III ווערן געבראַכט די דאָזיגע דאַטן.

פון דער דאָזיגער טאַבעלע זעהען מיר, אַז אין אינדוסטריע זיינען געווען פאַרנומען פון יעדע 10.000 אידן:

1) אין 1849-טן יאָר — 3064

2) אין 1897-טן יאָר — 3428.

דער צוּוואַקס איז ניט זעהר קיין גרויסער; ער איז קלענער, ווי דער צוּוואַקס בײַ דער האַנדלס-גרופּע, בײַ וועלכער די אַנטשפּרעכנדיגע דאַטן זיינען 2408 און 3495. מיר האָבן שוין העכער אָנגעוויזן, פאַר וואָס אין באַרדיטשעוו איז אין צווייטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט מער אויסגעוואַקסן דער האַנדלס-קלאַס. די טאַבעלע III אילוסטרירט זעהר גוט די דאָזיגע מיינונג, אַז באַרדיטשעוו האָט אַ סך אַרטיקלען אויפגעהערט אויסאַרבעטן אין אירע אייגענע וואַרשטאַטן און האָט אָנגעהויבן אַריינפירן די אייגענע אַרטיקלען פון דער פרעמד.

נעמען מיר, למשל, די נומערן 19 און 20 פון דעם אינדוסטריע-אָפּטייל — אינסטרומענטן, ויינערס, יובעליר-אַרבעט, לוקסוסזאַכן און אַנדערע — און פאַרגלייכן מיטן נומער 42 פון האַנדלאָפּטייל, וואָס אַנטשפּרעכט פולשטענדיג די דערמאָנטע נומערן. כיר זעהען, אַז די צאָל מענשן, וואָס האָבן געלעבט פון אויסאַרבעטן אַזעלכע פּראָדוקטן, האָט זיך אפילו אַבסאָלוט פאַרקלענערט — פון 711 אויף 624 —, ווען די צאָל מענשן, וואָס האָבן געהאַט חיונה פון האַנדלען מיט די דאָזיגע פּראָדוקטן, האָט זיך פאַרגרעסערט צוויי מאָל — פון 238 ביז 615. פאַרגלייכן מיר די ציפער, וואָס ווייזן אונז די אויסאַרבעטונג פון קליידער און דעם האַנדל מיט מאַנופאַקטור און קליידער, זעהען מיר, אַז ווען די אויסאַרבעטונג פון קליידער האָט זיך פאַרגרעסערט סך-הכל אויף 23,1 פּראָצענט, האָט זיך דער האַנדל מיט מאַנופאַקטור און פאַרטיגע קליידער פאַרגרעסערט אויף 181 פּראָצענט. און ס׳איז נאָר קיין ספק ניט, אַז אויסגעוואַקסן איז ניט נאָר דער מאַנופאַקטור-האַנדל, נאָר אויך דאָס אַריינפירן פון גרייטע וועש און קליידער פון וואַרשע און מאָסקווע.

די געבראַכטע צוויי אינדוסטריע-גרופּעס זיינען באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער הויז-אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אַזוי צעוואַקסן אין וואַרשע, און פון זייער צושטאַנד אין באַרדיטשעוו אין 1849-טן יאָר און אין 1897-טן ווערט קלאָר, אַז באַרדיטשעוו האָט אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט מער אויסגעאַרבעט פון די דאָזיגע פּראָדוקטן און אין דער צווייטער העלפט פונם דאָזיגן יאָרהונדערט מער געהאַנדלט מיט די דאָזיגע זאַכן.

### טאַבעלע III

## די באַשעפטיגונגען פון די אידן אין באַרדיטשעוו

### אין 1849־טן און אין 1897־טן יאָר

## Die Berufe der Juden in Berditschew

### im Jahre 1849 und 1897

| №№ לויט דער רוסישער פראָפעסיע־קלאַסיפי־קאַציע | באַשעפטיגונגען | אין 1849-טן יאָר | אין 1897-טן יאָר | צוּוואַקס פון 1849-טן ביז 1897-טן יאָר: אין אַבסאָלוטע צאָלן | צוּוואַקס פון 1849-טן ביז 1897-טן יאָר: אין %% | פון יעדע 1000 פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן געלעבט פון די אָנגעוויזענע פראַפעסיעס אין: 1849-טן יאָר | פון יעדע 1000 …: 1897-טן יאָר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | טעקסטיל-אינדוסטריע | 152 | 631 | + 479 | + 315,1 | 58 | 154 |
| 9 | אינדוסטריע פון פעל, לעדער, חזיר-האָר און אַנד. | 220 | 1394 | +1174 | + 533,6 | 77 | 338 |
| 10 | אויסאַרבעטן פון האָלץ-פראָדוקטן | 1018 | 1423 | + 405 | + 39,8 | 356 | 346 |
| 11 | „ „ מעטאַל- | 758 | 845 | + 87 | + 11,5 | 265 | 206 |
| 12 | „ „ מינעראַל- | 134 | 57 | − 77 | − 57,5 | 47 | 14 |
| 13 | כעמישע אינדוסטריע | 32 | 259 | + 227 | + 709,4 | 11 | 63 |
| 14 | ספירט-און ביר-פראָדוקציע | 5 | 63 | + 58 | +1160,0 | 2 | 15 |
| 16 | שפייז-פראָדוקציע | 885 | 762 | − 123 | − 13,9 | 309 | 185 |
| 17 | טאַבאַק-אינדוסטריע | 64 | 347 | + 283 | + 442,2 | 22 | 84 |
| 18 | פּאָליגראַפישע און פּאַפּיר-אינדוסטריע | 71 | 404 | + 333 | + 469,0 | 25 | 98 |
| 19 | פיזישע, כעמישע, כירורגישע אינסטרומענטן, זייגערס און שפּילעכלאַך | 231 | 157 | − 74 | − 32,0 | 81 | 38 |
| 20 | יובעליר-אַרבעט, מאָלעריי, לוקסוס- און קולטואַכן | 480 | 467 | − 13 | − 2,7 | 168 | 114 |
| 21 | קליידער-אינדוסטריע | 4321 | 5321 | +1000 | + 23,1 | 1509 | 1294 |
| 22 | בוי-אַרבעט | 283 | 1632 | +1349 | + 476,7 | 99 | 397 |
| 25 | היגיענע-אונטערנעמונגען (שערער, בעדער און אַנד.) | 121 | 337 | + 216 | + 178,5 | 42 | 82 |
| | **סך־הכל אין אינדוסטריע** | 8775 | 14099 | +5324 | + 60,7 | 3064 | 3428 |
| 28 | אָרטיגער טראַנספּאָרט (בעלי-עגלות און אַנד.) | 595 | 892 | + 297 | + 49,9 | 208 | 217 |
| 31 | קרעדיט-אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטליכע קאָמערצי-עלע אינסטיטוציעס | 96 | 227 | + 131 | + 136,5 | 33 | 55 |
| 32 | פאַרמיטלעריי | 1318 | 1064 | − 254 | − 19,3 | 460 | 259 |
| 35 | ברויט-מסחר | 61 | 795 | + 734 | +1203,3 | 21 | 193 |
| 36 | האַנדל מיט אַנדערע אַגראַר-פראָדוקטן | 746 | 3851 | +3105 | + 416,2 | 257 | 936 |
| 37 | „ „ געהילץ און מיט האָלץ | 258 | 961 | + 703 | + 272,4 | 90 | 234 |
| 39 | „ „ מעטאַל-סחורות, מאַשינעס און געווער | 180 | 445 | + 265 | + 147,2 | 63 | 108 |
| 40 | „ „ מאַנופאַקטור | 1396 | 3923 | +2527 | + 181,0 | 487 | 954 |
| 41 | „ „ לעדער און רויכוואַרג | 204 | 1023 | + 819 | + 401,5 | 71 | 249 |
| 42 | „ „ לוקסוס, קונסט-, און קולטוואַכן און וויסענשאַפטליכע אינסטרומענטן | 238 | 615 | + 377 | + 158,4 | 83 | 149 |
| 45 און 46 | טראַקטירן און שענקען | 1805 | 578 | −1227 | − 68,0 | 630 | 141 |
| | **סך־הכל אין האַנדל** | 6897 | 14374 | +7477 | + 108,4 | 2408 | 3495 |
| 47 | פּערסאָנאַל און אָנגעשטעלטע אין פּריוואַטע אונטערנע-מונגען און כלעריי דינסט און טאָגאַרבעטער | 2660 | 3456 | + 796 | + 29,9 | 929 | 840 |
| 59 | מענשן, וואָס לעבן פון הכנסה פון קאַפּיטאַל, הייזער, ערד, אָדער אויף מיטלען, וואָס זיי באַקומען פון עלטערן און קרובים | 22 | 1450 | +1428 | +6490,9 | 8 | 352 |

פון דער טאַבעלע III קאָן מען אויך זעהען, אין וואָסערע פּראָדוקציאָנס־צווייגן באַרדיטשעוו האָט געמאַכט ערפאָלג אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. נעמען מיר № 9 — די אויסאַרבעטונג פון פעל, לעדער, חזיר־האָר און אַנדערע, זעהען מיר, אַז פון 1849־טן ביז 1897 האָט זיך די צאָל מענשן, וואָס לעבן פון דער דאָזיגער אויסאַרבעטונג, פאַרגרעסערט מער ווי פינף מאָל — פון 220 ביז 1394. אין דער דאָזיגער גרופּע גייען אַריין די לעדער־ און בערשטל־פאַבריקאַציע און אין די דאָזיגע ביידע פאַבריקאַציעס באַזונדערס אין דער ערשטער, האָט באַרדיטשעוו אַ סך אויפגעטאָן פאַר די לעצטע צענדליגע יאָרן. בנוגע צו די לעדער־אַרטיקלען איז אויך דער מסחר מיט זיי אויסגעוואַקסן מער ווי פיר מאָל.

אינטערעסאַנט איז, וואָס די צאָל אידן, וואָס זיינען פאַרנומען אין דער מעטאַל־אינדוסטריע, האָט זיך פאַר דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט כמעט ווי ניט פאַרגרעסערט, ווען ס'איז נאָר קיין ספק ניט, אַז פאַר דעם דאָזיגן פעריאָד צייט איז געוויס שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל פון די אידישע שלאָסערס און קאָוואַלעס. דאָס קאָן מען דערקלערן נאָר דערמיט, וואָס פאַר דער איינענער צייט זיינען אָפּגעשטאָרבן אייניגע אַרבעטן, וועלכע זיינען אַריבער צו דער פאַבריק, ווי אויסאַרבעטן שפּילקעס און ביקסן וכדומה, און אין 1849־טן יאָר האָבן זיי באַשעפטיגט אין באַרדיטשעוו ניט ווייניג אידישע הענט.

זעהר אַ אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל טראָגט אין זיך די האַנדל־גרופּע.

נומער 32 ווייזט אונז, אַז די צאָל נפשות, וואָס לעבן פון פאַרמיטלעריי אין ענגן זינען פון וואָרט — פאַקטאָריי, מעקלעריי, קאָמיסיאָנעריי, אַרענדע וכדומה — האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט פון 1318 ביז 1064. ס'איז נאָר קיין ספק ניט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ טיפער שנוי ניט נאָר אין כמות, נאָר אויך אין איכות — אויב אין 1849־טן יאָר האָבן אין דער דאָזיגער גרופּע פאַרנומען דעם אויבן־אָן דער אַלט־מאָדישער פּריציש־שליאַכטישער פאַקטאָר, פאַרנעמען שוין אין 1897־טן יאָר דאָס דאָזיגע אָרט דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטיש־אינדוסטריעלער קאָמיסיאָנער און וואָיאַזשער. אין 1849־טן יאָר האָבן געהאַט חיונה פון פאַקטאָריי, אַרענדע און מעקלעריי 4,60 פּראָצענט פון אַלע באַרדיטשעווער אידן און שפּעטער מיט 48 יאָר שוין נאָר 2,59 פּראָצענט, אי דאָס פון קאָמיסיאָנעריי און אַגענטור, וואָס זיינען דאָך אַ העכערע מדרגה הן אין עקאָנאָמישן הן אין קולטורעלן זינען, ווי דאָס אַמאָליגע פאַקטאָרן.

אויסגעוואַקסן איז שטאַרק דער ברויט־מסחר — מער ווי צוויי מאָל. ס'זיינען פאַראַן גענוג ידיעות, אַז שוין אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז דער ברויט מסחר אין באַרדיטשעווער אויעזד געווען כמעט אויסשליסליך אין אידישע הענט. אַזוי פון 2,967,650 רובל, וואָס איז געלייזט געוואָרן פאַר תבואה אין קיעווער גובערניע אין 1847־טן יאָר, איז אָנגעקומען אויף די אידישע תבואה־סוחרים 1,720,250 רובל אָדער 58,0 פּראָצענט; אין באַרדיטשעווער אויעזד איז אין דעם אייגענעם יאָר אָנגעקומען פון אַ פּדיון פון 419,450 רובל אויף אידישע ברויט־הענדלער — 385,000 אָדער 91,1 פּראָצענט. דער ברויט־האַנדל איז אָבער נאָך דער באַפרייאונג פונם פּויערטום אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן, אַז ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס אין 1897־טן יאָר האָט דער דאָזיגער מסחר געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע אין לעבן פון די באַרדיטשעווער אידן, ווי אין 1849־טן יאָר.

די צאָל אידן, וואָס האַלטן טראַקטירן און שיינקען, האָט זיך פון 1849־טן יאָר ביז 1897־טן יאָר פאַרקלענערט פון 1805 ביז 578, *מער ווי דריי מאָל*.

פון שיינקעריי האָבן געלעבט בײַ די באַרדיטשעווער אידן:

1) אין 1789־טן יאָר — 24,3 %
2) אין 1849־טן יאָר — 6,30%
3) אין 1897־טן יאָר — 1,41%

אָט די דריי קליינע שורה־לאַך שפּיגלען אָפּ אין זיך און סימבאָליזירן די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין אידישן לעבן אין 19־טן יאָרהונדערט. פונם שיינק האָט געצויגן חיונה צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט *אַ גאַנץ פערטל* פון דער אידישער באַרדיטשעווער באַפעלקערונג און צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט בסך־הכל *איין זיבצינטל*.

מיר האָבן אין אָנהויב אַרטיקל געזאָגט, אַז מיר קלייבן זיך ניט געבן אַ גאַנץ בילד פון לעבן פון באַרדיטשעווער אידן פאַר די פאַרגאַנגענע 130 יאָר — דערצו פאָדערט זיך נאָך אַ סך מאַטעריאַל, וואָס מוז צונויפגענומען ווערן אויפן אָרט. מיר וועלן נאָר האָפן, אַז אונזערע מאַטעריאַלן וועלן הערווייזן, וואָס פאַר אַ גרויסן אינטערעס ס'שטעלט מיט זיך פאַר די געשיכטע פון באַרדיטשעווער קהלה און וועלן אפשר מאַכן גרינגער די ווייטערדיגע אַרבעט אין דער ריכטונג.

——

## קוועלן:

1) Архивъ Юго-западной Россіи, часть пятая томъ II, вып. 1 и 2-ой. Переписи еврейскаго населенія въ юго-западномъ краѣ въ 1765—1791 гг.

2) Ив. Фундуклей: Статистическое описаніе Кіевской губ. 1852 г. Три части.

3) Всероссійская Перепись 1897 года.

4) Б. Бруцкусъ: Статистика еврейскаго населенія. С.-Петербургъ 1909 г.

BLANK PAGE

BLANK PAGE

# די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד פון 1905 ביז דער לעצטער צייט*)

פראָפ. ב. ברוצקוס

# Die sozialökonomische Lage der Juden in Russland von 1905 bis in die jüngste Gegenwart

von Prof. B. Brutzkus

(סוף)

## IV

נאָך דער מפּלה פון 1915 האָט די רוסישע רעגירונג באַשלאָסן, אַז אָקעגן דער גלענצענדיגער אָרגאַניזאַציע און רייכער פאַרזאָרגונג פון שונא איז נייטיג אַריינצושטעלן רוסלאַנדס שטאַרקסטע געווער — די גרויסע מענגע פון קאַנאָנען־פלייש. דורך אַ רייע כסדרדיגע מאָביליזאַציעס האָט די רעגירונג פאַרגרעסערט די צאָל פונ׳ם מיליטער ביז צו דער אומגעהייערער ציפער פון 15 מיליאָן. מיט דער הילף פונ׳ם אַלגעמיינעם מיטגעפיל מצד דער געזעלשאַפט איז די אינדוסטריע אינגאַנצן מאָביליזירט געוואָרן פאַר די צרכים פון דער מלחמה. נאָך אַלעמען איז אָבער ניט געווען קיין שום מעגליכקייט צו באַוואָפענען אַ זעלכע גרויסע מאַסן. אַ גוטע העלפט פון דער אַרמיי איז געזעסן אין רוקן, דאָרט דעמאָראַליזירט געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין געפערליכן ברען־שטאָף פאַר אויפרעגונג און אויפשטאַנד. דורך די אומאויפהערליכע מאָביליזאַציעס האָט דער אַלטער רעזשים זיך אַליין צוגעגרייט זיין איינענע מפּלה. אָט די מאָביליזאַציעס האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער פּראָדוקטיווקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט אין די ווייניג באַפעלקערטע דרומדיגע און מזרחדיגע קאַנטן, וועלכע פלעגן געבן די גרעסטע סכומים תבואה. אין דערזעלבער צייט איז פאַר דער רעגירונג אויסגעוואַקסן אַ שווערע פּראָבלעם פון שפּייזן די 15־מיליאָניגע אַרמיי און אויך די שטאָטישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט שוין געאַרבעט כמעט אויסשליסליך פאַר די צרכים פון דער אַרמיי. תבואה אין לאַנד איז נאָך געווען גענוג. אָבער אַרויסבאַקומען בײַ די הויפּט־פּראָדוצירער — בײַ די פּויערים — איז געוואָרן אַלץ שווערער, ווייל בײַ זיי איז שוואַכער געוואָרן דער לוסט צו פאַרקויפן. דעם בראָנפן־פאַרקויף, וועלכער פלעגט דורכן אויסטויש אַרויסציהען אויפן מאַרק אַ ערך 500 מיליאָן פּוד תבואה, האָט די רעגירונג אָפּגעשטעלט. די שטעט האָבן געקאָנט געבן דעם פּויערטום זעהר ווייניג סחורות פאַרן ברויט. געלט האָבן די פּויערים געהאַט אונבערגרענצט פון דער קצבה, וואָס זיי פלעגן באַקומען פאַר די מאָביליזירטע מיטגלידער פון דער פאַמיליע. אויף אַזאַ אופן, איז די שנעלע פאַרט״ערונג פונ׳ם ברויט געווען אַ פועל־יוצא פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קאָניונקטור.

די רעגירונג האָט אָבער ניט געוואָלט מיטברויכן מיט די אַזוי אויך גרויסע עמיסיעס, זי וואָלט וועלן בעסער ביליגער באַקומען פּראָדוקטן און אַזוי אַרום ביליגער פירן די מלחמה. צוליב דעם צוועק האָט זי אָן טאָרמירן די תבואה־פּרייזן און מוז אָנקומען צו רעקוויזירונגען פון תבואה. דער פועל־יוצא פון אָט די מאַסנאָמן איז געווען לחלוטין אַ נעגאַטיווער, — דער פּריוואַטער תבואה־האַנדל איז אינגיכן לגמרי דעזאָרגאַניזירט געוואָרן, און די הויפּט־שטעט האָבן אָנגעהויבן פילן אַ שטאַרקן דוחק אין שפּייז־פּראָדוקטן. די שוועריגקייטן פון דער שפּייז־פאַרזאָרגונג, וועלכע באַווייזן, אַז די מלחמה־לאַסט איז געווען ניט פאַר די כחות פון דער רוסישער פאָלקס־ווירטשאַפט, האָבן אויפגעהערגעט דעם אַלטן רעזשים, וועלכער איז שוין לגמרי קאָמפּראָמיטירט געוואָרן דורך דער צווייטער, זינט דער יאַפּאַנישער מלחמה, מפּלה. דעם 27־טן פעברואַר לויטן אַלטן סטיל איז די צאַרישע רעגירונג געפאַלן, און אין משך פון 8 חדשים האָט מיטן לאַנד אָנגעפירט די צייטווייליגע רעגירונג, וואָס איר צוזאַמענשטעל האָט זיך הגם אָפט געביטן, אַריינגעמענדיג אַלץ מער סאָציאַליסטיש־געשטימטע טוער, וועלכע איז אָבער אין אַלגעמיין באַשטאַנען פון טיפּישע פאָרשטייער פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

די צייטווייליגע רעגירונג האָט גערעכנט פירן ווייטער די מלחמה און דעריבער געקומען צו אַ סתירה מיט דער שטימונג פון די רעוואָלוציאָניזירטע מאַסן, וואָס האָבן געשטרעבט בכל אופן צו פאַרענדיגן זי. כדי צו דערגרייכן דעם אָנגעמערקטן צוועק האָט די רעגירונג געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן די סיסטעם פון סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, אגב די רוסישע אינטעליגענץ איז פון תמיד אָן געווען אַ פּרינציפּיעלער אָנהייגער פון אַזאַ ווירטשאַפט. ס׳איז פאַרעפענטליכט געוואָרן די תבואה־מאָנאָפּאָליע און די רעגולירונג פון דער אינדוסטריע דורך דער רעגירונג האָט דערגרייכט ביז צו דער העכסטער מדרגה. די מאַכט פון דער נייער רעגירונג איז אָבער געווען זעהר שוואַך און איז ניט געווען בכח פּלאַנמעסיג צו פאַרווירקליכן די אָנגעמערקטע מאַסנאָמען. די פאָלקס־ווירטשאַפט, וואָס האָט געפאָדערט פאַר איר קיום אין דער תקופה פון דער וועלט־מלחמה די שטאַרקסטע אָנשטריינגונג פון די כחות און די גרעסטע אייגנגעהאַלטנקייט, האָט אָנגעהויבן שנעל חרוב צו ווערן. אין די אַרבעטנדיגע מאַסן איז פאַרשוואונדן געוואָרן יעדע דיסציפּלין: אַרבעטער פלעגן פאַרכאַפּן פאַבריקן, אייזנבאַנער האָבן פאַרכאַפּט די פאַרוואַלטונג מיט די באַנען, פּויערים האָבן פאַרכאַפּט די פּריוואַטע ערד־שטחים, די סוחרים און הענדלערס זיינען ערקלערט געוואָרן פאַר ספּעקולאַנטן, זייערע סחורות זיינען צעראַבירט געוואָרן, און אומעטום האָט אָנגעהויבן זיך אָפּשטעלן די אַרבעט.

די אידישע מאַסן האָבן קלאָרער פון אַנדערע באַפעלקערונגס־עלעמענטן פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ שרעקליכע געפאַר ס׳שטעלט פאָר אָט דער צערפאַל פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, וועלכער איז פאָרגעקומען אונטערן לאָזונג פון סאָציאַליזם. דער אידישער האַנדלס־עלעמענט האָט גלייך דערפילט, אַז ער געפינט זיך אויף אַ וואולקאַן, אַז זיין אייגנטום האָט אָנגעוואוירן די גאַראַנטיעס פון זיכערקייט. די אידישע מלאכה, די אידישע אינדוסטריע האָבן אָנגעהויבן שנעל אָפּשטאַרבן מחמת דעם מאַנגל אין רוי־שטאָפן, צוליב דעם חורבן פונ׳ם טראַנספּאָרט און ראשית כל מחמת דעם פעהלן פון אַ רעכטליכער אָרדנונג. דערפאַר אָבער זיינען איינע אידישע עלעמענטן געווען העכסט צופרידן מיט דער מעגליכקייט צו פאַרנעמען רעגירונגס־שטעלעס, וועלכע זיינען פריער

*) דער מיטגליד פון רעדאַקציע ה׳ יעקב לעשצינסקי איז ניט מסכים ניט מיט די אָפּשאַצונגען און ניט מיט די אויספירן פון אַרטיקל פון פּראָפ. ב. ברוצקוס.

די אידן קאָנען שטעלן זיין מיט זייער אימוניטעט קעגן גזילה: קיין גיטער, קיין לאַגער, קיין וויין־קעלערס האָבן זיי ניט גערויבעוועט. אָבער די תנאים, וואָס האָבן דעזאָרגאַניזירט דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן און פאַרוואַגלט יעדע עקאָנאָמישע טעטיגקייט און ספּעקולאַציע, האָבן ניט געקאָנט ניט אָפּרופן זיך שעדליך אויך אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון דער אידישער באַפעלקערונג. און אָט די תנאים האָבן זיך נאָך ניט פאַרבעסערט. בײַ אַזאַ מצב שווימט אַרויס אויפ׳ן אויבן אָן די נייע אידישע בורזשואַזיע, וואָס באַשטעהט פון די העכערע קאָמערציעלע רעגירונגס־באַאַמטע און נעפּמאַנעם. אָט די נייע בורזשואַזיע איז גאַנץ ענערגיש, אָבער זי שטייט אויף אַ סך אַ נידעריגערע מאָראַלישע מדרגה, איידער די אַלטע בורזשואַזיע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין נאָרמאַלע תנאים פון רעכטס־אָרדנונג. דער גרויסער אַנטייל פון די מאַכט־אָרגאַנען אינ׳ם עקאָנאָמישן לעבן, די פאַראייניגונג פון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מאַכט אין די הענט פון איינע און דיזעלבע פּערזאָנען טראָגט אַריין אַ טיפע דעמאָראַליזאַציע אינ׳ם לעבן. דער רוסישער באַאַמטער איז קיינמאָל ניט געווען באַזונדערס ערליך, די שוואַכע רעכטליכע גאַראַנטיעס פון דער באַפעלקערונג האָבן שטענדיג גורם געווען צו נעמען כאַבאַר. אָבער די לאַגע איז אַ סך ערגער געוואָרן איצט, ווען די קאָמוניסטישע סיסטעם האָט געמאַכט דעם איינוואוינער לחלוטין רעכטלאָז און די מאַכט אומבאַגרעניצט און אויסער קאָנטראָל. פון די הויכע קאָמוניסטישע ספערן ווערן פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן באַפעלן צו פירן אַן אכזריותדיגן קאַמף מיטן כאַבאַר און אַמטליכע פאַרברעכענס. ס׳איז אָבער אוממעגליך צו איינפלאַנצן דורך רעפּרעסיעס ערליכקייט אין אַזאַ לאַגע, וואו די פּערזענליכע רעכט ווערן אַזוי פּרינציפּעל אָפּגעלייקנט, וואו די מאַכט רעגולירט אַלע עקאָנאָמישע באַציהונגען און מישט זיך אַריין דאָרט, וואו דער נסיון פאַר אירע פאַרטרעטער איז זעהר גרויס.

די עקאָנאָמישע און מאָראַלישע אויפלעבונג פון די אידישע מאַסן וועט מעגליך זיין נור דאַן, ווען ס׳וועט ווידער אויפגעבויט ווערן די גאַנצע רוסישע פאָלקס־ווירטשאַפט. די לעצטע אָבער געפינט זיך אין אַ געפערליכן צושטאַנד און מ׳מוז אָנגעמען ענערגישערע מיטלען כדי אויסצומיידן ווייטערדיגע קאַטאַסטראָפעס. דער נע״פּ האָט אַביסל אויפגעלעבט די עקאָנאָמישע טעטיגקייט אינם לאַנד, אָבער נאָך ניט געשאַפן די נויטיגע תנאים פאַר דער אויפלעבונג פון דער רוסישער פאָלקס־ווירטשאַפט. די אידייע צו שאַפן אַ מלוכה׳שען קאַפּיטאַליזם אונטער דער הערשאַפט פון דיקטאַטור איז דיזעלבע אוטאָפּיע ווי די באַלדיגע פאַרווירקליכונג פון קאָמוניזם גופא. כדי די אויפלעבונג פון רוסלאַנד זאָל געהן שנעל, מוז די מאַכט זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון קאָמוניזם, באַגרעניצן אירע פונקציעס און ערקלערן פרייהייט פון ציווילן פאַרקער. דער שוץ פון פּערזענליכן רעכט און פון אייגנטום דאַרפן ערנסט גאַראַנטירט ווערן. נור דאַן וועט דער קאַפּיטאַל ווירקליך קאָנען ברייטער נוצן און ס׳וועלן געשאַפן ווערן די תנאים פון אַ פרייע לעבן און פרייער אַרבעט.

# די אידן אין דייטשלאַנד

## ד״ר יעקב סעגאַל

## Die Juden in Deutschland

**von Dr. Jacob Segall**

(המשך)

נאָך דער היסטאָרישער באַטראַכטונג לאָמיר זיך אומקערן צום הוה און אויספאָרשן די וויכטיגסטע דעמאָגראַפישע פראַגן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד:

1) די פאַרטיילונג צווישן שטאָט און דאָרף.
2) די פאַרטיילונג לויטן געשלעכט.
3) דער צוזאַמענשטעל לויט דעם עלטער.
4) די פאַרטיילונג לויטן פאַמיליען־מצב.
5) דער צוזאַמענשטעל לויט היים און געבורטס־אָרט.
6) דער צוזאַמענשטעל לויט די קראַנקייטן.

אויך בײַם באַטראַכטן אָט די אַלע פראַגן וועלן מיר מוזן ברענגען באַזונדער יעדערע פון די וויכטיגסטע מדינות, ווייל קיין אַלגעמיינע סטאַטיסטיק פאַר דער גאַנצער דייטשער מלוכה איז ניט פאַראַן.

אין פּרייסן האָבן אין 1910 יאָר געוואוינט:

אין די שטעט . . . . . 363275 אידן = 87,58%
אין די דערפער . . . . . 52651 „ = 12,42%
ס״ה 415926 אידן = 100%

אָט די ציפערן נויטיגן זיך ניט אין קיינע פירושים, ווייל זיי ווייזן אַרויס בולט, אַז כמעט ניין צענטל פון אַלע פּרייסישע אידן זיינען שוין מער ווי מיט 10 יאָר צוריק געווען שטאָטישע איינוואוינער. אַזוי ווי אין משך פון די לעצטע יאָרן איז די איינוואַנדערונג געגאַנגען דער עיקר אין די שטעט, איבערהויפּט קיין בערלין, קאָן דעריבער משער זיין, אַז איצט וואוינען אפשר 95% פון אַלע פּרייסישע אידן אין די שטעט. פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג האָבן אין 1910 יאָר געוואוינט אין דאָרף עפּיס מער פון אַ העלפט, דהיינו 53%. ס׳איז אינטערעסאַנט גענוי צו באַטראַכטן אָט די אַנטוויקלונג, וואָס האָט אַזאַ מין פונדאַמענטאַלן ווערט פאַר׳ן גאַנצן פאָלקס־לעבן, פאַר אַלע לעבנספונקציעס און טעטיגקייט פונ׳ם פאָלק. ס׳האָבן געוואוינט:

| | שטעט | דערפער | |
|---|---|---|---|
| אין 1849 יאָר | 173199 | 45574 | 21 % |
| „ 1871 „ | 256812 | 68648 | 21 „ |
| „ 1895 „ | 319991 | 59721 | 16 „ |
| „ 1910 „ | 363275 | 52651 | 12 „ |

שוין צוריק מיט 70 יאָר האָט דער רוב פונ׳ם פּרייסישן אידנטום געלעבט אין די שטעט, שוין דעמאָלט האָבן אין דאָרף געוואוינט נאָר איין פינפטל פון אַלע אידן. אָבער ערשט פון 1870 יאָר אָן איז דער קאָנצענטרירונגס־פּראָצעס געווען שטאַרק און בולט. פון אָט דער צייט אָן טרעטן אויך אַרויס אַלץ שטאַרקער און בולטער די אַלע נעגאַטיווע ערשיינונגען, ווי פאַרקלענערונג פון די געבורטס־צאָלן, געמישטע חתונות, שמד, איינזייטיגער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל.

נאָך ערגער אײדער אין פּרייסן זיינען די פאַרהעלטנישן אין זאַקסן, וואו אין 1900 יאָר האָבן פון 12416 אידן בלויז 385, ד. ה. 3% געוואוינט אין דאָרף. דאָס ערקלערט זיך אָבער דורכדעם, וואָס אין דער זאַקסישער מדינה איז ביז די פופציגער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט יורידיש בכלל געווען אידן פאַרבאָטן דאָרט צו וואוינען און שפּעטער האָט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון זאַקסן גורם געווען, אַז אידן זאָלן זיך באַזעצן אויסשליסליך אין די שטעט.

אין בייערן, ווירטעמבערג, באַדען און העססען איז די פאַרטיילונג צווישן שטאָט און דאָרף אַביסל בעסער אײדער אין פּרייסן. ס'האָבן געוואוינט אידן אין 1910 :

| | שטעט | דערפער | |
|---|---|---|---|
| אין בייערן . . | 37874 | 17191 | 31 % |
| „ ווירטעמבערג . | 8007 | 3975 | 33 „ |
| „ באַדען . . | 18527 | 7369 | 82 „ |
| „ העססען . . | 13136 | 10927 | 45 „ |

בערך אַסך וואוינען אין דאָרף די אידן פון העססען דהיינו 45%. העססען איז איינער פון די וויניגע דייטשע קאַנטן, וואו די אידן האָבן פריהער געוואוינט אין די קלענסטע ישובים און נור זעהר לאַנגזאַם פאַמעליך אָנגעהויבן זיך אַריבערקלייבן אין שטאָט אַריין.

צום סוף לאָמיר נאָך אָנווייזן אויף דער אַנטוויקלונג פון די גרעסטע שטעט אין די איינצעלנע נאָר וואָס באַטראַכטע לענדער, וועלכע כאַראַקטעריזירט זעהר גוט דעם קאָנצענטראַציע-פּראָצעס.

**Konzentration der Juden in den Haupt- bezw. grössten Städten Preussens, Bayerns, Württembergs, Badens, Hessens.**

| הויפּט-שטעט אָדער גרעסטע שטעט פון די מדינות | פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דער הויפּטשטאָט פון מדינה בנוגע צו דער גאַנצער באַפעלקערונג פון מדינה | | |
|---|---|---|---|
| | אין 1885 יאָר | אין 1900 יאָר | אין 1910 יאָר |
| בערלין (פּרייסן). . . . . | 17,56 | 23,50 | 21,62 |
| מינכען (בייערן). . . . . | 9,04 | 15,91 | 20,13 |
| שטוטגאַרט (ווירטעמבערג). | 21,82 | 25,32 | 35,81 |
| מאַנהיים (באַדען) . . . . . | 15,86 | 20,96 | 24,72 |
| דאַרמשטאַט (העססען) . . | 5,63 | 6,89 | 7,30 |

אַפילו אין פּרייסן, וואו ס'זיינען פאַראַן אַסך גרויסע שטעט, ציט צו זיך צו מיט אַ באַזונדערער קראַפט די הויפּט-שטאָט פון דער מלוכה, דאָך ניט אַזוי פיל ווי די הויפּט-שטעט אין די אַנדערע מדינות (אויסער באַדען, וואו מיר האָבן במקום קאַרלסרוהע אויסגעקליבן מאַנהיים אַלס דעם עקאָנאָמיש וויכטיגסטען פּונקט). אַם שנעלסטען און בולטסטען איז אָט די אַנטוויקלונג פאָרגעקומען אין בייערן. דערביי מוז מען ניט פאַרגעסן, אַז די מזרח-אידישע איינוואַנדערונג האָט זיך געלאָזט ראשית כל קיין מינכען. אַם שוואַכסטען איז די אידישע באַפעלקערונג פון העססען געגאַנגען קיין דאַרמשטאַט, ווייל אָט דער פּונקט איז פאַר העססען ניט קיין עקאָנאָמישער צענטער.

לויטן געשלעכט פאַרטיילן זיך די אידן אין די איינצעלנע לענדער פון דייטשלאַנד, וועגן וועלכע מיר פאַרמאָגן סטאַטיסטישע ידיעות, אויף פאָלגענדיגן אופן :

**Verteilung nach dem Geschlecht.**

| מ ד י נ ה | אַבסאָלוטע צאָל | | אויף יעדע 1000 מענער זיינען געווען פרויען |
|---|---|---|---|
| | מענער | פרויען | |
| פּרייסן (1910) . . . . . | 204779 | 211147 | 1031 |
| בייערן (1905) . . . . . | 27814 | 27527 | 989 |
| זאַקסן (1910) . . . . . | 9468 | 8119 | 857 |
| ווירטעמבערג (1910) . . | 6012 | 5970 | 993 |
| העססען (1905) . . . . . | 11993 | 12706 | 1059 |
| האַמבורג (1905). . . . . | 9709 | 9893 | 1019 |

אַ בערכדיגן גלייכגעוויכט זעהען מיר אין ווירטעמבערג, וואו אויף 1000 מענער זיינען פאַראַן 993 פרויען. ווירטעמבערג פאַרמאָגט אָבער נאָר אַ קליינע אידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך פאַר די לעצטע צוואַנציגער יאָרן כמעט ווי ניט געענדערט. דער נאַטירליכער צוואַקס איז זעהר קליין. קיין אויסוואַנדערונג און איינוואַנדערונג איז אויך כמעט נישטאָ, דערפון נעמט זיך די אויבן געבראַכטע צאָלן. גאַנץ אַנדערש זיינען די פאַרהעלטנישן אין בייערן און באַזונדערס אין זאַקסן, וואוהין ס'גייט אַ גרויסע איינוואַנדערונג פון אויסלענדישע אידן. דער עצם טבע פון איינוואַנדערונג, איבערהויפּט ווען זי נעמט אָן אַ מאַסן-כאַראַקטער, ווייזט, אַז דער רוב פון די אימיגראַנטן באַשטעהט פון מענער אין די פּראָדוקטיווע עלטער-יאָרן (20—50). אויף אַזאַ אופן איז אין אַזעלכע לענדער די צאָל מענער גרעסער. די פרויען-מערהייט, וועלכע מיר זעהען אין די דריי לענדער : האַמבורג, פּרייסן און העססען, קאָן ערקלערט ווערן דורך צווייערליי סבות, אָדער דורך אויסוואַנדערונג פון מענער, אָדער דורך איינוואַנדערונג פון פרויען. כדי דאָס פעסטצושטעלן וואָלט געווען צוועקמעסיג צו באַטראַכטן דעם געשלעכטס-צוזאַמענשטעל פון די היימישע און אויסלענדישע באַזונדער. דאָס קאָנען מיר אָבער מאַכן בלויז בנוגע צו העססען און האַמבורג. דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז אין העססען זיינען אין 1910-טן יאָר באַ די היימישע אידן געווען 10262 מענער און 11299 פרויען, דאַן ווען צווישן די אויסלענדישע אידן זיינען געווען 1398 מענער און 1104 פרויען. אויף אַזאַ אופן זעהען מיר, אַז דער איבערגעוויכט פון די פרויען געפינט זיך באַ די היימישע אידן. דאָס איינענע ווייזט זיך אַרויס אויך אין האַמבורג, וואו אין 1910 יאָר זיינען פון די איינגעוואַנדערטע געווען 5164 מענער און 4744 פרויען, פון די אָרטיגע 4155 מענער און פאַרקערט 4884 פרויען. דאָס הייסט, אַז דעם איבערגעוויכט פון פרויען מוז מען גיכער פון אַלץ ערקלערן דורך אויסוואַנדערונג פון היימישע מענער.

איצט לאָמיר זיך צוקוקן צום עלטער-צוזאַמענשטעל. דאָ מוזן מיר ראשית כל, צום באַדויערן, באַמערקן, אַז ניט פאַר דער גאַנצער מלוכה, ניט פאַר דער גרעסטער מדינה פון דייטשלאַנד פאַרמאָגן מיר ניט קיין ריכטיגע סטאַטיסטיק פונם צוזאַמענשטעל פון דער אידישער באַפעלקערונג-לויטן אַלטער. פאַר פּרייסן איז פאַראַן פון 1910 יאָר אַ צוזאַמענשטעל בלויז פון דריי עלטער-גרופּן : ביז 12 יאָר, פון 12—18 און העכער פון 18 יאָר. אַ וויסענשאַפטליך גענויע באַטראַכטונג פון אָט דער זעהר וויכטיגער נאַטירליכער דיפערענצירונג פאָדערט אָבער, אַז די גרופּירונג זאָל זיין לכל הפחות אין צענדליגער יאָרן.

דער מאַטעריאַל, וואָס מיר פאַרמאָגן, ווייזט פאָלגענדעס :

**Altersaufbau der Juden in Preussen 1910**

| עלטער־גרופּע | אַלגעמיינע באַפעלקערונג: מענער | אַלגעמיינע באַפעלקערונג: פרויען | אַלגעמיינע באַפעלקערונג: ס״ה | אידישע בעפעלקער׳: מענער | אידישע בעפעלקער׳: פרויען | אידישע בעפעלקער׳: ס״ה | אַלגעמ׳ באַפעלקער׳ פון יעדע הונדערט: מענער | פרויען | ס״ה | אידישע באַפעלקער׳ פון יעדע הונדערט: מענער | פרויען | ס״ה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ביז 12 יאָר . . . . . | 5738561 | 5654231 | 11392792 | 38254 | 36796 | 75050 | 29,52 | 27,83 | 28,65 | 18,78 | 17,42 | 18,09 |
| פון 12—18 יאָר . . . . | 2496452 | 2474322 | 4970774 | 21128 | 20997 | 42125 | 12,84 | 12,18 | 12,50 | 10,37 | 9,94 | 10,15 |
| העכער פון 18 יאָר . . . | 11206489 | 12188941 | 23395430 | 144267 | 153354 | 297621 | 57,64 | 59,99 | 58,85 | 70,85 | 72,64 | 71,76 |
| ס״ה . . | 19441502 | 20317494 | 39758996 | 203649 | 211147 | 414796 | 100,00 | 100,00 | 100,00 | 100,00 | 100,00 | 100,00 |

שוין פון אָט די ווייניגע צאָלן טרעטן בולט אַרויס די כאַראַק־טעריסטישע חילוקים צווישן דער אידישער און אַלגעמיינער באַפעל־קערונג; בײַ דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג — בערך 30% קינדער, בײַ די אידן נאָר 18%, בײַ דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג מאַכט אויס די יוגנט (12-18 יאָר) איין אַכטל פון אַלע געציילטע נפשות, בײַ די אידן נאָר איין צענטל. פון דער צווייטער זייט ווייזט זיך בולט אַרויס דער לאַנגער לעבנס־דויער פון דער אידישער באַפעל־קערונג, און דער עיקר די איינוואַנדערונג פון פּראָדוקטיווע עלע־מענטן אין דעם עלטער פון איבער 18 יאָר, וועלכע מאַכן אויס בײַ אידן 72% אַקעגן 59% בײַ דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

דער דאָזיגער אויפבוי פון דער אידישער באַפעלקערונג אין העססען לויט די עלטער־גרופּן איז אין אַ געוויסער באַציהונג טיפּיש פאַר׳ן גאַנצן דייטשן אידנטום, מיר זיינען דאָ אימשטאַנד צו באַ־האַנדלען באַזונדער די היימישע און די אויסלענדער און אַזוי אַרום גלייכצייטיג פעסטצושטעלן די השפעה פון איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג אויפ׳ן צוזאַמענשטעל פון דער אידישער באַפעל־קערונג לויט די עלטער־גרופּן.

## עלטער־צוזאַמענשטעל פון די העססענער אידן און קריסטן, היימישע און אויסלענדער.

### א) אַבסאָלוטע צאָלן.

**Altersaufbau der Juden und Christen, In- und Ausländer in Hessen 1910.**

| עלטער־גרופּעס | קריסטן: מענער | קריסטן: פרויען | אידן: מענער | אידן: פרויען | אַלגעמיינע באַפעלקערונג, היימישע: מענער | היימישע: פרויען | אויסלענדער: מענער | אויסלענדער: פרויען | אידישע באַפעלקערונג, היימישע: מענער | היימישע: פרויען | אויסלענדער: מענער | אויסלענדער: פרויען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ביז 5 יאָר . . . . . . . . | 76708 | 74561 | 1073 | 932 | 217430 | 212625 | 1673 | 1596 | 866 | 769 | 207 | 163 |
| פון 5 ביז 18 יאָר . . . . . | 139334 | 136686 | 1988 | 2042 | | | | | 1747 | 1773 | 241 | 269 |
| „ 19 „ 29 . . . . . . | 164214 | 158241 | 2870 | 3080 | 164283 | 159764 | 2801 | 1507 | 2303 | 2698 | 567 | 332 |
| „ 30 „ 49 . . . . . . | 156331 | 158460 | 3233 | 3550 | 157808 | 160827 | 1756 | 1183 | 2935 | 3295 | 298 | 255 |
| 50 און העכער . . . . . . | 90951 | 102502 | 2496 | 2849 | 93036 | 104952 | 411 | 399 | 2411 | 2764 | 85 | 85 |
| ס״ה . . . . | 627538 | 680450 | 11660 | 12403 | 632557 | 638168 | 6641 | 4685 | 10262 | 11299 | 1398 | 1104 |

### ב) רעלאַטיווע צאָלן.

| עלטער־גרופּעס | קריסטן: מענער | קריסטן: פרויען | אידן: מענער | אידן: פרויען | אַלגעמיינע באַפעלקערונג, היימישע: מענער | היימישע: פרויען | אויסלענדער: מענער | אויסלענדער: פרויען | אידישע באַפעלקערונג, היימישע: מענער | היימישע: פרויען | אויסלענדער: מענער | אויסלענדער: פרויען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ביז 5 יאָר . . . . . . . . | 12,2 | 11,8 | 9,2 | 7,5 | 34,4 | 33,3 | 25,2 | 34,0 | 8,4 | 6,8 | 14,8 | 14,8 |
| פון 5 ביז 18 יאָר . . . . . | 22,2 | 21,7 | 17,1 | 16,5 | | | | | 17,0 | 15,7 | 17,2 | 24,4 |
| „ 19 „ 29 . . . . . . | 26,2 | 25,1 | 24,6 | 24,4 | 26,0 | 25,0 | 42,2 | 32,2 | 22,5 | 23,9 | 40,6 | 30,0 |
| „ 30 „ 49 . . . . . . | 24,9 | 25,1 | 27,7 | 28,6 | 24,9 | 25,2 | 26,4 | 25,3 | 28,6 | 29,2 | 21,3 | 23,1 |
| 50 און העכער . . . . . . | 14,5 | 16,3 | 21,4 | 23,0 | 14,7 | 16,5 | 6,2 | 8,5 | 23,5 | 24,4 | 6,1 | 7,7 |
| ס״ה . . . . | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100.0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 |

אַזוי אַרום זעהען מיר נאָכאַמאָל — ווען מיר פאַרגלייכן אינ־גאַנצן קריסטן מיט אידן — אַז אין דער ערשטער לעבנס־העלפט (ביז 30 יאָר) זיינען די ציפערן פון די איינצעלנע עלטער־גרופּן בײַ אידן צוליב די נעענט באַקאַנטע טעמים נידריגער, ווי בײַ קריסטן: אַזוי באַטרעפט דער פּראָצענט בײַ אידן (0—30) 50,9 בײַ די מע־נער, 48,4 בײַ פרויען; בײַ קריסטן: 60,6 מענער, 58,6 פרויען. גראַדע פאַרקערט איז דאָס פאַרהעלטעניש בנוגע צו די איבריגע עלטער־גרופּעס. ווען מיר צוטיילן די אידן אַליין אויף היימישע און אויסלענדער, זעהען מיר, אַז בײַ די היימישע אידן זיינען די עלטער־גרופּן ביז 30 יאָר נאָר קליין. דער פּראָצענט פון די מענער אין עלטער פון 0—30 יאָר בײַ די היימישע אידן איז נור 47,9, פון די פרויען — 46,4. גאַנץ אַנדערש איז דער צוזאַמענשטעל לויט׳ן עלטער פון די אויסלענדישע אידן. זעהר שטאַרק איז די עלטער־גרופּע פון 19—29, וועלכע איז על פי רוב די וויכטיגסטע צווישן אויסוואַנדערער. זי באַטרעפט בײַ די מענער 40,6%. זעהר הויך איז אויך די צאָל פון דער יוגנט צווישן די אידישע אויסלענ־דער, איבערהויפּט צווישן פרויען. דאָס זעהען מיר נאָך בולט אַרויס ווען מיר פאַרגלייכן די דאָזיגע צאָל מיט די באַטרעפנדע ציפערן

בא די אויסלענדער בכלל. אזוי מאכן אויס בא אידן די אויסלענ־דישע מענער אין עלטער פון 0—18 יאר 32%, פרויען — 39,2%, די אנטשפרעכענדיגע ציפערן בא אויסלענדער בכלל זיינען: מע־נער — 25,2%, פרויען — 34,0%. אט דער דאזיגער בולטער חילוק ברייננט צו דער מסקנא, אז די אימיגראציע בא אידן טראגט מער דעם כאראקטער פון א פאמיליען־איינוואנדערונג.

נאך ווייניגער נצליכן מאטעריאל פארמאגן מיר בנוגע צום פאמיליען־מצב פון די דייטשע אידן. דא האבן מיר צו טאן מיט ציפערן בלויז פון העססען פון 1905 יאר. ליידער איז דא נים געטיילט געווארן אויף היימישע און אויסלענדער. אפילו אהן א טאבעלע קאנען מיר זיך מאכן א בערכדיגע פארשטעלונג פונ׳ם פאמיליען־מצב בא די דייטשע אידן. מיר ווייסן, אז די יונגט־גרופעס איז בא זיי קלענער איידער בא דער אלגעמיינער באפעל־קערונג, פון דער צווייטער זייט ווייסן מיר, אז דורכשניטליך האבן אידן שפעטער חתונה איידער ניט־אידן. דער פועל־יוצא פונ׳ם ערשטען פאקט וואלט באדארפט זיין, אז בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג זאל די צאל ניט־חתונה־געהאטע זיין אסך גרעסער איידער בא אידן. דאס ווערט אבער אין א געוויסער מאס פארא־ליזירט דורך דער צווייטער ערשיינונג, וועלכע פארטערט קינסטליך די צאל פון די ניט־חתונה־געהאטע. נענויער זעהען מיר דאס פון אט דער טאבעלע:

**Familienstand der Juden in Hessen 1905.**

| פאמיליען מצב | בא דער אלגעמ. באפעלקערונג | | | בא דער אידישער באפעלקערונג | | | פון יעדע 100 בא דער אלגעמ. באפעלק. | | | פון יעדע 100 אידן | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | מענער | פרויען | ס"ה | מענער | פרויען | ס"ה | מענער | פרויען | ס"ה | מענער | פרויען | ס"ה |
| ניט־חתונה־געהאט . . . . | 364102 | 336626 | 700728 | 6636 | 6811 | 13447 | 60,27 | 55,68 | 57,95 | 56,79 | 52,23 | 54,51 |
| חתונה־געהאט . . . . | 217665 | 218197 | 435862 | 4758 | 4737 | 9495 | 36,03 | 36,05 | 36,04 | 39,50 | 37,45 | 38,48 |
| אלמנס און אלמנות . . . | 21729 | 49206 | 70935 | 1279 | 433 | 1712 | 3,59 | 8,13 | 5,86 | 3,61 | 10,06 | 6,83 |
| געגט׳ע . . . . . . | 582 | 1068 | 1650 | 33 | 12 | 45 | 0,11 | 0,19 | 0,15 | 0,10 | 0,26 | 0,18 |
| ס"ה . . . . | 604078 | 605097 | 1209175 | 12706 | 11993 | 24699 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 |

דער חילוק צווישן דער צאל ניט־חתונה־געהאטע בא דער אל־געמיינער באפעלקערונג און צווישן דער צאל ניט־חתונה־געהאטע בא דער אידישער באפעלקערונג באטרעפט 3%. אין עסטרייך, וואו די פרוכטבארקייט פון דער אידישער באפעלקערונג איז וועהר גרויס, איז די זאך פארקערט: דער פראצענט פון ניט־חתונה־גע־האטע אידן איז אויף 4 העכער אלס בא דער אלגעמיינער באפעל־קערונג. דאן ווען אין אנדערע מערב־לענדער, ווי האלאנד און לוקסעמבורג, איז דער מצב דער אייגענער ווי אין דייטשלאנד. זעהר אינטערעסאנט איז די פארטיילונג פון דער אידישער באפעל־קערונג אין דייטשלאנד לויט'ן געבורטס־ארט. ליידער איז אזא מין רעגיסטראציע נור איין איינציג מאל דורכגעפירט געווארן — אין 1900 יאר — און פערשטעהט זיך, אז אזא מין מאטעריאל איז שוין לאנג פארעלטערט געווארן. דאך גיט ער א געוויסע פאר־שטעלונג וועגן דעם פארנעם פון די אין דער פרעמד געבוירענע פאר צוריק מיט 25 יאר. ס'האבן הערמאלט געלעבט אין דייטשלאנד 41113 אידן, וואס זיינען געבוירען געווארן אין אויסלאנד. דאס הייסט אנערך 7% פון די דייטשע אידן, וועלכע זיינען דעמאלט געוועזן 586833 נפשות. דער גרעסטער טייל, דהיינו 17410 = 42%, האט געשטאמט פון עסטרייך, 12752 = 31% פון רוס־לאנד, 3260 = 8% פון אונגארן.

שפעטער איז די איינוואנדערונג געווארן נאך בארייטנדיג, איבערהויפט נאך די פאגראמען און דער רעוואלוציע אין רוסלאנד אין די ערשטע 5 יאר פונ׳ם איצטיגן יארהונדערט. דאס זעהט מען ארויס דערפון, וואס אין 1905 זיינען אין פרייסן פון 409501 אידן 38844 = 10% געוועזן פרעמדע פון אט די 38844 זיינען געוועזן 16665 = 43% עסטרייכער און 13185 = 34% רוסישע. אין 1910 יאר האבן אין גרויס־בערלין (בערלין, שארלאטענבורג, שע־נעבערג, ווילמערסדארף, נייקעלן, ליכטענבערג), געוואוינט 21683 אויסלענדישע אידן, ד. ה. 16 % פון דער אידישער באפעלקע־רונג (137043). אינ׳ם דעמאלטדיגן קעניגרייך זאקסן זיינען גע־ווען 10360 אין אויסלאנד געבוירענע אידן, ד. ה. 59% פון דער אלגעמיינער אידישער באפעלקערונג אין זאקסן. אין העססען האבן געוואוינט אין 1910 יאר 2502 פרעמדע אידן = 10% פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג. ווען מיר זאלן פארזיכטיג שאצן, דארפן מיר אננעמען, אז אנהויב מלחמה האבן אין דייטשלאנד גע־לעבט א 65000 אויסלענדישע אידן. ווי גרויס זייער צאל איז איצט קאן מען וועלבסטפארשטענדליך מיט אבסאלוטער זיכערקייט נים באשטימען. זי מוז אבער באטרעפן צווישן 130000 און 150000, מיט אנדערע ווערטער: אנערך 20—25 פראצענט פון די אידן אין דייטשלאנד זיינען יורידיש אדער אין דער אמת׳ן אויסלענדער.

צום סוף פון אונזער ארטיקל וועגן באשטאנד פון דער אידישער באפעלקערונג אין דייטשלאנד א פאר ווערטער וועגן דער פאר־טיילונג פון די קראנקייטן, ווי בלינדע, טויבשטומע, גייסטיג קראנקע און גייסטיג־שוואכע. ליידער קאנען מיר נים מחמת מאנגל אין פלאץ נענוי באהאנדלען אט די העכסט אינטערעסאנטע טעמע, הגם די פראגע וועגן דעם פאלקסגעזונט שטייט איצט גראדע אויפ'ן סדר־היום און ווערט שטארק דיסקוטירט. די צאל בלינדע און טויב־שטומע זיינען אין 1900 יאר פעסטגעשטעלט געווארן פאר דער גאנצער מלוכה, דערביי איז געמאכט געווארן א חילוק צווישן גע־בוירענע און שפעטער קראנק געווארענע. אין דער פאלגענדיגער טאבעלע פארגלייכן מיר יעוואנגעליקער, קאטאליקן און אידן.

**Gebrechen in Deutschland 1900 (Blinde u. Taubstumme).**

| אמונה | אויף יעדע 10000 נפשות | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | בלינדע | | | | טויב־שטומע | | | |
| | [illegible] | [illegible] | [illegible] | ס"ה | [illegible] | [illegible] | [illegible] | ס"ה |
| יעוואנגעל־ | 1,6 | 4,4 | 0,2 | 6,2 | 6,4 | 1,3 | 0,5 | 8,2 |
| קאטאליקן | 1,3 | 4,2 | 0,3 | 5,8 | 7,1 | 1,5 | 0,6 | 9,2 |
| אידן | 1,3 | 6,8 | 0,2 | 8,3 | 10,7 | 1,9 | 0,9 | 13,5 |

דאָ וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז די אידן געבן די בערך גרעסטע צאָל בלינדע און טויב־שטומע. דאַן ווען קאַטאָליקן און יעוואַנ־געליקער האָבן אויף 10000 נפשות 6,2 און 5,8 בלינדע און 8,2 און 9,2 טויב־שטומע, באַטרעפט די אַנטשפּרעכענדע ציפערן בײַ אידן 8,3 און 13,5. צווישן די בלינדע זיינען בײַ אידן דער רוב די שפּעטער בלינד געוואָרענע. די סבה דערפון דאַרפן זיין די נערווענקראַנקייטן, אַרטעריאָסקלעראָז, קורצזיכטיגקייט — אַלץ קראַנקייטן, וואָס קאָנען ברייגגען צו בלינדקייט — וועלכע זיינען צווישן אידן מער פאַרשפּרייט איידער צווישן דער איבעריגער באַ־פעלקערונג. די גרויסע צאָל טויבשטומע פון געבוירן בײַ אידן (10,7 אויף 10000) ערקלערט זיך געוויס דורך די פילע חתונות צווישן קרובים. די גייסטיג קראַנקע און גייסטיג שוואַכע זיינען געציילט געוואָרן נאָר אין פּרייסן. דאָרט זיינען אין 1910 יאָר געווען אויף יעדע 10000 נפשות

| | נייסטיג קראנקע | נייסטיג שוואכע |
|---|---|---|
| יעוואַנגעליקן | 19,8 | 19,7 |
| קאַטאָליקן | 18,7 | 19,4 |
| אידן | 46,9 | 23,1 |

אויף אַזאַ אופן זעהען מיר, אַז גראד די גייסטיגע קראַנקייטן זיי־נען אומגעהייער פאַרשפּרייט צווישן אידן. די סבה פון אָט דער פּאַטאָלאָגישער ערשיינונג איז בלי ספק אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פון ווירקונגען. די קאָנצענטרירונג אין די שטעט, די איינזייטיגע פּראָ־פעסיעס, וואָס פאָדערן גרויסע אָנשטרענגונג פון דער מוח־אַרבעט און אין דערזעלבער צייט אָהן אַ שיעור אויפרעגונגען, ווי אויך ווידעראַמאָל די גרויסע צאָל חתונות צווישן קרובים.

(המשך)

# אידן אין דער רוסלענדישער קאמוניסטישער פארטיי

### י. קאראלניק

## Die Juden in der Kommunistischen Partei Russlands

### von I. Coralnik

די ציפערן, וואָס מיר געבן דאָ אָן, געהערן צו די יאָרן 1920, 1921 און 1922. זיי נעמען אַרום אוקראַינע, ווייסרוס־לאַנד און איינגע גובערניעס פון צענטראַל־רוסלאַנד, ווי מאָס־קווער, פּעטראָגראַדער, בריאַנסקער, סמאָליענסקער און אַנד. די ציפערן זיינען ניט קיין אויסשעפּענדיגע, אָבער דאָך גענוג אינ־טערעסאַנטע, אום צו באַקומען אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן די אידן־קאָמוניסטן.

פון טאַבעלע I איז צו זעהן, אַ וואָסער אומגעפער אָרט פאַר־נעמען די אידן־קאָמוניסטן אין דער גאַנצער פּאַרטיי. פאַר אַ מאָס איז דאָ גענומען די צאָל אַנקעטעס, וואָס זיינען צוזאַמענגע־קליבן געוואָרן בשעת דער רעגיסטראַציע פון די פּאַרטיי־מיט־גלידער.

טאַבעלע I.

אידן־קאָמוניסטן אין פאַרשיידענע ערטער
(21 גובערניעס פון צענטראַל־ און ווייסרוסלאַנד)

**Die Zahl der Juden-Kommunisten an verschiedenen Orten Russlands**

| נאָמען פון אָרט־וואו די אַנקעטעס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן | אַלגעמיינע צאָל אַנקעטעס | צאָל אידישע אַנקעטעס | % פון די אידישע אַנקעטעס |
|---|---|---|---|
| מינסק (די שטאָט) | 1200 | 430 | 35,8 |
| האָמלער גובערניע | 3607 | 771 | 21,1 |
| וויטעבסקער " | 2533 | 420 | 16,6 |
| סמאָלענסקר " | 5338 | 257 | 4,8 |
| בריאַנסקער " | 3640 | 100 | 2,7 |
| פּעטראָגראַדער " | 20564 | 264 | 1,3 |
| מאָסקווער " | 41325 | 1612 | 3,9 |
| די איבעריגע גובערניעס . | 61504 | 434 | 0,7 |
| ס״ה . | 139711 | 4288 | 3,1 |

פון אַ גאַנץ באַדייטנדינער מאַסע פון אומגעפער הונדערט פערציג טויזנט קאָמוניסטן, איז געווען אידן בלויז 4288 נפשות, דאָס הייסט 3,1 פּראָצענט!

אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט בנוגע דער אַלגעמיינער צאָל קאָ־מוניסטן מאַכן די אידן אויס אין די פונקטן מיט אַ געדיכטער אידישער באַפעלקערונג. אין דער שטאָט מינסק דערגרייכט דער דאָזיגער פּראָצענט ביז 35,8 (און איז קלענער פון דעם פּראָצענט, וואָס די אידישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט מאַכט אויס בנוגע דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג); אין האָמלער גובערניע דער־גרייכט ער ביז 21,1 און אין וויטעבסקער גובערניע ביז 16,6.

אין די צענטראַלע רוסישע גובערניעס בילדן די אידן־קאָ־מוניסטן נאָר אַ קליינעם פּראָצענט — אין פּעטראָגראַדער גו־בערניע, למשל, בסך־הכל 1,3 פּראָצענט, אין סמאָלענסקער, וואָס איז איינגנטליך אַ ווייסרוסישע געגנט, — 4,8 פּראָצענט.

אַ אינטערעסאַנטער פאַקט ווייזט זיך אַרויס אין מאָסקווער גו־בערניע. די אידן־קאָמוניסטן מאַכן דאָ אויס גאַנצע 3,9 פּראָצענט פון אַלע קאָמוניסטן, בשעת די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט מאָסקווע האָט אויסגעמאַכט (אין 1920) נאָר 3,0 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער מאָסקווער באַפעלקערונג. חוץ דעם זעהען מיר, אַז אין מאָסקווער גובערניאַלער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַ־ציע איז אויך די אַבסאָלוטע צאָל אידן־קאָמוניסטן גאַנץ גרויס. זי איז כמעט פיר מאָל גרעסער, איידער די אַבסאָלוטע צאָל אידן־קאָמוניסטן אין אַזאַ אידישער שטאָט, ווי מינסק, און אַ גרעסערע אפילו, ווי אין גאַנץ האָמלער און וויטעבסקער גובערניעס אינ־איינעם גענומען. מאָסקווע האָט געהאַט בײַ די אידן־קאָמוניסטן אַ באַזונדערן חן און האָט זיי צוגעצויגן צו זיך מיט אַ באַזונ־דערן כח.

די גרעסטע צאָל אידן־קאָמוניסטן געפינט זיך אָבער אין אוקראַינע. די אַבסאָלוטע צאָל זייערע דערגרייכט דאָ (אין 1922־טן יאָר) ביז 6981, דאָס הייסט העכער אַגרעדראַלבן מאָל

צוזאַמען, ווי אין די אויסגערעכנטע צענטראַל‑רוסישע גובערניעס צוזאַמען מיט ווייסרוסלאַנד.

ווען מיר זאָלן איצט נעמען די אַלע 11269 אידן‑קאָמוניסטן פֿון אוקראַינע, מאָסקווער גובערניע און פֿון די 20 גובערניעס ‑פֿון צענטראַל רוסלאַנד און פֿון ווייסרוסלאַנד און מיר זאָלן זיי פֿאַ‑נאַנדערטיילן לויט זייער פּראָפֿעסיע, ד. ה. לויט דער באַשעפֿטי‑גונג, מיט וועלכער זיי האָבן זיך פֿאַרנומען אַ מער אָדער ווייניקער לאַנגע צייט ביזן 1917‑טן יאָר, באַקומען מיר פֿאָלגנדיג בילד

טאַבעלע II

## דער סאָציאַלער באַשטאַנד פֿון די אידן־קאָמוניסטן

**Die Soziale Schichtung der Juden-Kommunisten**

| סאָציאַלע גרופּעס / אָרט | אוקראַינע | | 20 גובערניעס פֿון צענטראַל־ און ווייס־רוסלאַנד | | מאָסקווער גובערניע | | אין אַלע פּונקטן | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אַבסאָלוטע צאָל | % פֿון אַלע מיטגלידער | אַבסאָלוטע צאָל | % פֿון אַלע מיטגלידער | אַבסאָלוטע צאָל | % פֿון אַלע מיטגלידער | אַבסאָלוטע צאָל | % פֿון אַלע מיטגלידער |
| אַרבעטער . . . . . . . . . . | 3471 | 49,7 | 1571 | 58,7 | 595 | 36,9 | 5637 | 50,0 |
| אָנגעשטעלטע א· א· ה· . . . . . . . | 3510 | 50,3 | 1105 | 41,3 | 1017 | 63,1 | 5632 | 50,0 |
| צוזאַמען . | 6981 | 100,0 | 2676 | 100,0 | 1612 | 100,0 | 11269 | 100,0 |

די גאַנצע צאָל אידן‑קאָמוניסטן איז צוזאַמענגעשטעלט האַלב אויף האַלב פֿון אַרבעטער און פֿון אָנגעשטעלטע מיט עלעמענטן פֿון ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס. כמעט דיזעלבע פֿאַרטיילונג איז צו זעהן אין אוקראַינע — 49,7 פּראָצענט אַרבעטער און 50,3 פּראָ‑צענט אָנגעשטעלטע און ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס. אין די 20 גובערניעס פֿון צענטראַל‑ און ווייסרוסלאַנד איז דער פּראָצענט אַרבעטער צווישן די אידן‑קאָמוניסטן גרעסער, ווי אין אַלע איבּ‑ריגע ערטער. 60,6 פּראָצענט פֿון די אַלע אידן‑קאָמוניסטן, וואָס זיינען פֿאַרעגיסטרירט געוואָרן אין די דאָזיגע מקומות, געפֿינען זיך אָבער אין מינסק, האָמלער און וויטעבסקער גובערניע. פֿון דעם איז צו דרינגען, אַז אַ שטאַרקסטן איז דער פּראָלעטאַרישער עלעמענט צווישן די אידן‑קאָמוניסטן אין ווייסרוסלאַנד, אין דעם דאָזיגן צענטער פֿון דער אַמאָליגער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבע‑טערשאַפֿט.

נאָר אַנאַנדערער איז דער סאָציאַלער בּוי פֿון די אידן‑קאָמו‑ניסטן אין מאָסקווער גובערניע (די גרעסטע מערהייט פֿון זיי גע‑פֿינט זיך אין מאָסקווע גופא). צווישן זיי זעהען מיר נאָר 36,9 פּראָצענט אַרבעטער. ווי ס'איז שוין פֿריער באַמערקט געוואָרן, איז קיין מאָסקווע געגאַנגען אַ גרויסער שטראָם פֿון אידן‑קאָמו‑ניסטן פֿון דער פּראָווינץ. ס'איז גאַנץ נאַטירליך, אַז די גרעסטע מערהייט פֿון זיי זאָל האָבן באַשטאַנען פֿון עלעמענטן, וואָס האָבן געקאָנט געפֿינען אַרבעט אין די ראַטן‑אַנשטאַלטן און ראַטן‑אָרגאַניזאַציעס. דעריבער איז דער איבערוויגנדיגער פּראָ‑צענט פֿון די אידן‑קאָמוניסטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי‑אָרגאַניזאַציע פֿון מאָסקווער גובערניע צוזאַמענגעשטעלט פֿון אָנ‑געשטעלטע, ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס און אַנדערע ניט‑אַרבעטער עלעמענטן.

אינטערעסאַנט איז צו פֿאַרגלייכן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פֿון די אידן‑קאָמוניסטן און פֿון דער אַלגעמיינער צאָל קאָמו‑ניסטן.

מיר פֿאַרגלייכן: 1) די אוקראַינער אידן‑קאָמוניסטן מיט דער אַלגעמיינער צאָל קאָמוניסטן אין אוקראַינע; 2) די אידן‑קאָמוניסטן פֿון מאָסקווער גובערניע מיט דער אַלגעמיינער צאָל קאָמוניסטן פֿון אַלע אינדוסטריעלע גובערניעס פֿון צענטראַל‑רוסלאַנד; 3) די אידן‑קאָמוניסטן פֿון די 20 גובערניעס אין צענטראַל‑ און ווייסרוס‑לאַנד מיט דער אַלגעמיינער צאָל קאָמוניסטן פֿון אַלע גובערניעס פֿון צענטראַל‑רוסלאַנד. ס'באַקומט זיך דעמאָלט אַט וואָס:

א) אין אוקראַינע זיינען געווען

פֿון 100 קאָמוניסטן בכלל:

אַרבעטער . . . . . . . . . . 51,3
אָנגעשטעלטע א. א. ה. . . . . . . . 31,0
פּויערים . . . . . . . . . . . 17,7

פֿון 100 אידן‑קאָמוניסטן:

אַרבעטער . . . . . . . . . 49,7
אָנגעשטעלטע א. א. ה. . . . . . . . 50,3

ב) ס'זיינען געווען

פֿון 100 קאָמוניסטן אין די אינדוסטריעלע גובערניעס פֿון צענטראַל‑רוסלאַנד:

אַרבעטער . . . . . . . . . 52,1
אָנגעשטעלטע א. א. ה. . . . . . . . 31,5
פּויערים . . . . . . . . . . . 16,4

פֿון 100 אידן‑קאָמוניסטן אין מאָסקווער גובערניע:

אַרבעטער . . . . . . . . . 36,9
אָנגעשטעלטע א. א. ה. . . . . . . . 63,1

ג) ס'זיינען געווען

פֿון 100 קאָמוניסטן פֿון אַלע 40 גובערניעס פֿון צענטראַל‑רוסלאַנד:

אַרבעטער . . . . . . . . . . . 46,7
אָנגעשטעלטע א. א. ה. . . . . . . . 30,5
פּויערים . . . . . . . . . . . . 22,8

פֿון 100 אידן‑קאָמוניסטן פֿון די אויסגערעכנטע 20 גובער‑ניעס פֿון צענטראַל‑ און ווייסרוסלאַנד:

אַרבעטער . . . . . . . . . . . 58,7
אָנגעשטעלטע א. א. ה. . . . . . . . 41,3

דאָס אַלײן הײסט, אַז צװישן די אידן־קאָמוניסטן איז אומעטום אַ פיל גרעסערער פּראָצענט אַנגעשטעלטע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס, אײדער צװישן דער גאַנצער קאָמוניסטישער מאַסע. די אידן־קאָמוניסטן האָבן צװישן זיך װײניגער פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, װי די אַלגעמײנע צאָל פּאַרטײ־מיטגלידער. לױט זײער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג זײנען די אידישע קאָמוניסטן כמעט אױף אַ העלפט אַ קלײנבירגערליכע מאַסע.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די אידישע אַרבעטער־קאָמוניסטן מאַכן אױס נאָר אַ קלײנעם פּראָצענט פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטערשאַפט. די גאַנצע צאָל אידישע אַרבעטער אין די אַלע אנגעװיזענע ערטער קאָן מען געװיס אָפּשאַצן אַנ׳ערך מער פון הונדערט טױזנט. די צאָל אידישע אַרבעטער־קאָמוניסטן דערגרײכט, װי מיר האָבן געזעהן, אפילו קײן זעקס טױזנט ניט. אין דעם מאָסקװער „עמעס“ № 275 פון 1922־טן יאָר אינם אַרטיקל „נעענטער צו די אומפּאַרטײאישע“ שרײבט אסתר: „3471 אידישע אַרבעטער־קאָמוניסטן פאַר יענער אוקראַאינע, װאו דער „בונד“ אַלײן האָט געהאַט אין 1917 יאָר איבער 20.000 מיטגלידער (די „פאַראײניגטע“ האָבן אױך געהאַט דעמאָלט אַנ׳ערך 20 טױזנט און די פּועלי־ציון בײַ 10 טױזנט י. ק.), פון װעלכע די איבערװיגנדיגסטע מערהײט איז געװען אַרבעטער — דאָס איז װײניג, צו װײניג“. דאָס אײגענע װעגן מינסק, האָמעל, װיטעבסק. „אין שטעט, װאו ס׳פלעגן זײן פּאַרטײאיש אָרגאַניזירט אַבסאָלוטע מערהײטן פון דער אַרבעטערשאַפט, בילדעט הײנט די צאָל פּאַרטײ־מיטגלידער אַ קלײנעם פּראָצענט פון דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער מאַסע. קײנער װעט ניט לײקענען, אַז דער פּראָצענט אידישע אַרבעטער האָט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ געמעגט זײן גרעסער, אײדער ער איז“.

אינם „װעקער“ № 65, 1923, 21 מאַרט װערט אָנגעװיזן, אַז פון 4649 אידישע אַרבעטער, װאָס זײנען אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען פון די שטעטלאַך פון װײסרוסלאַנד, זײנען קאָמוניסטן סך־הכל 361, ד. ה. 7,8 פּראָצענט.

װען מ׳נעמט איצט די אידן־קאָמוניסטן נישט לױט זײער פּראָפעסיע, נאָר לױט זײער פּאַקטישער באַשעפטיגונג צום מאָמענט פון די רעגיסטראַציעס, װײזט זיך אַרױס, אַז דער פּראָצענט פון אַרבעטער איז צװישן זײ נאָך אַ קלענערער, װי ס׳איז פריער אָנגעװיזן געװאָרן. אַ גרױסער טײל אַרבעטער, װאָס האָבן ביזן אָנקומען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ געאַרבעט אין פאַבריקן און װאַרשטאַטן, איז איצט אַריבערגעגאַנגען צו פּאַרטײ־ אָדער אַלגעמײנער סאָװעטישער אַרבעט און צו אַרבעט אין די אָרגאַנען פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. אין אָדעס, למשל, װעהען מיר, אַז די 834 אידן־קאָמוניסטן, פון װעלכע ס׳זײנען פאַראַן אַנקעטעס (פון 1920 יאָר) זײנען לױט זײער פּראָפעסיע:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אַרבעטער . . . . . . . | 524 | ד. ה. 62,2 | פּראָצענט |
| אַנגעשטעלטע א. א. װ. . | 319 | „ 37,8 | „ |

אָבער לױט זײער איצטיגער באַשעפטיגונג האָבן זיך די דאָזיגע 843 נפשות געטײלט אױף: באַשעפטיגטע אין ראַטן־אַנשטאַלטן, פּאַרטײאישע אָרגאַניזאַציעס און אין אָרגאַנען פון פּראָפ. אָרגאַניזאַציעס 632 אָדער 75,0 פּראָצ. באַשעפטיגטע אין פאַבריקן און װאַרשטאַטן 211 אָדער 25,0 פּראָצ. דער חילוק איז דאָ אַ קאָלאָסאַלער. עס קומט אױס, װי די אידישע אַרבעטער־קאָמוניסטן װאָלטן געשטרעבט זיך באַפרײען פון פאַבריק און װאַרשטאַט. מ׳דאַרף רעכנען, אַז די נײע עקאָנאָמישע פּאָליטיק אין רוסלאַנד האָט דעם דאָזיגן חילוק נאָך גרעסער געמאַכט.

כמעט אַלע אידן־קאָמוניסטן — פון אַלע סאָציאַלע גרופּעס — געפינען זיך אין די רײען פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ בסך־הכל אַ קלײנע צײט. אָט זײנען ידיעות װעגן סטאַזש אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ בײַ די 1612 אידן־קאָמוניסטן אין מאָסקװער גובערניע. זײ געהערן צו 1921־טן יאָר. (טאַבעלע III).

## טאַבעלע III

### פּאַרטײ־סטאַזש פון די אידן־קאָמוניסטן

**Dauer der Zugehörigkeit der Juden-Kommunisten zur Partei**

| יאָר פון אַנקומען אין ר. ק. פּ. | אַרבעטער | | אַנגעשטעלטע א. א. װ. | | צוזאַמען | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | אַבסאָלוטע צאָל | % פון אַלע אַרבעטער | אַבסאָלוטע צאָל | % פון אַלע אַנגעשטעלטע א. א. װ. | אַבסאָלוטע צאָל | % פון אַלע 1612 מיטגלידער |
| ביזן 1905־טן | 35 | 5,9 | 49 | 4,8 | 84 | 5,2 |
| פונם 1916 . | 48 | 8,1 | 64 | 6,3 | 112 | 6,9 |
| „ 1917 . | 99 | 16,6 | 144 | 14,2 | 243 | 15,1 |
| „ 1918 . | 107 | 18,0 | 184 | 18,1 | 291 | 18,1 |
| „ 1919 . | 181 | 30,4 | 331 | 32,5 | 512 | 31,8 |
| „ 1920 . | 125 | 21,0 | 212 | 20,9 | 337 | 20,9 |
| „ 1921 . | — | — | 33 | 3,2 | 33 | 2,0 |
| סך־הכל | 595 | 100,0 | 1017 | 100,0 | 1612 | 100,0 |

נאָר אַ קלײנער פּראָצענט — בלױז 5,2 — איז שױן ביזן 1905־טן יאָר געװען באָלשעװיקעס. די, װאָס זײנען אַרײַנגעטרעטן אין פּאַרטײ אין 1917—1918, מאַכן אױס נאָר 33,2 פּראָצענט. אַ גרױסע צאָל גיסט זיך אַרײן אין פּאַרטײ אין 1919־טן יאָר, אין דער צײט, װען די האָפנונגען אױף אַנ׳אַלװעלטליכע פּראָלעטאַרישע רעװאָלוציע (דעמאָלט קומט פאָר די רעװאָלוציע אין דײטשלאַנד) זײנען געװען אָט שטאַרקסטן. גאַנצע טײלן פון די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען אין רוסלאַנד און אוקראַאינע גײען דעמאָלט איבער צו די קאָמוניסטן. די צװײטע גרױסע גרופּע אַנקומענדיגע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ פאַלט אױף 1920. די ראַטן־מאַכט זיגט אין דעם דאָזיגן יאָר אױף די מיליטער־פראָנטן. חוץ דעם פילט מען זיך דעמאָלט אין די רײען פון דער ר. ק. פּ. שטאַרקער און זיכערער. —

די גרעסטע מערהײט פון די אידן־קאָמוניסטן זײנען ביז װײַטער אַנקומען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ געװען אומפּאַרטײאיש. צװישן די אידן־קאָמוניסטן פון מאָסקװער גובערניע, למשל, מאַכן אױס די דאָזיגע אומפּאַרטײאישע גאַנצע 66,0 פּראָצענט.

פון װאָסערע פּאָליטישע פּאַרטײען זײנען געקומען צו דער ר. ק. פּ. די, װאָס זײנען אױך פריער געװען מיטגלידער פון אַ פּאַרטײ, איז צו זעהן פון די ידיעות װעגן דיזעלבע אידן־קאָמוניסטן פון מאָסקװער גובערניאַלער פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע (טאַבעלע IV).

### טאַבעלע IV

### די פּאָליטישע אָפּשטאַמונג פון די אידן-קאָמוניסטן

**Politische Herkunft der Juden-Kommunisten**

| פּאַרטיי | אַרבעטער אַבסאָל. צאָל | אַרבעטער % | אָנגעשטעלטע א. א. וו. אַבסאָל. צאָל | אָנגעשטעלטע א. א. וו. % | צוזאַמען אַבסאָל. צאָל | צוזאַמען % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| רוס.-סאָצ.-דעמ. אַרבעטער פּאַרטיי | 77 | 39,3 | 151 | 42,9 | 228 | 41,6 |
| בונד . . . . . | 66 | 33,7 | 114 | 32,4 | 180 | 32,8 |
| פּועלי-ציון . . . | 15 | 7,7 | 41 | 11,6 | 56 | 10,2 |
| סאָצ.-רעוואָלוציאָנערן . . . | 21 | 10,7 | 33 | 9,4 | 54 | 9,9 |
| „פאַראייניגטע". | 14 | 7,1 | 11 | 3,1 | 25 | 4,6 |
| אַנאַרכיסטן. . . | 3 | 1,5 | 2 | 0,6 | 5 | 0,9 |
| ס"ה . | 196 | 100,0 | 352 | 100,0 | 548 | 100,0 |

דאָ זעהען מיר, אַז צווישן אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען איז די „רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי" און דער „בונד" געווען אָט אַ יענער רעזערוואַר, פון וועלכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון צענטראַל-רוסלאַנד האָט געשעפּט אירע נייע קאַדרען אידן-קאָמוניסטן. די דאָזיגע ביידע פּאַרטייען געבן דאָ 74,4 פּראָצענט פון אַלע 548 אידן-קאָמוניסטן. אַ קליינע ראָליע האָט דאָ געשפּילט די פּועלי-ציוניסטישע פּאַרטיי און די פאַראייניגטע אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי. די לעצטע האָט געהאַט אירע שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציעס אין אוקראַינע און דאָרטן מאַכן אויס די געוועזענע „פאַראייניגטע" נעווים אַ גאַנץ באַדייטנדיגן פּראָצענט פון די איצטיגע אידן-קאָמוניסטן.

לאָמיר זיך נאָך פאַגאַנדערקלייבן אין דער פראַגע וועגן דער מוטער-שפּראַך פון אידן-קאָמוניסטן.

פון די ציפערן, וואָס מיר פאַרמאָגן, איז צו זעהן, אַז אידיש איז די מוטער-שפּראַך פון דעם גרעסטן טייל פון די אידן קאָמוניסטן-אַרבעטער. אין די 20 גובערניעס פון צענטראַל- און ווייסרוסלאַנד דערגרייכט דער פּראָצענט אידן-קאָמוניסטן, וואָס האָבן אָנגעוויזן אידיש פאַר זייער מוטער-שפּראַך, ביז אַ צ׳ערך 95. דאָס ערקלערט זיך געוויס דערמיט, וואָס צווישן די דאָזיגע אידן-קאָמוניסטן געפינען זיך אויך די אידן-קאָמוניסטן פון מינסק, האָמלער און וויטעבסקער גובערניעס. וואָרום דער פּראָצענט אידן-קאָמוניסטן, וואָס האָט אָנגעגעבן אידיש פאַר זיין מוטער-שפּראַך אין מאָסקווער גובערניע דערגרייכט שוין נאָר 62,0 פּראָצענט פון אַלע אידן-קאָמוניסטן. מעגליך, אַז דאָ שפּילט אויך אַ ראָליע די צייט. די ערשטע דאַטן געהערן צום 1920-טן יאָר, ווען די דאַטן וועגן מאָסקווער גובערניע געהערן שוין צום 1921-טן יאָר.

פון דעם טייל אידן-קאָמוניסטן, וואָס האָט אָנגעגעבן רוסיש, אַלס זיין מוטער-שפּראַך, באַשטייט די גרעסטע מערהייט פון אָנגעשטעלטע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס. למשל, פון 611 אידן-קאָמוניסטן אין מאָסקווער גובערניע, וועלכע האָבן ניט אָנגעוויזן אידיש, אַלס זייער מוטער-שפּראַך, איז געווען 463, ד״ה, גאַנצע 75,8 פּראָצענט אָנגעשטעלטע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס.

נאָר אַן אַנדער בילד בגנע דער פראַגע וועגן דער מוטער-שפּראַך" געבן אונז די ציפערן פון די אוקראַינער אידן-קאָמוניסטן, וועלכע געהערן שוין צום 1922-טן יאָר (זעה טאַבעלע V).

### טאַבעלע V

### די מוטער-שפּראַך פון די אוקראַינער אידן-קאָמוניסטן

**Die Mutter-Sprache der Juden-Kommunisten in Ukraina**

| סאָציאַלע גרופּעס | די צאָל נפשות אין יעדער גרופּע | פון זיי האָבן אָנערקענט אידיש פאַר זייער מוטער-שפּראַך: אַבסאָלוטע צאָל | פּראָצענט: פון דער געגעבענער גרופּע | פּראָצענט: פון די אַלע, וואָס האָבן אָנערקענט אידיש פאַר זייער מוטער-שפּראַך |
|---|---|---|---|---|
| אַרבעטער . . . | 3471 | 1170 | 33,7 | 62,7 |
| אָנגעשטעלטע און ליבעראַלע פּראָפ. | 3510 | 697 | 19,9 | 37,3 |
| ס״ה . | 6981 | 1867 | 26,8 | 100,0 |

דאָ האָבן שוין נאָר 26,8 פּראָצענט פון אַלע אידן-קאָמוניסטן אָנגעגעבן אידיש, אַלס זייער מוטער-שפּראַך. נעמענדיג איינצעלנע סאָציאַלע גרופּעס, זעהען מיר, אַז פון אידישע אַרבעטער-קאָמוניסטן האָבן נאָר 33,7 פּראָצענט אָנגעוויזן אידיש פאַר זייער מוטער-שפּראַך. און פון די אָנגעשטעלטע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס נאָך ווייניגער — בסך-הכל נאָר 19,9 פּראָצענט.

ס׳איז זעהר מעגליך, אַז אין די פריערדיגע יאָרן איז אויך אין אוקראַינע דער פּראָצענט אידן-קאָמוניסטן, וואָס האָט גערעכנט אידיש פאַר זיין מוטער-שפּראַך, געווען ניט קלענער, ווי אין מאָסקווער גובערניע. וואָרום, ווי באַקאַנט, האָבן זיך די אידן-קאָמוניסטן פאַר די לעצטע עטליכע יאָר שטאַרק אָפּגעריסן פונם אידישן לעבן און זיינען געוואָרן נאָענטער צום אַלגעמיינעם רוסישן לעבן.

צום סוף — נאָך איינינע ציפערן וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון די דעלעגירטע אויף דער 4-טער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די אידישע סעקציעס בּאַ דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די ציפערן זיינען אינטערעסאַנט, ווייל זיי געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן די אָנפירנדיגע עלעמענטן פון די א י ד י ש ע קאָמוניסטן.

פון די 144 דעלעגירטע, וואָס זיינען זיך צונויפגעפאָרן אויף דער קאָנפערענץ, זיינען געווען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין עלטער | ביז 20 יאָר | 7 נפשות, | ד. ה. 4,9% |
| " | פון 21 " 30 " | 59 " | " 41,0% |
| " | " 31 " 40 " | 50 " | " 34,7% |
| " | " 41 און עלטער | 24 " | " 16,6% |
| ניט באַקאַנט | פון וועלכן עלטער | 4 " | " 2,8% |
| סך-הכל | | 144 | ד. ה. 100,0% |

קאַרגע 46 פּראָצענט פון אַלע דעלעגירטע זיינען געווען אין עלטער פון 20 ביז 30 יאָר און נאָר 34,7 פּראָצענט איז געווען אַלט פון 31 ביז 40 יאָר.

דער בילדונגס-צענז פון די אָנפירער מיט די אידישע סעקציעס איז אין אַלגעמיין ניט קיין הויכער. דאָס זעהט מען פון דעם, וואָס פון אַלע 144 דעלעגירטע האָבן באַקומען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אַ העכערע בילדונג נאָר . . . . | 18 ד. ה. | 12,5 | פּראָצענט |
| אַ מיטעלע „ „ . . . . . | 39 „ „ | 27,1 | „ |
| אַ היימישע „ . . . . . | 78 „ „ | 54,2 | „ |

וועגן די איבעריגע 9 נפשות איז ניט פאַראַן קיין ידיעות.

ווייטער וועהען מיר אַז:

8 דעלעג. ד. ה., 5,6% האָבן געקענט נאָר 1 שפּראַך
93 „ ד. ה. 64,6% האָבן געקענט 2 שפּראַכן — (אידיש און רוסיש).
און נאָר 34, ד. ה. 23,6% האָבן געקענט 3 און מער שפּראַכן.

וויפיל שפּראַכן האָבן געקענט די איבעריגע 9 דעלעגירטע, איז ניט באַקאַנט.

לויט זייער גרונט-פּראָפעסיע געהערן די דעלעגירטע מערסטנטיילס צו לערער, ליבעראַלע פּראָפעסיעס און צו די אַנגעשטעלטע. אַרבעטער זיינען געווען נאָר 60 פון זיי — ד. ה. 41,6 פּראָצענט. צווישן די איבעריגע 84 דעלעגירטע איז געווען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| לערער . . . . . . . | 30 | ד. ה. | 20,8 % |
| פּאַרטיי-און געזעלש.-טוער, ליבעראַלע פּראָפעסיעס . . | 26 | „ „ | 18,1 % |
| אַנגעשטעלטע. . . . . . | 26 | „ „ | 18,1 % |
| אומבאַקאַנטע פּראָפעסיעס . . . | 2 | „ „ | 1,4 % |

מיר האָבן העכער אַביסל געזעהן דעם גרויסן אונטערשיד, וואָס איז געווען בײַ אַלע אידן-קאָמוניסטן צווישן זייער גרונט-פּראָפעסיע און זייער איצטיגער באַשעפטיגונג. פיל גרעסער איז דער דאָזיגער אונטערשיד דאָ, בײַ די אָנפירער פון די אידישע סעקציעס.

פאַר סימן פון זייער איצטיגער באַשעפטיגונג נעמען מיר דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, צו וועלכן זיי געהערן. דעמאָלט וועהען מיר, אַז

33 דעלעגירטע, ד. ה. 22,9% געהערן צו פּראָדוקציע-פאַראיינען.

46 דעלעגירטע, ד. ה. 31,9 % געהערן צום פאַראיין פון קולטור- און בילדונגס-טוער.

49 דעלעגירטע, ד. ה. 34,1 % געהערן צום פאַראיין פון ראַטן-אַנגעשטעלטע.

וועגן די איבעריגע 16, ד. ה. וועגן 11,1 % פון אַלע דעלעגירטע איז קיין ידיעות ניט-פאַראַן.

הייסט עס, אַז 66,0 פּראָצענט פון אַלע דעלעגירטע געהערן שוין געווים ניט צום אַרבעטער-קלאַס. נאָר ס'איז ניכער פון אַלץ, אַז אויך דער גרעסטער טייל פון די איבעריגע 22,9 פּראָצענט, וואָס געהערן איצט צו פּראָדוקציע-פאַראיינען, זיינען נישט קיין אַרבעטער אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן, נאָר זיינען אָדער אָנגעשטעלטע אין אַזעלכע ראַטן-אַנשטאַלטן, וואָס לויט דער קאָנסטרוקציע פון די רוסלענדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען גייען זיי אַריין אין פּראָדוקציע-פאַראיינען, אָדער דאָס זיינען אָנפירער מיט פּראָדוקציע-פאַראיינען (פאָרזיצערס, סעקרעטאַרן, מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג א. אַז. וו.).

ס'איז וועדר אינטערעסאַנט, ווי לאַנג זיינען שוין די אנפירער פון די אידישע סעקציעס קאָמוניסטן?

די רעגיסטראַציע גיט אַזאַ מין ענטפער:

24 דעלעגירטע, ד. ה. 16,7% זיינען אָנגעקומען אין ר. ק. פּ. אין 1919 מיטן איד. קאָמוניסט. פאַרבאַנד.

49 דעלעגירטע, ד. ה. 34,0 % זיינען אָנגעקומען אין ר. ק. פּ. ערשט אין 1920 מיטן קאָמוניסטישן בונד.

58 דעלעגירטע, ד. ה. 40,3 % זיינען אָנגעקומען אין ר. ק. פּ. איינציגווייז און אין פאַרשידענע יאָרן.

ידיעות פעלן וועגן 13 דעלעגירטע, ד. ה. וועגן 9,0 פּראָצענט.

די אָנפירנדיגע טוער פון דער אידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד זיינען אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ פרישער עלעמענט.

זיי זיינען אנגעקומען אין זייער גרעסטן טייל פון דעם „בונד“ און פון דער „פאַראייניגטער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי“. די גענויע פאַרטיילונג ווייערע לויט דער פּאָליטישער אָפּשטאַמונג איז אַזאַ:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אין „בונד“ זיינען געווען | 86 | דעלעגירטע— | 59,7 | פּראָצ. |
| בײַ די „פאַראייניגטע | 30 | „ | 20,8— | „ |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| צוזאַמען „בונד“ און „פאַראייניגטע“ | 116 | דעלעג.— | 80,5 | „ |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| געוועז. פּועלי ציון זיינען | 5 | דעלעגירטע— | 3,5 | פּראָצ. |
| פון אַנדערע פּאַרטייען | 2 | „ | 1,4— | „ |
| ניט באַקאַנט פון וואָסער אַ פּאַרטיי | 21 | „ | 14,6— | „ |

# די סאָציאַלע און ווירטשאַפטליכע פאַרהעלטנישן בא די אידן אין אַלטערטום

א. מענעס

## Die Wirtschaftsverhältnisse der Juden im Altertum

von A. Menes

I

די ווירטשאַפטליכע געשיכטע פון אַלטערטום איז דער אַמווייניגסטן אויסגעאַרבעטער געביט פון דער אַלטער געשיכטע. אין דעם איז שולדיג קודם כל דער כאַראַקטער פון אונזער מאַטעריאַל, מיר זיינען על פי רוב אָנגעוויזן אויף ליטעראַרישע דענקמעלער, וועלכע באַקענען אונז, אמת, מיט די גייסטיגע שטרעמונגען ווי אויך מיט די פּאָליטישע פּאַסירונגען, וועלכע דערציילן אונז אָבער זעהר ווייניג וועגן דעם, ווי אַזוי די מענשן האָבן באַפרידיגט זייערע געוויינליכע טאָג-טעגליכע הצטרכותן. דער דאָזיגער מאַטעריאַל איז אָבער נאָך דערצו זעהר אַן איינזייטיגער. אין דער ליטעראַטור געפינען מיר ניט אומעטום די אָפּשפּיגלונג פון דעם פאָלקס-לעבן בכלל; עס זיינען תמיד געוויסע סאָציאַלע גרופּן, וועמעס לעבנס-תנאים, אָנשויאונגען, און אידעאַלן די ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ. באַזונדערס דאַרף מען דאָס נעמען אין אַכט, ווען מען וויל אויספאָרשן די געשיכטע פון ישראל. מיר האָבן היינט צוטאָג אַ גאַנץ קליינעם טייל פון דער אַלטער אידישער ליטעראַטור, דאָס זיינען די, וועלכע זיינען געפונען געוואָרן פאַר ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין דעם כלל פון די הייליגע ספרים, אינם תנ"ך; די איבריגע, די וועלטליכע ליטעראַטור (ספרים החיצונים) זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען.

אָבער אויך דער כאַראַקטער פון די מאַטעריאַלן, וועלכע מיר האָבן באַקומען דאַנק די אויסגראָבונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, איז אַן איינזייטיגער. עס איז פאַרשטענדליך, אַז דעם גרעסטן ווידערשטאַנד קענען די צושטערנדע כחות פון דער נאַטור און די מענשן האָבן אַרויסגעוויזן ניט די הילצערנע אָדער ליימענע הייזלאַך פון פויער, נאָר די פּאַלאַצן, טעמפּלען און קברים פון די הערשנדיגע קלאַסן. אויך די אַרכעאָלאָגיע גיט אונז דעריבער אַן איינזייטיגן בילד פון די פאַרהעלטנישן פון אַלטערטום. עס איז דעריבער פאַרשטענדליך, אַז וועגן אַן אויספירליכן בילד פון די ווירטשאַפטליכע פאַרהעלטנישן פון אַלטן ישראל קען קיין שום רייד ניט זיין. מיר ווילן דאָ בלויז פּרובירן, אויף וויפיל ס'איז מעגליך בא דעם מצב פון אונזערע מאַטעריאַלן, געבן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער ווירטשאַפטליכער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון אַלטן ישראל.

די געשיכטע פון ישראל איז איינג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אַלטן מזרח בכלל, קודם כל מיט מצרים און בבל. שוין אין דער עלטסטער צייט, נאָך איידער די אידן האָבן פאַרנומען פּאַלעסטינע, איז דער האַנדלס-פאַרקער צווישן פּאַלעסטינע און זיינע שכנים געווען זעהר לעבעדיג. פּאַלעסטינע געפינט זיך אין מיטלפּונקט צווישן די ביידע גרויסע קולטור צענטרען פון אַלטערטום, בבל און מצרים, פון דער אַנדער זייט גרענעצט זי זיך מיט די האַנדלס-צענטרען פון דער אַלטער וועלט מיט צור און צידון. וואָס פאַר אַ ראָלע דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרקער האָט אין ישראל געשפּילט באַווייזט אונז אַמבולטסטן דער פאַקט, וואָס שוין אין דער עלטערער צייט איז אין ישראל געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו פון אַ היסטאָרישער געאָגראַפיע, דאָס איז בראשית, דער מחבר פון דעם דאָזיגן קאַפּיטל האָט שוין לפי ערך גאַנץ גרויסע ידיעות פון דער דעמאָלטיגער וועלט און ער מאַכט דעם פּרוּוו צו דערקלערן, ווי אַזוי די באַקאַנטע וועלט איז אַנטשטאַנען, ער טיילט שוין פאַרנאַנדער די פאַרשיידענע פעלקער אויף ראַסעס, אויף די בני שם, בני חם און בני יפת.

אָבער אויך פּאָליטיש איז פּאַלעסטינע כמעט שטענדיג געווען אָפּהענגיג פון די שכנותדיגע גרויסע מלוכות, בבל און מצרים. פּאַלעסטינע איז געווען דער קאַמפּפּלאַץ און אויך דער קאַמפּף-אָביעקט צווישן די דאָזיגע ביידע מלוכות.

דער כאַראַקטער פון דער מצרישער קולטור ווערט קודם-כל באַשטימט דורך איר געאָגראַפישער לאַגע. אין מצרים, באַזונדערס אין אויבער מצרים, גייט כמעט קיין רעגן ניט; דאָך איז זי איינע פון די פרוכטבאַרסטע לענדער אין דער וועלט, דאָס איז דאַנק די יערליכע איבערפלייצונגען פון נילוס. און נאָר דאָס לאַנד, וועלכע ווערט באַוואַסערט פון נילוס, ווערט קולטיווירט, דאָס איבריגע איז אַ מדבר. צו דעם צוועק איז דורך דאָס גאַנצע לאַנד דורכגעפירט אַ קאַנאַל-סיסטעם, וועלכע רעגולירט די באַוואַסערונג. כדי אָבער צו האַלטן די זעהר קאָמפּליצירטע קאַנאַל-סיסטעם אין אָרדנונג, איז געווען נייטיג אַ שטאַרקע צענטראַלע מאַכט. און שוין אין דער עלטסטער צייט האָט זיך אין די הענט פון מצרישן מלך געפונען נישט נאָר די פּאָליטישע און מיליטערישע מאַכט, נאָר אויך אַ גרויסע עקאָנאָמישע מאַכט. אַזוי ווערט, למשל, אין חומש דערציילט, בראשית מז. 13, אַז אין מצרים האָט די גאַנצע ערד געהערט צו פּרעהן, און דער דערציילער דערקלערט דאָס דערמיט, וואָס בשעת דעם גרויסן הונגער האָבן די פּויערים פאַרקויפט זייער ערד פאַר די תבואה, וואָס יוסף האָט זיי געגעבן. דעם אידישן דערציילער זיינען די דאָזיגע מצרישע פאַרהעלטנישן געווען פרעמד. אין ישראל האָט עקזיסטירט אַ שטאַרקער פרייער פּויערטום, ווי מיר וועלן דאָס זעהן ווייטער, און ער האָט דעריבער געזוכט פאַר דעם אַ דערקלערונג.

דער נילוס איז אויך געווען דער וויכטיגסטער פאַרקערס-מיטל פון מצרים, מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז גאַנץ מצרים ליגט ביים נילוס, מצרים איז אַ דינער פּאַס לאַנד פון דורכשניטליך 20 קילאָמעטער די ברייט, וואָס ציט זיך פאַזע דעם טייך. דאָס אַליין האָט מיטגעווירקט אַז שוין אין דער עלטסטער צייט זאָל דאָ אַנטשטיין אַ העכערע קולטור מיט אַ שטאַרקער, צענטראַליזירטער פּאָליטישער מאַכט.

כמעט דעמזעלביגן כאַראַקטער האָט געטראָגן די בבלישע קולטור, אויך דאָרטן זיינען עס די טייכן פרת און חידקל, וועלכע באַשטימען דעם כאַראַקטער פון לאַנד, אויך דאָ האָט די נויטיגקייט אין רעגולירן די באַוואַסערונג געפירט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער קיניגליכער מאַכט, אויך דאָ זיינען די טייכן דאָס וויכטיגסטע פאַרקערס-מיטל. און אַזוי ווייסן מיר, אַז אין די ביידע לענדער האָט שוין אין דער עלטערער צייט עקזיסטירט אַ שטאַרק פאַרטגעשריטענע קולטור, און שוין אַרום 2000 פאַר כריסטוס געפינען מיר אין בבל אַ שטאַרק אַנטוויקלטע שטאָטישע קולטור, אַ

אַדל האָט זיך איצט פאַרבונדן מיט דער נייער קיניגליכער ביוראָקראַטיע און טיילווייז מיט די אויפגעקומענע פּלעבעיער.

מיט שלמה'ן איז געמאַכט געוואָרן אין ישראל דער פּרווו איינצופירן די אָריענטאַלישע דעספּאָטיע. דאָס פאָלק ווערט צוגעצווינגען צו צוואַנגס-אַרבעט, עס ווערן אַרויפגעלייגט שווערע אָפּצאָלן אויף דער באַפעלקערונג, שלמה האָט שוין אַ גרויסן האַרעם וכו. די צייט פון שלמה ווערט אָפט געשילדערט אַלס די גליקליכסטע צייט פון ישראל. באמת אָבער איז עס געווען די אומגליקליכסטע. אין ישראל זיינען ניט געווען די גינציגע תנאים פאַר אַ אָריענטאַלישע דעספּאָטיע. דער געביט פון פּאַלעסטינע איז אויך, נאָך דודס נצחונות, געווען צו קליין, אום צו קענען טראָגן די גרויסע הוצאות פון שלמהס הויף; קיין גרויסע מיליטערישע נצחונות זיינען אים אויך ניט געווען באַשערט. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס ס'איז געקומען די קאַטאַסטראָפע.

שוין פאַר שלמהס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַנאַנדערפאַל פון דער מלוכה. פון אָנהויב האָט זיך אָפּגעריסן א ר ם און ווייזט אויס אויך א ד ם, מלכים א., יא. 14 וכו. אויך אין ישראל גופא האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע עס האָט זיך אָבער איינגעגעבן שלמה'ן צו אונטערדריקן; דער פירער ירבעם איז אַנטלאָפן קיין מצרים. נאָך שלמהס טויט אָבער איז ער געקומען צוריק אין ישראל, גאַנץ ישראל האָט זיך אָפּגעריסן פון דער דודישער דינאַסטיע און רחבעם, שלמהס זון, איז געבליבן מלך נאָר איבער יהודה, איבער די איבעריגע שבטים איז געוואָרן מלך ירבעם. דערמיט פאַרענדיגט זיך דער ערשטער פּעריאָד פון דער אידישער געשיכטע.

דער דאָזיגער סאָציאַל-פּאָליטישער איבערבליק האָט אונז באַוויזן: ערשטנס, ווי פאַלש עס איז די פאָרשטעלונג פון דער איינפאַכער אַלטער צייט פון ישראל און צווייטנס, וואָס פאַר אַ כח די דעמאָקראַטישע באַוועגונג האָט שוין דאַן געהאַט אין ישראל; און מען מוז נעמען אין אכט דעם דאָזיגן פאַקט, ווען מען וויל פאַרשטיין די גאַנצע ווייטערדיגע איינאַרטיגע אַנטוויקלונג פון ישראל. נאָר דורכדעם דערקלערט זיך די מעגליכקייט פון די נביאים. אין אַנאַנדער לאַנד, אין אַ מצרים אָדער בבל, וואָלט די מלוכה קיינמאָל ניט דערלאָזן אַזאַ אָפענע אָפּאָזיציע, ווי די נביאישע, נאָר אויפן באָדן פון אַ לאַנד, וואו דאָס פאָלק איז געווען אַזוי פּאָליטיש אַקטיוו ווי אין ישראל, איז אַזאַ דערשיינונג געווען מעגליך. עס איז נאָך וויכטיג פאַר אונז זיך צו באַקענען מיט דער סאָציאַלער גלידערונג פון ישראל און מיט דעם ווירטשאַפטליכן כח פון די איינצעלנע גרופּעס, ווי אויך איבער זייערע הכנסות און די הכנסות פון דער מלוכה. אָבער וועגן דעם אַ צווייטן מאָל.

# געבורטן, שטאַרב־פאַלן און חתונות בא אידן אין אדעס פון 1892 ביז 1919

**יעקב לעשצינסקי**

## Geburten, Sterbefälle und Eheschliessungen bei den Juden in Odessa von 1892 bis 1919

**von Jakob Lestschinsky**

אין דער אייראָפּייאישער וויסנשאַפטליכער ליטעראַטור פאַרנעמט מען זיך שוין פון לאַנג זעהר ערנסט מיט דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דער מענשהייט. ס'איז שוין איצט אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט פאַר אַלע לענדער און פעלקער, אַז וואָס קולטורעלער, רייכער און אַנטוויקעלטער אַ פאָלק ווערט, אַלץ ווייניגער און ווייניגער קינדער ווערן בא אים געבוירן. אמת, אין דער זעלבער צייט פאַלט אַלץ מער אויך די שטאַרבליכקייט. די מעשה איז אָבער אַזאַ, אַז ווי מען זאָל ניט פאַרבעסערן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד, ווי מען זאָל ניט זאָרגן פאַרן געזונט פון די קינדער, ווי הויך די מעדיצינישע וויסנשאַפט זאָל ניט שטיין, אָפּשאַפן אין גאַנצן דעם מלאך־המות וועט זיך געוויס ניט איינגעבן. אַ געוויסער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג מוז שטאַרבן אפילו בא די בעסטע לעבנס-באַדינגונגען. רעגולירן אָבער דאָס קינדער־האָבן, האָבן קינדער מיט אַ מאָס און מיט שכל, ווי ס'איז געוואָרן איצט אַ מאָדע כמעט שוין בא אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער פון אייראָפּע, — אָט אַ דער שכל'דיגער אויפטו פון דער מאָדערנער צייט ווייסט דאָך פון קיינע גרעניצן ניט און קאָן פאַרפירן אַזוי ווייט, אַז די צאָל געבוירענע זאָל ניט דעקן די צאָל געשטאָרבענע.

אַזעלכע פעלן זיינען שוין פאַראַן — פראַנקרייך האָט אַזוי שטאַרק „פּראָגרעסירט" אין ענין פון רעגולירן דאָס קינדער־האָבן, אַז דער באַלאַנס אידער איז זעהר און זעהר אַ טרויעריגער. פראַנקרייך האָט שוין פאַר דער מלחמה ניט געהאַט מיט וואָס צו דעקן די צאָל געשטאָרבענע — אַזוי קלוג זיינען געוואָרן די פראַנצויזישע פרויען.

בא אונז, בא אידן, איז נאָך עד היום שטאַרק פאַרשפּרייט די לעגענדע, אַז אידן האָבן אַ סך קינדער, אַז בא אידן ווערן געבוירן אַ מענגע קינדער, אָבער ס'איז ניט מער ווי אַ לעגענדע. ניט אין אַ נאָטיץ קאָן מען זיך אָפּשטעלן באַריכות אויף דער דאָזיגער ערנסטער פּראָבלעם. מיר ווילן נאָר זאָגן, אַז ביים אידישן פאָלק זיינען פאַראַן אַזעלכע טיילן, וועלכע געבוירן אַזוי ווייניג קינדער, אַז ווען מען וואָלט זיי איבער געלאָזט אָהן אַ צופלוס פון אַנדערע לעבעדיגערע און פרוכטבאַרערע עלעמענטן, וואָלטן זיי געמוזט אונטערגיין. אַזוי, למשל, איז נאָר קיין ספק ניט, אַז ווען די דייטשישע אידן זאָלן ניט האָבן קיין צופלוס פון מזרח-אידן, פון רוסישע און גאַליציישע „אָפּגעשטאַנענע" עלעמענטן, וואָלטן זיי שוין ניט פאַרמאָגט מיט די אייגענע געבוירענע קינדער צו דעקן די צאָל געשטאָרבענע. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן די אמתע ענגלישע אידן, וועגן די אמתע פראַנצויזישע אידן, איבערהויפּט וועגן די אַלע אידן, וועלכע מיר זיינען געוואוינט צו אָנרופן מערב-אידן.

די מערב-אידן זיינען אַלזוי שוין גאַנץ ווייט אין ענין פון „רעגולירן די בלינדע כחות פון דער נאַטור". ווי האַלט עס מיט די מזרח-אידן? מיר מוזן זאָגן, אַז אין דעם פּרט איז ניט אַלץ אין אָרדנונג. אמת, די פראַגע איז בא אונז כמעט ווי נאָך נאָר

ניט אויסגעמאַרשט געוואָרן. די עטליכע ספּעציאַליסטן אָבער, וואָס אינטערעסירן זיך מיט די פּראָבלעמען פון דער אידישער נאַטירליכער באַוועגונג, ווייסן גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ איבערברוך בײַ די רוסישע און פּוילישע אידן ס'איז געקומען נאָכן 1905 יאָר, ווי שטאַרק און שנעל די צוויי־קינדער־ און אפילו איין־קינד־סיסטעם האָט פאַרכאַפּט די אידישע מאַסן.

די אַנגערירטע גאַנץ אויבן־אויף פּראָבלעמען וועלן אין אונזער זשורנאַל נאָך באַהאַנדלט ווערן מיט דער גרויסער ערנסטקייט, וועלכע זיי פאַרדינען. דער אומגליק איז אָבער, וואָס ווען די רוסישע אידן האָבן מיר כמעט קיינע מאַטעריאַלן ניט בנוגע צו דער דאָזיגער פראַגע. חוץ בינשטאָקס און גאָהאָמעלסקיס ביכל, וואָס איז שוין צו פאַרעלטערט, ווייל ס'שטעלט זיך אָפּ אויף דער נאַטירליכער באַוועגונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד בײַם 1904־טן יאָר, קאָן מען דערמאָנען נאָר די איין און איינציגע ערנסטע אַרבעט פון ד״ר שאַבאַד אינם ווילנער פּנקס וועגן די געבורטן, שטאַרבליכקייט און חתונות בײַ אידן אין ווילנא. איך געפין דעריבער זעהר פאַר נוצליך אָנהויבן פאַרעפנטליכן אין אונזערע „בלעטער״ די מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין מיין אַרכיוו.

איך הויב אָן פון אודעסער אידן צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, פאַרמאָג איך גראָדע וועגן אודעס מאַטעריאַל פאַר נאָר אַ גרויסן פּעריאָד, פאַר כמעט דרייסיג יאָר. און שנית, איז די אודעסער אידישע קהלה אין אַ סך פּרטים זעהר כאַראַקטעריסטיש. אודעסער אידן זיינען אָנגעפאַרענע, אָנגעלאָפענע, די אַלטע טראַדיציעס זיינען דאָרט זעהר שוואַך און ווערן גאַנץ גרינג פאַרוואָרפן; די אַסימילאַציע איז דאָרט אַ סך שטאַרקער, ווי אין אַנדערע קהלות פון געוועזענעם תחום; די אויסגעלאָזנקייט און פּראָסטיטוציע זיינען צווישן די אודעסער אידן זעהר שטאַרק פאַרשפּרייט — אַט די אַלע מאָמענטן שאַפן זעהר אַ גינציגן באָדן פאַר דער וועלט־אַנשויאונג, וואָס ברייננט צו ווייניג קינדער האָבן, אָדער ווי זיינען נאָר גורם אין אַזעלכע הולאתן, וואָס מאַכן אַ געוויסן טייל פון דער באַפעלקערונג פאַר אומפרוכטבאַר.

איידער מיר גייען איבער צו די טאַבעלן, מוזן מיר נאָך באַמערקן פאָלגנדיגס. ווי ס'איז באַקאַנט, כאַפּן זיך ניט אידן צו פאַרשרייבן מיידלאַך. מילא אינגלאַך האָט מען זיך שוין אויסגעלערנט צו פאַרשרייבן, ווייל מען מוז דאָך זיך שטעלן צום מיליטער, אָבער ווערט געבוירן אַ מיידל, איז עס לאו דוקא; און ס'באַקומט זיך אַ מאָדנע לאַגע. למשל, אין ווילנע איז אויסגעקומען, אַז פון 1893 ביז 1902 זיינען געבוירן געוואָרן בײַ אידן דורכשניטליך 196 אינגלאַך אויף יעדע 100 מיידלאַך; פון 1911 ביז 1915 איז אויסגעקומען, אַז אויף יעדע 100 מיידלאַך זיינען געבוירן געוואָרן בײַ אידן 156 אינגלאַך. אַז דאָס איז אַ אוממעגליכע זאַך, פאַרשטאַרט מען ברייננגען אַ סך ראיות. נאָר גראָדע זיינען דאָ זעהר גוטע באַווייזן, אַז די ווילנער אידן זיינען נאָר ניט אַזוי אָרים אין מיידלאַך. אין 1916־טן יאָר, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט ווילנא און ברויט האָט מען באַקומען אויף קאַרטן, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בײַ די ווילנער אידן אַזוי פיל מיידלאַך, אַז ס'איז שוין אויסגעקומען 114 מיידלאַך אויף 100 אינגלאַך. ד״ר שאַבאַד אין זיין אויבן דערמאָנטער אַרבעט שטעלט זיך גענוי אָפּ אויף דער דאָזיגער פראַגע און קומט צום באַשלוס, אַז אויב מיר ווילן זיך באַנוצן מיט די מאַטעריאַלן פון די ראַבינערס, וועגן געבורטן בײַ אידן, מוזן מיר זיי אויסבעסערן אויף פאָלגנדיגן אופן: מיר מוזן אָננעמען, אַז אויף הונדערט מיידלאַך ווערן בײַ אידן געבוירן 106 אינגלאַך. גראָדע אין אודעס איז אין דעם פּרט די לאַגע פיל בעסער, ווי אין ווילנא. למשל, פאַר 20 יאָר — פון 1897 ביז 1916 — איז אויסגעקומען לויט די ביכער פונם ראַבינער, אַז ס'זיינען געבוירן געוואָרן 112,2 אינגלאַך אויף 100 מיידלאַך. אי דאָס איז אין די ערשטע צען יאָר — פון 1897 ביז 1906 — פאַרשריבן געוואָרן 115,3 אינגלאַך אויף 100 מיידלאַך, און אין די לעצטע צען יאָר — פון 1907 ביז 1916 — איז שוין געווען פאַרשריבן 107,7 אינגלאַך אויף 100 מיידלאַך. דאָס איז שוין זייער נאָענט צו דער פּראָפּאָרציע צווישן אינגלאַך און מיידלאַך, וועלכע ד״ר שאַבאַד לייגט פאַר אָנגעמען פאַר דער אידישער באַפעלקערונג.

מיר האָבן אין די ציפערן וועגן אודעס אויך געמאַכט די פאַרבעסערונג פון ד״ר שאַבאַד אויסבעסערונג. כדי דער לעזער זאָל האָבן אַ פאַרשטעלונג, אויף וויפיל די דאָזיגע אויסבעסערונג האָט געענדערט דעם כאַראַקטער פון די געבראַכטע טאַבעלן, וועלן מיר ברייננגען פאַר איניגע יאָרן די צאָל מיידלאַך לויט די ביכער פון די ראַבינערס און נאָך דער אויסבעסערונג:

| יאָרן | לויט די ביכער פון די ראַבינערס: אַבסאָלוטע צאָל מיידלאַך | לויט די ביכער פון די ראַבינערס: אויף 100 מיידלאַך קומט אויס אינגלאַך | נאָך דער אויסבעסערונג: אַבסאָלוטע צאָל מיידלאַך | נאָך דער אויסבעסערונג: אויף 100 מיידלאַך קומט אויס אינגלאַך |
|---|---|---|---|---|
| 1892 | 1753 | 109,5 | 1805 | 106 |
| 1893 | 1717 | 109,4 | 1773 | 106 |
| 1894 | 1667 | 112,1 | 1762 | 106 |
| 1901 | 2254 | 118,1 | 2512 | 106 |
| 1902 | 2426 | 114,9 | 2630 | 106 |
| 1903 | 2479 | 117,2 | 2742 | 106 |

מיר זעהען, אַז ס'זיינען געווען יאָרן, ווען אויף הונדערט מיידלאַך זיינען בײַ די אודעסער אידן פאַררעגיסטרירט געוואָרן 118,1 אינגלאַך (1901) אָדער 117,2 אינגלאַך (1903). און ס'זיינען אַבסאָלוט ניטאָ קיינע גרונדן אָנצונעמען, אַז בײַ די אודעסער אידן איז געווען אין די געבראַכטע יאָרן אַזאַ אומנאַרמאַלקייט. בפרט נאָך, אַז די דאָזיגע „אומנאַרמאַלקייט״ חזרט זיך איבער אומעטום בײַ דער אידישער באַפעלקערונג, און גראָדע נאָר אין די לענדער, וואו די רעגיסטראַציע פון די געבורטן ליגט אין אַזעלכע הענט, ווי די געוועזענע ראַבינערס אין רוסלאַנד. ס'איז קלאָר אַליין, אַז נאָך דער געמאַכטער אויסבעסערונג זיינען מיר אַ סך נאָענטער צום אמת, ווי ווען מיר וואָלטן געווען בלייבן בײַ דער צאָל, וואָס איז גענומען פון די ביכער פון די ראַבינערס.

ועלבסטפאַרשטענדליך, אַז אין די יאָרן, ווען די צאָל פאַררעגיסטרירטע געבוירענע מיידלאַך איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז אויסגעקומען ווייניגער פון 106 אינגלאַך אויף 100 מיידלאַך, האָבן מיר קיינע ענדערונגען אין די ציפערן ניט געמאַכט. אַזעלכע יאָרן זיינען געווען סך־הכל פינף פון די 26 יאָרן, העלכע גייען אַריין אין דער ערשטער טאַבעלע — 1908, 1910, 1912, 1914, 1916.

מיר גייען איבער צום מאַטעריאַל גופא.

לאָמיר צוערשט זעהן, וויפיל זיינען אין פאַרשידענע צייטן געבוירן געוואָרן קינדער, געשטאָרבן און חתונה געהאַט בײַ די אודעסער אידן אויף יעדע טויזנט נפשות.

אויף דערויף ענטפערט פאָלגנדיגע טאַבעלע.

| יאָרן | אידישע באַפעלקערונג | אויף יעדע 1000 פון דער אידישער באַפעלקערונג זײַנען: געבוירן | געשטאָרבן | צוזאַקס | חתונה געהאַט |
|---|---|---|---|---|---|
| 1892 | 112,235 | 33,1 | 22,8 | 10,3 | 7,2 |
| 1897 | 139,984 | 32,1 | 19,5 | 12,6 | 9,6 |
| 1904 | 152,364 | 35,1 | 25,2 | 9,9 | 10,6 |
| 1910 | 160,000*) | 21,9 | 17,9 | 4,0 | 8,6 |
| 1920 | 190,255 | 17,3**) | 41,8**) | —24,5 | — |

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער דאָזיגער טאַבעלע איז דאָס, וואָס מיר ווערן געוואויר, אַז שוין צוריק מיט דרײַסיג יאָר איז בײַ די אָרעמער אידן געווען אַ צוזאַקס פון סך־הכל 10,1 אויף טויזנט נפשות. אַביסל גרעסער איז דער צוזאַקס געווען אין 1897־טן יאָר — 12,6 אויף טויזנט נפשות; ער פאַלט אָבער צו 1904־טן יאָר ביז 9,9 אויף טויזנט נפשות און אין 1910־טן איז ער שוין סך־הכל 4 אויף טויזנט נפשות. ערב דער מלחמה איז שוין די לאַגע געווען אַזאַ טרויעריגע אין אדעס, אַז דער צוזאַקס בײַ דער אידישער באַפעלקערונג איז געווען אַ נישטיגער.

פון וואַנעט האָט זיך עס גענומען? איז אפשר בײַ די אָרעמער אידן געווען אַזאַ הויכע שטאַרבליכקייט? פון 1904־טן יאָר ביז 1910 איז די שטאַרבליכקייט פאַרקלענערט געוואָרן כמעט אויף אַ דריטל — פון 25,2 אויף טויזנט נפשות ביז 17,9. דער אומגליק האָט זיך אָבער גענומען דערפון, וואָס די געבורטן זײַנען נאָך מער פאַרקלענערט געוואָרן, מער ווי אויף אַ דריטל — פון 35,1 אויף טויזנט נפשות אויף 21,9.

אַ סך קלאָרער ווערט דער זין פון די נאָר וואָס געבראַכטע ידיעות, ווען מיר גייען איבער צו דער דעטאַלער טאַבעלע I.

*) בערעכנדיגע דאַטן.

**) די באַפעלקערונג איז גענומען לויט דער ציילונג פון 1920־טן יאָר און די צאָל געבוירענע און געשטאָרבענע פון 1919־טן יאָר.

טאַבעלע I

## געבורטן, שטאַרבפאַלן און חתונות בײַ אידן אין אדעס (1892–1919)

**Geburten, Sterbefälle, Eheschliessungen bei den Juden in Odessa**

| יאָר | צאָל געבוירענע: אינגלאַך | מיידלאַך | צוזאַמען | צאָל געשטאָרבענע: מענער | פרויען | צוזאַמען | געבוירן מער ווי געשטאָרבן | אויף 100 געשטאָרבענע זײַנען געבוירן | צאָל חתונות | אויף איין חתונה קומט אויס געבורטן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1892 | 1913 | 1805 | 3718 | 1425 | 1142 | 2567 | 1151 | 144,8 | 809 | 4,6 |
| 3 | 1879 | 1773 | 3652 | 1497 | 1182 | 2679 | 973 | 136,3 | 945 | 3,9 |
| 4 | 1869 | 1762 | 3631 | 1233 | 1088 | 2321 | 1310 | 156,4 | 997 | 3,6 |
| 5 | 2018 | 1904 | 3922 | 1469 | 1176 | 2645 | 1277 | 148,3 | 1192 | 3,3 |
| 6 | 2150 | 2028 | 4178 | 1830 | 1441 | 3271 | 907 | 127,7 | 1236 | 3,4 |
| 7 | 2283 | 2154 | 4437 | 1497 | 1236 | 2733 | 1704 | 162,4 | 1350 | 3,3 |
| 8 | 2442 | 2304 | 4746 | 1568 | 1273 | 2841 | 1905 | 167,1 | 1479 | 3,2 |
| 9 | 2215 | 2090 | 4305 | 1641 | 1345 | 2986 | 1319 | 144,2 | 1614 | 2,7 |
| 1900 | 2618 | 2470 | 5088 | 1887 | 1555 | 3442 | 1646 | 147,8 | 1455 | 3,5 |
| 1 | 2663 | 2512 | 5175 | 1805 | 1511 | 3316 | 1859 | 156,1 | 1539 | 3,4 |
| 2 | 2788 | 2630 | 5418 | 1765 | 1464 | 3229 | 2189 | 167,8 | 1672 | 3,2 |
| 3 | 2906 | 2742 | 5648 | 1992 | 1622 | 3614 | 2034 | 156,3 | 1741 | 3,2 |
| 4 | 2756 | 2600 | 5356 | 2048 | 1786 | 3834 | 1522 | 139,7 | 1609 | 3,3 |
| 5 | 2179 | 2056 | 4235 | 2356 | 1853 | 4209 | 26 | 100,6 | 1203 | 3,5 |
| 6 | 2071 | 1954 | 4025 | 1702 | 1379 | 3081 | 944 | 130,6 | 1668 | 2,4 |
| 7 | 1946 | 1830 | 3776 | 1649 | 1361 | 8010 | 766 | 125,4 | 1468 | 2,6 |
| 8 | 1890 | 1816 | 3706 | 1627 | 1327 | 2954 | 752 | 125,5 | 1319 | 2,8 |
| 9 | 1796 | 1694 | 3490 | 1835 | 1600 | 3435 | 55 | 101,6 | 1253 | 2,8 |
| 10 | 1798 | 1709 | 3507 | 1597 | 1270 | 2867 | 640 | 122,3 | 1372 | 2,6 |
| 11 | 1840 | 1736 | 3576 | 1550 | 1289 | 2839 | 737 | 126,0 | 1244 | 2,9 |
| 12 | 1513 | 1432 | 2945 | 1522 | 1199 | 2721 | 224 | 108,2 | 1210 | 2,4 |
| 13 | 1657 | 1563 | 8220 | 1623 | 1398 | 3021 | 199 | 106,6 | 1199 | 2,7 |
| 14 | 1629 | 1580 | 3209 | 1493 | 1264 | 2757 | 452 | 116,4 | 1147 | 2,8 |
| 15 | 1312 | 1238 | 2550 | 1638 | 1839 | 2977 | 427 | 85,7 | 703 | 3,6 |
| 16 | 1198 | 1183 | 2381 | 1735 | 1465 | 3200 | —819 | 74,4 | 759 | 3,1 |
| 17 | 1100 | 1038 | 2138 | 2039 | 1638 | 3677 | —1539 | 58 1 | 1809 | 1,2 |
| 18 | — | — | 3254 | — | — | 4219 | —965 | 77,1 | — | — |
| 19 | — | — | 3300 | — | — | 7950 | —4650 | 41,5 | — | — |

טאַבעלע II

# די דורכשניט־צאָלן פֿון געבורטן, שטאַרב־פֿאַלן און חתונות בײַ אידן אין אָדעס

## (1892—1919)

**Durchschnittsziffern der Geburten, Sterbefälle und Eheschliessungen bei den Juden in Odessa**

| יאָר | צאָל געבוירענע | | | צאָל געשטאָרבענע | | | | געבוירן מער ווי געשטאָרבן | | צאָל חתונות | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אינגלאַך | מיידלאַך | צוזאַמען | מענער | פֿרויען | צוזאַמען | אויף 100 געשטאָרבענע פֿרויען קומט אויס געשטאָרבענע מענער | אַבסאָלוטע צאָל | אויף 100 געשטאָרבענע קומט אויס געבוירענע | אַבסאָלוטע צאָל | חתונות אויף [illegible] באַפֿעלקערונג |
| 1892 — 1897 | 1966 | 1854 | 3820 | 1491 | 1206 | 2697 | 123,1 | 1123 | 141,6 | 1036 | 3,7 |
| 1897 — 1901 | 2444 | 2306 | 4750 | 1680 | 1384 | 3064 | 121,4 | 1686 | 155,0 | 1487 | 3,2 |
| **1892 — 1901** | **2205** | **2080** | **4285** | **1585** | **1295** | **2880** | **122,4** | **1405** | **148,8** | **1261** | **3,4** |
| 1902 — 1904 | 2817 | 2657 | 5474 | 1935 | 1624 | 3559 | 119,0 | 1915 | 153,6 | 1674 | 3,3 |
| 1905 — 1909 | 1976 | 1868 | 3846 | 1834 | 1504 | 3338 | 121,9 | 508 | 115,2 | 1382 | 2,8 |
| **1902 — 1909** | **2292** | **2165** | **4457** | **1872** | **1549** | **3421** | **120,8** | **1036** | **130,3** | **1492** | **3,0** |
| 1910 — 1914 | 1687 | 1604 | 3291 | 1557 | 1284 | 2841 | 122,0 | 450 | 116,0 | 1234 | 2,7 |
| 1915 — 1917 | 1170 | 1153 | 2356 | 1804 | 1481 | 3285 | 122,0 | — 929 | 71,7 | 1090 | 2,2 |
| 1918*) — 1919 | — | — | 3277 | — | — | 6085 | — | — 2808 | 53,9 | — | — |

*) די ציפֿערן װעגן געבורטן פֿאַר 4 חדשים פֿון 1918 מאַי—אַװגוסט זײַנען אינטערפּאָלירט.

נעמען מיר די יאָרן 1892 און 1904, דאָס ערשטע יאָר פֿון אונזער טאַבעלע און דאָס לעצטע יאָר פֿאַר דער ערשטער רוסישער רעװאָלוציע, װעלכע האָט געװיס געשפּילט די הױפּט־ראָלע אין דעם איבערברוך, אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די אידישע מאַסן בנוגע צו דער פֿראַגע פֿון קינדער־האָבן.

די צאָל געבורטן איז פֿאַר דער צײַט אױסגעװאַקסן כּמעט אָנדערהאַלבן מאָל; די צאָל געשטאָרבענע האָט זיך פֿאַרגרעסערט אַביסל מער װי אנדערהאַלבן מאָל — אין 1892־טן יאָר איז געװען אױף הונדערט געבױרענע 144,8 געשטאָרבענע, און אין 1904־טן — 139,7. דער חילוק איז ניט קײן גרױסער. אין 1905 אָבער איז שױן אױף הונדערט געשטאָרבענע געװען נאָר 100,6 געבױרענע. און פֿון דעם יאָר אָן האַלט די צאָל געבױרענע נאָר אין אײן פֿאַלן און דערגײט צו דער צײַט פֿון ערב דער מלחמה צו אַ נידריגערע צאָל, װי אין 1892־טן יאָר, הגם ערב דער װעלט־מלחמה האָט די אידישע באַפֿעלקערונג אין אָדעס אױסגעמאַכט ניט װײניגער װי אנדערהאַלבן מאָל מער, װי אין 1892־טן יאָר.

די דורכשניט צאָלן פֿון דער טאַבעלע II גאַראַנטירן מער די געװעצמעסיגקײט פֿון דעם אָנגעװיזענעם פּראָצעס. און אָט זײַנען די דאָזיגע בולטע און קלאָרע דורכשניט צאָלן:

| יאָרן | צאָל געבוירענע | צאָל געשטאָרבענע | צוּוואַקס | אויף 100 געשטאָרבענע קומט אויס געבוירענע |
|---|---|---|---|---|
| 1892 — 1897 | 3820 | 2697 | 1123 | 141,6 |
| 1897 — 1901 | 4750 | 3064 | 1686 | 155,0 |
| 1902 — 1904 | 5474 | 3559 | 1915 | 153,6 |
| 1905 — 1909 | 3846 | 3338 | 508 | 115,2 |
| 1910 — 1914 | 3291 | 2841 | 450 | 116,0 |

ביז 1905 האַלט די דורכשניט צאָל פֿון די געבױרענע אין װאַקסן, און פֿון 1905 אין פֿאַלן; אַזױ דאָס פֿאַלט די דורכשניט צאָל געבױרענע אין 14—1910 ביז אַ צאָל, װעלכע איז נידריגער פֿון דער דורכשניט צאָל אין די יאָרן 97—1892.

נעמען מיר אַן אַנדער באַװײַז — די צאָל געבורטן אױף אײן חתונה. אין די יאָרן 97—1892 איז געװען דורכשניטליך 3,7 אין 14—1910 נאָר 2,7.

מיר האָבן אױסגעמיטן ביז אַהער גערעדט נאָר װעגן די יאָרן פֿון פֿאַר דער װעלט־מלחמה, כּדי צו געפֿינען אין די נאָרמאַלע יאָרן די אַנטװיקלונגס־טענדענצן פֿון דער נאַטירליכער באַװעגונג בײַ דער אָדעסער אידישער באַפֿעלקערונג. אמת, אָדעסער אידישע קהלה איז ניט טיפּיש, װי מיר האָבן שױן אין אָנהײב באַמערקט — זי איז אָבער דײַער אינטערעסאַנט, װײַל זי איז סימפּטאָמאַטיש, װײַל זי װײַזט אונז אײַגענטליך דעם גורל פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג פֿון אַ סך אַנדערע גרױסע שטעט, הגם שפּעטער מיט אַ צענדליג אָדער צװײ צענדליג יאָרן.

לאָמיר איצט נאָך זעהן, װי האָט עס געהאַלטן מיט דעם נאַטירליכן װוּקס פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג אין די יאָרן פֿון מלחמה און בירגער־קריג.

פֿון טאַבעלע II זעהען מיר, אַז אױף הונדערט געשטאָרבענע זײַנען געװען דורכשניטליך געבױרענע:

| | | |
|---|---|---|
| 1910—14 | — | 116,0 |
| 1915—17 | — | 71,7 |
| 1918—19 | — | 53,9 |

אין די דרײַ יאָר פֿון דער מלחמה איז שױן געװען בײַ דער אידישער באַפֿעלקערונג אַ דעפֿיציט אױף מער פֿון אַ פֿערטל פֿון אַלע געשטאָרבענע; און אין די יאָרן פֿון בירגער־קריג און פּאָגראָמען איז שױן דער דעפֿיציט דערגאַנגען כּמעט ביז אַ העלפֿט — ביז 46,1.

אמת, צװישן די געשטאָרבענע אין אָדעס פֿאַר די יאָרן פֿון

מלחמה און בירגער-קריג זיינען געווים געווען ניט ווייניג פרעמדע עלעמענטן — סאָלדאַטן, געבראַכטע פון די פראָנטן, הייטלאָזע, פּאַנראַמירטע א. א. וו. ס׳איז אָבער נאָר קיין ספק ניט, אַז אויך די היימישע אידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אין די דאָזיגע בלוטיגע יאָרן ניט קיין קליינעם דעפיציט.

אינטערעסאַנט איז, וואָס די צאָל חתונות ווערט באַלד נאָך דער מלחמה — אין 1917-טן יאָר — מיט אַ מאָל פאַרגרעסערט אויף 2½ מאָל. אין 1916 איז געווען אין אדעס סך-הכל 759 חתונות און אין 1917 שוין 1809, אפילו אנדערהאַלבן מאָל מער, ווי אין די יאָרן פון פאַר דער וועלט-מלחמה.

דערמיט דערקלערט זיך די גרויסע צאָל געבורטן אין 1918; אין 1919 בלייבט נאָך אַלץ די צאָל געבורטן אויף אַ גאַנץ גרויסער הייך, דערגרייכנדיג אַקוראַט די דורכשניט צאָל פון די יאָרן פון ערב דער וועלט-מלחמה. די צאָל געשטאָרבענע איז אָבער אין 1919-טן, אינם יאָר פון די שרעקליכסטע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן געיאָגט קיין אדעס מאַסן הייטלאָזע, אַזוי גרויס, אַז אין רעזולטאַט באַקומט זיך אויף יעדע הונדערט געשטאָרבענע סך-הכל 41,5 געבוירענע אַ דעפיציט אויף 3/5.

פאַר אדעס זיינען אָבער נאָך אַט די יאָרן געווען בערך גליקליבע — די שפּעטערדיגע יאָרן פון פּאָגראָמען און בירגער-קריג און צום סוף דאָס הונגער-יאָר האָבן אויסגעגעסן נאָך אַ גרויסן טייל פון דער אידישער אדעסער באַפעלקערונג. ניט לאַנג זיינען אָפּגעדרוקט געווען ציפערן, וואָס באַווייזן, אַז פאַר די ערשטע פאַר חדשים פון יאָר 1922 זיינען געבוירן געוואָרן אין אדעס סך-הכל 634 נפשות און געשטאָרבן זיינען פאַר די זעלבע פיר חדשים 12,451, אָדער 20 מאָל אַזוי פיל. אַז די אידישע אדעסער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אויסגעמאַכט אין 1920-טן יאָר 44 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָט געווים אַ גאַנץ גרויסן חלק אין די דאָזיגע קרבנות פון הונגער און עפּידעמיעס, איז נאָר קיין ספק ניט.

—

(ציפערן גענומען: ביזן 17-טן יאָר פון די ביכער פון די אדעסער ראַבינערס; פאַר די יאָרן 1918 און 1919 פון אַרטיקל פון ב. רובשטיין אין „צוקונפט“, מערץ 1922: „די אויסשטאַרבונג פון די רוסישע אידן“. וועגן די געבוירענע אין 1922 פון קאָרעספּאָנדענץ פון ל. יאַכנאָווישש אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס“, 17-טן יאַנואַר, 1923 יאָר).

# די פאַרברעכערישקייט בײַ אידן אין דייטשלאַנד

## ד״ר יעקב סעגאַל

## Die Kriminalität der Juden in Deutschland

**von Dr. Jacob Segall**

אונזער איצטיגע אַרבעט האָט אַ טאָפּלטן צוועק. ערשטנס זאָל דאָ געגעבן ווערן אַן איבערבליק איבער דער פאַקטישער פאַרברעכערישקייט בײַ דייטשע אידן די לעצטע יאָרן, איבער דער אַנטוויקלונג, וואָס די פאַרברעכערישקייט האָט דורכגעמאַכט אַ געוויסע שטיק צייט. צווייטנס, זאָל דאָ געפּרובט ווערן פעסטצושטעלן די סבות, פאַרוואָס בײַ אידן און קריסטן איז די גרויס פון דער פאַרברעכערישקייט פאַרשידן בנוגע איינצעלנע פאַרברעכנס.

מ׳מוז דערבײַ אין זינען האָבן, אַז די לעצטע ידיעות וועגן דייטשער קרימינאַל-סטאַטיסטיק געהערן צו די קריגסיאָרן 1915, 1916. פון יענער צייט אָן זיינען קיין נייע ציפער ניט פאַרעפנטליכט. ס׳איז קלאָר, אַז די פאַרברעכערישקייט בײַ דער באַפעלקערונג קריגסצייט מוז אין אַ סך פּרטים אויסזעהן אַנדערש, אידער פרידנסצייטן, מוז אָפּווייכן פון דעם „נאָרמאַלן“ שטייגער, אויב ס׳לאָזט זיך אַזוי זאָגן. דעריבער ברייגגען מיר דאָ צום פאַרגלייך די סטאַטיסטיק פון די יאָרן 1909—1910 און 1899—1902, מיר זאָלן זעהן, צי זיינען דאָ פאָרגעקומען ענדערונגען משך די יאָרן, און וואָס זיינען זיי, די ענדערונגען.

מיר שטעלן איינס אַקעגן אַנדערן אידן און קריסטן און באַרעכענען די קרימינאַל-ציפער אויף יעדע 100 טויזנט אידן אָדער קריסטן, וואָס האָבן געוואוינט אין דייטשלאַנד צו דער צייט, ווען מ׳איז באַגאַנגען די געהעריגע פאַרברעכנס. צוערשט טיילן מיר איין די אַלע פאַרברעכנס אין 4 גרויסע הויפּטגרופּעס, אַזוי ווי די דייטשע אָפיציעלע סטאַטיסטיק טוט דאָס, און שטעלן זיי אויס קעגנאַנאַנדער:

| פאַרברעכנס און עולות | 1916 קריסטן | 1916 אידן | 1915 קריסטן | 1915 אידן | 1909/1910 קריסטן | 1909/1910 אידן | 1899/1902 קריסטן | 1899/1902 אידן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| I. פאַרברעכנס און עולות קעגן דער מלוכה, קעגן דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און קעגן רעליגיע . . . . | 76036 | 1777 | 168477 | 2362 | 90839 | 1802 | 76080 | 1301 |
| II. פאַרברעכנס און עולות קעגן דער פּערזאָן. . . . . . . . . . . . | 73537 | 601 | 85738 | 670 | 210635 | 1433 | 208075 | 1558 |
| III. פאַרברעכנס און עולות קעגן פאַרמעגן | 185605 | 1262 | 164817 | 1247 | 235240 | 2087 | 194087 | 1755 |
| IV. פאַרברעכנס און עולות אין אַמט . . | 1159 | 19 | 1133 | 9 | 1076 | 7 | 1310 | 14 |
| סך-הכל . | 336337 | 3659 | 420165 | 4288 | 537790 | 5329 | *479552 | 4628 |

# Verbrechen und Vergehen der Juden in Deutschland

| פאַרברעכנס און עולות | 1916 אבסאָלוטע צאָל | | 1916 אויף יעדע 100 000 | | 1915 אבסאָלוטע צאָל | | 1915 אויף יעדע 100 000 | | 1909/1910 אבסאָלוטע צאָל | | 1909/1910 אויף יעדע 100 000 | | 1899/1902 אויף יעדע 100 000 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן |
| 1. מלוכה־פאַרראַט, לאַנד־פאַרראַט, מאַיעסטעט־באַליידיגונג | 83 | 5 | 0,1 | 0,8 | 131 | 2 | 0,2 | 0,3 | 26 | – | 0,4 | – | 0,6 | 0,3 |
| 2. ווידערשטאַנד קעגן דער מלוכה־מאַכט און קעגן דער עפנטליכער אָרדנונג | | | | | | | | | | | | | | |
| א) דערווידערטען אקעגן געזעץ ווענן זונטאג־רו | 3 439 | 210 | 5,1 | 33,8 | 5 506 | 342 | 8,2 | 55 | 12 780 | 73 | 19,9 | 118 | 12,7 | 90,7 |
| ב) דערווידערטען קעגן דער געזעצלעכער אָרדנונג | 3 733 | 136 | 5,6 | 21,9 | 6 479 | 248 | 9,7 | 39,9 | 10 247 | 30 | 15,9 | 48,9 | 21,0 | 44,7 |
| ג) שטערן דעם הויזפרידן | 6 968 | 55 | 10,4 | 8,8 | 8 219 | 52 | 12,3 | 8,4 | 23 473 | 15 | 36,6 | 24,7 | 40,5 | 22,3 |
| ד) אַנטלויפן פון אַרעסט | 875 | 7 | 1,3 | 1,1 | 1 402 | 11 | 2,1 | 1,7 | 1 982 | 19 | 3,1 | 3,0 | 3,0 | 2,0 |
| ה) פאַרברעכנס און עולות קעגן קריגסבאַפעלן | 50 729 | 1 242 | 75,8 | 200 | 96 446 | 894 | 144 | 144 | – | – | – | – | – | – |
| ו) עובר זיין אויף מיליטער־פליכט | 1 259 | 28 | 1,9 | 4,5 | 1 354 | 26 | 2,0 | 4,2 | 6 374 | 116 | 9,9 | 25,3 | 17,1 | 38,4 |
| ז) אַנדערע פאַרברעכנס און עולות קעגן דער עפנטליכער אָרדנונג | 8 046 | 80 | 12,0 | 12,9 | 47 996 | 777 | 71,7 | 125 | 21 810 | 113 | 34,0 | 18,4 | 34,8 | 17,0 |
| 3. מינצפאַרברעכנס און מינצעולות | 100 | 4 | 0,2 | 0,6 | 132 | 1 | 0,2 | 0,1 | 243 | 1 | 0,4 | 0,1 | 0,3 | 0,3 |
| 4. פאַרברעכנס קעגן דער שבועה־פליכט | | | | | | | | | | | | | | |
| א) אַ פאַלשע שבועה | 196 | 2 | 0,3 | 0,3 | 186 | – | 0,3 | – | 483 | 3 | 0,7 | 0,5 | 1,2 | 1,5 |
| ב) אַנדערע עולות קעגן דער שבועה־פליכט | 240 | 4 | 0,4 | 0,6 | 262 | 1 | 0,4 | 0,1 | 516 | 11 | 0,8 | 1,8 | 1,1 | 1,5 |
| 5. פאַלש באַשולדיגן (מסר'ן) | 255 | 1 | 0,4 | 0,2 | 221 | 2 | 0,3 | 0,3 | 412 | 2 | 0,6 | 0,3 | 0,9 | 1,2 |
| 6. עולות קעגן רעליגיע | 123 | 8 | 0,2 | 0,5 | 138 | 6 | 0,2 | 0,9 | 196 | 3 | 0,3 | 0,4 | 0,6 | 1,2 |
| 7. פאַרברעכנס און עולות קעגן פערזאָנענשטאַנד | 61 | – | 0,1 | – | 48 | – | 0,07 | – | 75 | – | 0,1 | – | 0,2 | 0,2 |
| 8. פאַרברעכנס און עולות קעגן מאָראַל | | | | | | | | | | | | | | |
| א) פאַרגוואַלטיקן, טרייבן אומצוכט מיט קינדער | 2 410 | 18 | 3,6 | 2,9 | 3 139 | 23 | 4,7 | 3,7 | 5 246 | 27 | 8,2 | 4,4 | 8,7 | 6,3 |
| ב) דערווידערנאַטירליכע אומצוכט | 316 | 2 | 0,5 | 0,3 | 292 | 2 | 0,4 | 0,3 | 702 | 2 | 1,1 | 0,3 | 1,0 | 0,7 |
| ג) צוזאַמפירן, מיטהעלפן צו אומצוכט | 2 429 | 32 | 3,6 | 5,1 | 8 006 | 42 | 4,5 | 6,7 | 4 133 | 45 | 6,4 | 7,2 | 5,6 | 7,1 |
| ד) ערוה | 307 | 1 | 0,5 | 0,2 | 301 | 1 | 0,4 | 0,1 | 471 | – | 0,7 | – | 0,8 | 0,0 |
| ה) פאַרשפּרייטן אומזיכטיגע שריפטן | 761 | 7 | 1,1 | 1,1 | 1 185 | 16 | 1,8 | 2,6 | 2 562 | 42 | 4,0 | 6,7 | 4,5 | 11,7 |
| ו) אַנדערע פאַרברעכנס און עולות קעגן מאָראַל | 320 | 1 | 0,5 | 0.2 | 308 | 8 | 0,4 | 1,8 | 568 | 6 | 0,9 | 0,9 | 0,8 | 0,9 |
| 9. באַליידיגונג | 23 757 | 321 | 35,5 | 51,7 | 26 451 | 334 | 39,5 | 53,8 | 59 085 | 801 | 92,2 | 130,2 | 97,8 | 132,4 |
| 10. דועל | – | – | – | – | 8 | – | 0,01 | – | 104 | 6 | 0,2 | 0,9 | 0,2 | 0,5 |
| 11. פאַרברעכנס און עולות קעגן לעבן | | | | | | | | | | | | | | |
| א) טויטן, טויט־קלאַפּ, קינד־טויטן, ברענגען צו טויט, טויטן עמיצן אויף יענעמס פאַרלאַנג | 345 | – | 0,5 | – | 344 | 1 | 0,5 | 0,2 | 467 | 2 | 0,7 | 0,2 | 0,8 | 0,2 |
| ב) אָפּטרייבן | 1 204 | 6 | 1,8 | 0,9 | 934 | 2 | 1,4 | 0,3 | 999 | 4 | 1,5 | 0,6 | 0,8 | 0,9 |
| ג) אומפאָרזיכטיג טויטן (בשוגג) | 614 | – | 0,9 | – | 546 | 1 | 0,8 | 0,2 | 639 | 3 | 0,9 | 0,5 | 1,2 | 0,5 |

(המשך)

| פאַרברעכנס און עולות | 1916 אַבסאָלוטע צאָל קריסטן | 1916 אַבסאָלוטע צאָל אידן | 1916 אויף יעדע 100 000 קריסטן | 1916 אויף יעדע 100 000 אידן | 1915 אַבסאָלוטע צאָל קריסטן | 1915 אַבסאָלוטע צאָל אידן | 1915 אויף יעדע 100 000 קריסטן | 1915 אויף יעדע 100 000 אידן | 1909/1910 אַבסאָלוטע צאָל קריסטן | 1909/1910 אַבסאָלוטע צאָל אידן | 1909/1910 אויף יעדע 100 000 קריסטן | 1909/1910 אויף יעדע 100 000 אידן | 1899/1902 אויף יעדע 100 000 קריסטן | 1899/1902 אויף יעדע 100 000 אידן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 12. מזיקן דעם קערפּער. | | | | | | | | | | | | | | |
| א) לייכט מזיקן . . . . . . . . . . . . | 7 192 | 51 | 10,7 | 8,2 | 8 689 | 77 | 12,9 | 12,4 | | | | | | |
| ב) געפערליך מזיקן . . . . . . . . . . | 27 822 | 123 | 41,6 | 19,8 | 32 920 | 116 | 49,2 | 18,7 | 123 024 | 444 | 191,9 | 72,8 | 228,3 | 94,6 |
| ג) אומפאָרזיכטיג מזיקן (בשוגג) . . . . . | 2 036 | 18 | 3,0 | 2,9 | 2 519 | 22 | 3,7 | 3,5 | | | | | | |
| ד) פאַרגיפטן . . . . . . . . . . . | 8 | — | 0,01 | — | 5 | — | 0,01 | — | 8 | — | 0,01 | — | 0 | 0,0 |
| ה) אנדערע מינים מזיקן . . . . . . . . | 160 | — | 0,3 | — | 260 | 1 | 0,4 | 0,2 | — | — | — | — | — | — |
| 13. פאַרברעכנס און עולות קעגן דער פּערזענליכער פרייהייט (נויטן, פאַרשרעקן, בארויבן די פרייהייט) . . . . . . . . . . . . . | 3 795 | 21 | 5,6 | 3,3 | 4 843 | 24 | 7,2 | 3,8 | 12 554 | 62 | 19,5 | 8,4 | 22,4 | 9,5 |
| 14. גנבה און צונעמען אַנפאַרטרויטס. | | | | | | | | | | | | | | |
| א) גנבה . . . . . . . . . . . . . | 108 950 | 305 | 163 | 49 | 81 620 | 252 | 122 | 40,6 | 114 298 | 438 | 178,3 | 71,1 | 175,4 | 64,9 |
| ב) צונעמען אַנפאַרטרויטס . . . . . . . | 16 107 | 117 | 24 | 19 | 17 023 | 146 | 25,4 | 23,5 | 29 049 | 295 | 45,3 | 47,8 | 36,9 | 36,5 |
| 15. רויב און אויספּרעסן. | | | | | | | | | | | | | | |
| א) רויב . . . . . . . . . . . . . | 614 | — | 0,9 | — | 510 | 1 | 0,8 | 0,2 | 683 | 2 | 1,1 | 0,3 | 0,9 | 0,2 |
| ב) אויספּרעסן . . . . . . . . . . . | 419 | 7 | 0,6 | 1,1 | 327 | 6 | 0,5 | 0,9 | 710 | 14 | 1,1 | 2,2 | 1,1 | 2,0 |
| 16. מיטהעלפן און אויסבאַהאַלטן. | | | | | | | | | | | | | | |
| א) מיטהעלפן . . . . . . . . . . . | 757 | 3 | 1,1 | 0,5 | 556 | 3 | 0,8 | 0,5 | 910 | 5 | 1,4 | 0,7 | 1,4 | 1,0 |
| ב) אויסבאַהאַלטן . . . . . . . . . . | 12 157 | 97 | 18 | 15,6 | 8 660 | 59 | 13,0 | 9,5 | 9 030 | 90 | 14,0 | 14,5 | 13,6 | 12,8 |
| 17. שווינדל און אומגעטריי. | | | | | | | | | | | | | | |
| א) שווינדל . . . . . . . . . . . . | 13 936 | 247 | 20,8 | 39,8 | 14 108 | 279 | 21,1 | 44,9 | 27 581 | 575 | 43,0 | 93,4 | 43,6 | 82,0 |
| ב) אומגעטריי און פליכטנידעריגקייט בײַ אַ פאַרוואַלטונג פון אַן אַקציענגעזעלשאַפט א.אז.וו. | 472 | 11 | 0,7 | 1,8 | 569 | 15 | 0,8 | 2,4 | 1 618 | 42 | 2,5 | 6,7 | 1,7 | 4,1 |
| ג) פעלשן שפּייז־ און געניס־אַרטיקלען . . . | 5 299 | 87 | 7,9 | 14,0 | 4 213 | 81 | 6,8 | 13,0 | 4 563 | 66 | 7,1 | 10,6 | 3,8 | 6,8 |
| 18. פעלשן דאָקומענטן . . . . . . . . . | 5 664 | 64 | 8,4 | 10,3 | 4 456 | 64 | 6,6 | 10,3 | 7 145 | 169 | 11,1 | 27,4 | 9,9 | 21,1 |
| 19. באַנקראָט. | | | | | | | | | | | | | | |
| א) שווינדל־באַנקראָט . . . . . . . . | 14 | 3 | 0,02 | 0,5 | 24 | 2 | 0,04 | 0,3 | 60 | 3 | 0,1 | 0,6 | 0,2 | 1,4 |
| ב) געווייטליכער באַנקראָט . . . . . . | 88 | 18 | 0,1 | 2,9 | 219 | 48 | 0,3 | 7,7 | 590 | 83 | 0,9 | 13,4 | 1,1 | 18,9 |
| ג) אַנדערע פאַרברעכנס און עולות קעגן דער קאָנקורס־אָרדנונג . . . . . . . | 15 | 2 | 0,02 | 0,8 | 40 | 3 | 0,06 | 0,5 | 63 | 3 | 0,1 | 0,4 | 0,2 | 1,2 |

(המשך)

| פאַרברעכנס און עולות | 1916 אבסאָלוטע צאָל קריסטן | 1916 אבסאָלוטע צאָל אידן | 1916 אויף יעדע 100 000 קריסטן | 1916 אויף יעדע 100 000 אידן | 1915 אבסאָלוטע צאָל קריסטן | 1915 אבסאָלוטע צאָל אידן | 1915 אויף יעדע 100 000 קריסטן | 1915 אויף יעדע 100 000 אידן | 1909/1910 אבסאָלוטע צאָל קריסטן | 1909/1910 אבסאָלוטע צאָל אידן | 1909/1910 אויף יעדע 100 000 קריסטן | 1909/1910 אויף יעדע 100 000 אידן | 1899/1902 אויף יעדע 100 000 קריסטן | 1899/1902 אויף יעדע 100 000 אידן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 20. באַשטראָפליכער אייגננוץ: | | | | | | | | | | | | | | |
| א) וואָכער | 13 | 1 | 0,02 | 0,2 | 14 | 7 | 0,02 | 1,1 | 21 | 2 | 0,03 | 0,3 | 0,04 | 0,5 |
| ב) עולות מיט גליקשפילן | 600 | 18 | 0,9 | 2,9 | 785 | 31 | 1,2 | 5,0 | 4 462 | 109 | 6,9 | 17,6 | 2,6 | 9,4 |
| ג) עולות קעגן גייסטיג פאַרמעגן | 43 | 2 | 0,06 | 0,3 | 81 | 4 | 0,1 | 0,6 | 293 | 20 | 0,4 | 3,0 | 0,3 | 3,2 |
| ד) אנדערע פאַלן פון באַשטראָפליכן אייגננוץ | 5 318 | 23 | 7,9 | 3,7 | 5 915 | 60 | 8,8 | 9,7 | 8 241 | 83 | 12,8 | 13,5 | 11,9 | 8,2 |
| 21. שעדיגן זאַכן | 9 337 | 13 | 13,9 | 2,1 | 9 764 | 19 | 14,6 | 3,0 | 19 478 | 35 | 30,4 | 5,6 | 33,9 | 7,3 |
| 22. פאַרברעכן און עולות קעגן אַלגעמיינער זי־כערקייט: | | | | | | | | | | | | | | |
| א) אונטערצינדן | 696 | 2 | 1,0 | 0,3 | 1 067 | 5 | 1,6 | 0,8 | – | – | – | – | — | – |
| ב) מאַכן און פאַרלייגן שפּייז־אַרטיקלען שעד־ליכע פאַר דעם געזונט | 381 | 14 | 0,6 | 2,2 | 402 | 13 | 0,6 | 2,1 | 1 305 | 32 | 2,0 | 5,1 | 0,6 | 2,6 |
| ג) עובר זיין אויף באַפעלן קעגן דער געפאַר פאַר אַ מגפה | 2 190 | 218 | 3,3 | 35,1 | 2 237 | 142 | 3,3 | 22,9 | 877 | 14 | 1,3 | 2,2 | 2,3 | 12,3 |
| ד) אנדערע פאַרברעכנס | 2 535 | 10 | 3,9 | 1,6 | 2 597 | 14 | 3,9 | 2,2 | 4 264 {א/ד | 16 | 6,6 | 2,5 | 5,8 | 2,0 |
| 23. פאַרברעכנס און עולות אין אַמט | 1 559 | 19 | 2,3 | 3,5 | 1 213 | 9 | 1,8 | 1,4 | 1 076 | 7 | 1,6 | 1,1 | 2,4 | 2,4 |
| סך הכל | 336 337 | 3 659 | 503 | 589 | 420 165 | 4 288 | 628 | 691 | 537 791 | 5 329 | 839,0 | 865,6 | 860,0 | 788,7 |
| I. פאַרברעכנס און עולות קעגן דער מלוכה, קעגן דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און קעגן רעליגיע | 76 036 | 1 777 | 114 | 286 | 168 477 | 2 362 | 254 | 380 | 90 839 | 1 802 | 141,7 | 292,9 | 136,4 | 221,7 |
| II. פאַרברעכנס און עולות קעגן דער פּערזאָן | 73 537, | 601 | 109 | 97 | 85 738 | 670 | 128 | 108 | 210 635 | 1 433 | 328,6 | 232,9 | 373,1 | 265,5 |
| III. פאַרברעכנס און עולות קעגן פאַרמעגן | 185 605 | 1 262 | 277 | 203 | 164 817 | 1 247 | 216 | 201 | 235 240 | 2 087 | 367,0 | 339,4 | 348,1 | 299,1 |
| IV. פאַרברעכנס און עולות אין אַמט | 1 159 | 19 | 1,7 | 3,0 | 1 133 | 9 | 1,8 | 1,5 | 1 076 | 7 | 1,6 | 1,1 | 2,4 | 2,4 |
| אינגאַנצן | 336 337 | 3 659 | 503 | 589 | 420 165 | 4 288 | 628 | 691 | 537 791 | 5 329 | 839 | 865,6 | 860,0 | 788,7 |

די ראָזינע טאַבעלע ווייזט אונז אויפֿן ערשטן קוק צוויי גאַנץ פֿאַרשידענע בילדער. ערשטנס, די פֿאַרברעכערישקייט בײַ דײַטשע אידן זינט 1909 ווערט אַלץ קלענער, איידער בײַ קריסטן. די יאָרן 1899/1902 איז די ציפֿער פֿון אידישער פֿאַרברעכערישקייט קלענער, איידער בײַ קריסטן: בײַ אידן באַטרעפֿט זי 789 אויף יעדע הונדערט טויזנט נפֿשות, בײַ קריסטן — 860. אין צען יאָר אַרום — 1909/1910 טרעפֿן מיר שוין בײַ אידן אויף יעדע הונדערט טויזנט נפֿשות — 866 באַשטראָפֿטע פֿערזאָנען, בײַ קריסטן אָבער — 839. די סטאַטיסטיק פֿון בײדע קרינגען ווײַזט אונז דאָסזעלבע בילד: בײַ אידן זײַנען געווען דאָס יאָר 1915 אויף יעדע הונדערט טויזנט נפֿשות 691 באַשטראָפֿטע, בײַ קריסטן 628, דאָס יאָר 1916 איז בײַ אידן 589, בײַ קריסטן 503 באַשטראָפֿטע אויף יעדע הונדערט טויזנט נפֿשות.

צווייטנס, די פֿאַרברעכערישקייט אַנטוויקלט זיך בײַ אידן אַ סך ענגער איידער בײַ קריסטן. בעת בײַ אידן ווײַנען די קרימינאַל־ציפֿער פֿון 1899/1902 ביז 1909/1910 אויסגעוואַקסן אויף 9,76%, זײַנען זיי בײַ קריסטן געפֿאַלן אויף 2,44%. פֿון 1909/1910 ביז 1915 זײַנען די קרימינאַל־ציפֿער געפֿאַלן בײַ אידן אויף 20,21%, אַקעגן בײַ קריסטן — אויף 25,15%. פֿון 1915 ביז 1916 איז די פֿאַרברעכערישקייט בײַ קריסטן געפֿאַלן אויף 19,96%, בײַ אידן אָבער סך־הכּל אויף 14,76%.

מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער אומקערן צו די סבות, פֿון וואַנען דאָס נעמט זיך. דערווײַל שטעלן מיר פֿעסט די פֿאַקטן.

| פֿאַרברעכנס און עולות | 1916 קריסטן | 1916 אידן | 1915 קריסטן | 1915 אידן | 1909/1910 קריסטן | 1909/1910 אידן | 1899/1902 קריסטן | 1899/1902 אידן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אויף יעדע הונדערט טויזנט | | | | | | | |
| I. פֿאַרברעכנס און עולות קעגן דער מלוכה, קעגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג און קעגן רעליגיע . . . . | 114 | 286 | 254 | 380 | 142 | 293 | 136 | 222 |
| II. פֿאַרברעכנס און עולות קעגן דער פּערזאָן . . . . . . . . . . . . | 109 | 97 | 128 | 108 | 329 | 233 | 373 | 266 |
| III. פֿאַרברעכנס און עולות קעגן פֿאַרמעגן | 277 | 203 | 246 | 201 | 367 | 339 | 348 | 299 |
| IV. פֿאַרברעכנס און עולות אין אַמט . . | 1,7 | 3,0 | 1,8 | 1,5 | 1,6 | 1,1 | 2,4 | 2,4 |
| סך־הכּל . | 503 | 589 | 628 | 691 | 839 | 866 | 860 | 789 |

באַטראַכטן מיר די פּרטים אין דער טאַבעלע, אַזוי זעהען מיר, אַז די פֿאַרברעכערישקייט אין דער ערשטער גרופּע (פֿאַרברעכנס און עולות קעגן דער מלוכה, קעגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג און קעגן רעליגיע) איז בײַ אידן אַלע יאָרן געווען העכער, איידער בײַ קריסטן. אַקעגן זעהן מיר, אַז אין דער גרופּע II (פֿאַרברעכנס און עולות קעגן דער פּערזאָן) און III (פֿאַרברעכנס און עולות קעגן פֿאַרמעגן) איז די פֿאַרברעכערישקייט שטאַרקער בײַ קריסטן. אין דער לעצטער גרופּע IV (פֿאַרברעכן און עולות אין אַמט) שטײַגט איבער די אידישע פֿאַרברעכערישקייט ערשט דאָס יאָר 1916. אָבער די בערך־שטאַרקסטע פֿאַרברעכערישקייט פֿאַלט אויס אויף דער ערשטער גרופּע.

דער אונטערשיד צווישן קריסטלעכער און אידישער פֿאַרברעכערישקייט האָט זיך מיט די יאָרן היפּש געענדערט. בעת די יאָרן 1899/1902 איז די פֿאַרברעכערישקייט (אין דער ערשטער גרופּע) געווען בײַ אידן שטאַרקער, איידער בײַ קריסטן, אויף 63%, איז שוין דאָס יאָר 1916 דער אונטערשיד אויסגעוואַקסן אויף 151%. אין דער צווייטער גרופּע זעהען מיר פּונקט פֿאַרקערט: די יאָרן 1899/1902 איז די פֿאַרברעכערישקייט בײַ אידן געווען שוואַכער איידער בײַ קריסטן אויף 40%, דאָס יאָר 1916 — נישט מער ווי אויף 12%. אַקעגן, אין דער דריטער גרופּע, ווערט דער אונטערשיד צווישן פֿאַרברעכערישקייט בײַ קריסטן און אידן וואָס אַמאָל גרעסער: די יאָרן 1899/1902 האָט ער באַטראָפֿן 16%, דאָס יאָר 1915 — שוין 22%, דאָס יאָר 1916 — גאַנצע 36%.

לאָמיר זיך ווענדן צו אײַנצעלנע פֿאַרברעכנס און עולות באַזונדער אין יעדער גרויסער גרופּע און לאָמיר קודם כּל באַטראַכטן יענע, וואָס ווײַזן אַ שטאַרקערע פֿאַרברעכערישקייט בײַ אידן, איידער בײַ קריסטן. אַלס יסוד נעמען מיר דאָס יאָר 1916 און ברענגען צום פֿאַרגלײַך די אַנדערע יאָרן. (זעה טאַבעלע זײַט 79).

מ׳זעהט דאָ גלײַך אויפֿן ערשטן קוק, אַז יענע פֿאַרברעכנס אין דער ראָזינער גרופּע, וואָס ווײַזן שטאַרקע קרימינאַל־ציפֿער בײַ אידן, זײַנען אײַנגע פֿאַרבונדן מיט דעם ווירטשאַפֿטלעבן, אַ שטייגער דאָס ניט היטן די זונטאַגרו, די „עולות קעגן דער געווערבע־אָרדנונג“; אַפֿילו די „פֿאַרברעכנס און עולות קעגן קרינגס־באַפֿעלן“, וואָס אידן האָבן דאָ דאָס יאָר 1916 שטאַרק צו שטעקן, אַ סך שטאַרקער פֿאַר קריסטן, אַפֿילו אַזוינע פֿאַרברעכנס זײַנען אויך פֿאַרבונדן מיט אַ געוויסער פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעט, וואָס איז נאָנט דערהויפּט אידן. בײַ דעם „דערווידערטן קעגן זונטאַגרו“ איז די קענגווײַטיגע פֿאַרהעלטניש אין דער פֿאַרברעכערישקייט בײַ קריסטן און אידן געבליבן כּמעט דיזעלבע די יאָרן 1909/1910, 1915 און 1916, — די ראָזינע יאָרן איז די אידישע פֿאַרברעכערישקייט געווען זעקס מאָל אַזוי שטאַרק ווי די קריסטלעכע. אַקעגן זעהען מיר, אַז בײַ דעם „דערווידערטן קעגן געווערבע־אָרדנונג“ האָט זיך דער אונטערשיד מיט דער צײַט געענדערט ענגער פֿאַר אידן. די יאָרן 1899—1902 איז דער ראָזינער מין פֿאַרברעכערישקייט געווען בײַ אידן טאָפּלט אַזוי גרויס ווי בײַ קריסטן, דאָס יאָר 1916 — כּמעט 4 מאָל אַזוי די גרויס.

בנוגע די „אַנדערע פֿאַרברעכנס און עולות קעגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג“ איז דערהויפּט אינטערעסאַנט דאָס יאָר 1915. די אויסערגעוויינלעך הויכע קרימינאַל־ציפֿער בײַ קריסטן און בײַ אידן נעמען זיך דאָ דערפֿון, וואָס דאָס יאָר האָט מען צו דער ראָזינער גרופּע פֿאַררעכנט דאָס עובר זײַן אויף דעם דעמאָלטיגן געזעץ וועגן באַלאַגערונגס צושטאַנד.

| פאַרברעכנס און עולות | 1916 קריסטן | 1916 אידן | 1915 קריסטן | 1915 אידן | 1909/1910 קריסטן | 1909/1910 אידן | 1899/1902 קריסטן | 1899/1902 אידן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אויף יעדע הונדערט טויזנט | | | | | | | |
| 1. מלוכה־פאַרראַט, לאַנד־פאַרראַט, מאַיעסטעט־באַליידיגונג . . . . . . . | 0,1 | 0,8 | 0,2 | 0,3 | 0,4 | — | 0,6 | 0,3 |
| 2. דערווידערשטאַנד אַקעגן געזעץ וועגן וונטאַגרז . . . . . . . . . . . . . . | 5,1 | 33,8 | 8,2 | 55 | 19,9 | 118 | 12,7 | 90,7 |
| 3. דערווידערשטאַנד קעגן געזעץ־אָרדענונג | 5,6 | 21,9 | 9,7 | 39,9 | 15,9 | 48,9 | 21,0 | 44,7 |
| 4. פאַרברעכנס און עולות קעגן קריגס באַפעלן . . . . . . . . . . . . | 758 | 200 | 144 | 144 | — | — | — | — |
| 5. עובר זײַן אויף מיליטער פליכט . . | 1,9 | 4,5 | 2,0 | 4,2 | 9,9 | 25,3 | 17,1 | 38,4 |
| 6. אַנדערע פאַרברעכנס און עולות קעגן דער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג . . | 12,0 | 12,9 | 71,7 | 125 | 34,0 | 18,4 | 34,8 | 17,0 |
| 7. מינצפאַרברעכנס און עולות . . . . | 0,2 | 0,6 | 0,2 | 0,1 | 0,4 | 0,1 | 0,3 | 0,3 |
| 8. אַנדערע עולות קעגן שבועה־פליכט . | 0,4 | 0,6 | 0,4 | 0,1 | 0,8 | 1,8 | 1,1 | 1,5 |
| 9. עולות קעגן רעליגיע . . . . . . . . | 0,2 | 0,5 | 0,2 | 0,9 | 0,3 | 0,4 | 0,6 | 1,2 |

ווען די איבעריגע פאַרברעכנס לאָזט זיך קיין סך ניט זאָגן, וואָרום די ציפער זײַנען דאָ זייער קלײַן. אינטערעסאַנט איז בלויז די גרופּע „עובר זײַן אויף מיליטער פליכט". פאַר דעם קריג זײַנען דאָ די נעהעריגע ציפער געווען ניט קלײַן, סײַ בײַ קריסטן, סײַ בײַ אידן. קרינעצײַט זעהען מיר פאַרקערט: די ציפער זײַנען דאָ געפאַלען — דאָס נעמט זיך פון די שטרענגע שטראָפן און פון דעם שטאַרקן אחריות־געפיל. אין דער קעגנזײַטיגער פאַרהעלטניש צווישן אידן און קריסטן זעהן מיר דאָ ניט קיין וויכטיגע ענדערונג.

קלענער איז די צאָל פאַרברעכנס און עולות אין דער גרופּע I, בײַ וועלכע די קרימינאַל־ציפער איז גרעסער בײַ קריסטן איידער בײַ אידן.

| פאַרברעכנס און עולות | 1916 קריסטן | 1916 אידן | 1915 קריסטן | 1915 אידן | 1909/1910 קריסטן | 1909/1910 אידן | 1899/1902 קריסטן | 1899/1902 אידן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אויף יעדע הונדערט טויזנט | | | | | | | |
| 1. שטערן דעם הויז פרידן . . . . . . . | 10,4 | 8,8 | 12,3 | 8,4 | 36,6 | 24,7 | 40,5 | 22,3 |
| 2. אַנטלויפן פון אַרעסט . . . . . . . . | 1,3 | 1,1 | 2,1 | 1,7 | 3,1 | 3,0 | 3,0 | 2,0 |
| 3. פאַלש באַשולדיגן (מסר'ן) . . . . . . | 0,4 | 0,2 | 0,3 | 0,3 | 0,6 | 0,3 | 0,9 | 1,2 |

פון דאַגען איז צו זעהן, אַז בײַ „שטערן דעם הויז־פרידן" איז די פאַרברעכערישקייט בײַ קריסטן פריהער געווען אַ סך שטאַרקער, איידער בײַ אידן, בעת דעם קריג האָט זיך דאָס כמעט אויסגעגלײַכט. אפשר נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס אַ גרויסער טייל פון יענע עלעמענטן, וואָס זײַנען געווײנטלאַך עלול אויף דעם מין פאַרברעך, זײַנען בײַ קריסטן געווען מאָבילירט.

לאָמיר זיך ווענדן צו דער גרופּע II (פאַרברעכן און עולות קעגן דער פערזאָן) און באַטראַכטן פריהער יענע פאַרברעכנס, וואָס זײַנען בײַ אידן אַ סך שטאַרקער איידער בײַ קריסטן.

| פאַרברעכנס און עולות | 1916 קריסטן | 1916 אידן | 1915 קריסטן | 1915 אידן | 1909/1910 קריסטן | 1909/1910 אידן | 1899/1902 קריסטן | 1899/1902 אידן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אויף יעדע הונדערט טויזנט | | | | | | | |
| 1. צונויפפירן, מיטהעלפן צו אומצוכט . | 3 6 | 5,1 | 4,5 | 6,7 | 6,4 | 7,2 | 5,6 | 7,1 |
| 2. באַליידיגונג . . . . . . . . . . . . | 35,5 | 51,7 | 39,5 | 53,8 | 92,2 | 130,2 | 97,8 | 132,4 |

אין דער צווייטער גרופּע זעהען מיר צוויי מינים פאַרברעכנס, וואָס זײַנען בײַ אידן שטאַרקער, איידער בײַ קריסטן: צונויפפירן, מיטהעלפן צו אומצוכט און באַליידיגונג. ספּעציעל ווענן באַליידיגונג זעהען מיר, אַז בעת דעם קריג איז דער מין פאַרברעך בײַ אידן היפּש גרעסער געוואָרן פאַרהעלטניסמעסיג אַקעגן קריסטן; די סבות זײַנען דאָ אויך קלאָר. דער אונטערשיד אין דעם פּרט צווישן אידן און קריסטן האָט די יאָרן 1899/1902 אויסגעמאַכט 35%, דאָס יאָר 1916 — שוין 46%. בעתן קריג פלעגט זיכער אָפטמאָל טרעפן, אַז קריסטן האָבן אויסגעוואָרפן אידן: ספּעקולאַציע, אַנטלויפן פון מיליטער־פליכט וכדומה, ס'פלעגט קומען צו באַליידיגונגען און צו פּראָצעסן.

אַ סך גרעסער איז נאַטירליך די צאָל פאַרברעכנס, ווען בײַ קריסטן איז די פאַרברעכערישקייט שטאַרקער, איידער בײַ אידן.

| פאַרברעכנס און עולות | אויף יעדע הונדערט טויזנט | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1916 | | 1915 | | 1909/1910 | | 1899/1902 | |
| | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן |
| 1 פאַרגוואַלטיגן, טרייבן אומצוכט מיט קינדער, א. א. וו. . . . . . . . . . | 3,6 | 2,9 | 4,7 | 3,7 | 8,2 | 4,4 | 8,7 | 6,3 |
| 2. דערווידערנאַטירליכע אומצוכט . . . | 0,5 | 0,3 | 0,4 | 0,3 | 1,1 | 0,3 | 1,0 | 0,7 |
| 3. ערוה . . . . . . . . . . . . | 0,5 | 0,2 | 0,4 | 0,1 | 0,7 | — | 0,8 | — |
| 4. אַנדערע פאַרברעכנס און עולות קעגן מאָראַל . . . . . . . . . . . . | 0,5 | 0,2 | 0,4 | 1,8 | 0,9 | 0,9 | 0,8 | 0,9 |
| 5. טויטן, טויטקלאַפּ, קינדטויטן, ברענגען צו טויט, טויטן עמיצן אויף יענעמס פאַרלאַנג . . . . . . . . . . . . | 0,5 | — | 0,5 | 0,2 | 0,7 | 0,2 | 0,8 | 0,2 |
| 6. אָפּטרייבן . . . . . . . . . . . . | 1,8 | 0,9 | 1,4 | 0,3 | 1,5 | 0,6 | 0,8 | 0,9 |
| 7. אומפאָרזיכטיג טויטן (בשוגג). . . . . | 0,9 | — | 0,8 | 0,2 | 0,9 | 0,5 | 1,2 | 0,5 |
| 8. לייכט מזיק׳ן . . . . . . . . . . | 10,7 | 8,2 | 12,9 | 12,4 | | | | |
| 9. געפערליך מזיק׳ן . . . . . . . . . | 41,6 | 19,8 | 49,2 | 18,7 | 191,9 | 72,3 | 228,3 | 94,6 |
| 10. אומפאָרזיכטיג מזיק׳ן (בשוגג) . . . | 3,0 | 2,9 | 3,7 | 3,5 | | | | |
| 11. פאַרגיפטן . . . . . . . . . . . | 0,01 | — | 0,01 | — | 0,01 | — | — | — |
| 12. פאַרברעכנס און עולות קעגן פערזענליכער פרייהייט (נויטן, פאַרשרעקן, באַרויבן די פרייהייט) . . . . . . . . | 5,6 | 3,3 | 7,2 | 3,8 | 19,5 | 8,4 | 22,4 | 9,5 |

באַ איינע פון די פאַרברעכנס, וואָס זיינען דאָ אויסגערעכנט אין דער דאָזיגער טאַבעלע, זיינען די אַבסאָלוטע ציפער, ממילא אויך די ציפער אויף יעדע 100.000 מענשן ,זעהר קליין. מיר ברייננען זיי דאָ בלויז כדי צו ווייזן, אַז ס׳פאַראַן געוויסע שווערע פאַרברעכנס, ווי אַ שטיינער: פאַרגוואַלטיגן, אומצוכט טרייבן, דערווידערנאַטירליכע אומצוכט, ערוה, טויטן, טויטקלאַפּ א. אַז. וו., וואָס, אמת, באַ קריסטן טרעפן זיי זיך אויך זעלטן, אָבער באַ אידן טרעפט מען זיי נאָך זעלטענער. די פאַרברעכנס פון מזיק׳ן דעם קערפּער זיינען שטאַרק געמינדערט געוואָרן בעתן קריג. ס׳איז אויך קלאָר, פאַרוואָס: די צאָל מענליכע „מזיקים" קריג. ס׳איז אויך קלאָר, פאַרוואָס: די צאָל מענלאַכע „מזיקים" רעסאַגט, אַז בנוגע לייכטע קערפּערשעדיגונגען איז די צאָל באַ-שטראָפטע באַ אידן די יאָרן 1915 און 1916 כמעט אַזוי גרויס ווי באַ קריסטן. איין מין פאַרברעכן, וואָס געהערט צו דער דאָזיגער גרופּע, האָבן מיר דאָ ניט דערמאָנט, נעמליך: פאַרשפּרייטן אומציכטיגע שריפטן. מיר וועלן נאָך דערצו צוריקקומען. דער-ווייל איז גענוג צו זאָגן, אַז דער מין פאַרברעכערישקייט איז אַלע מאָל געווען באַ אידן ערגער, איידער באַ קריסטן, חוץ דאָס יאָר 1916: דעמאָלט האָט מען זיך אויסגעגלייכט.

לאָמיר זיך ווענדן צו דער דריטער הויפּטגרופּע (פאַרברעכנס און עולות קעגן פאַרמעגן). די דאָזיגע גרופּע וועלן מיר אויך צעטיילן אויף צוויי טייל, אַזוי ווי פריהערדיגע גרופּעס: 1) פאַר-ברעכנס, וואָס זיינען שטאַרקער באַ אידן, 2) פאַרברעכנס, וואָס זיינען מער באַ קריסטן:

| פאַרברעכנס און עולות | אויף יעדע הונדערט טויזנט | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1916 | | 1915 | | 1909/1910 | | 1899/1902 | |
| | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן | קריסטן | אידן |
| 1. אויספּרעסן . . . . . . . . . . . . | 0,6 | 1,1 | 0,5 | 0,9 | 1,1 | 2,2 | 1,1 | 2,0 |
| 2. שווינדל . . . . . . . . . . . . | 20,8 | 39,8 | 21,1 | 44,9 | 43,0 | 93,4 | 43,6 | 82,0 |
| 3. אומגעטריי און פליכט נידריגקייט באַ אַ פאַרוואַלטונג פון אַן אַקציענגעזעל-שאַפט א. א. וו. . . . . . . . . . . . | 0,7 | 1,8 | 0,8 | 2,4 | 2,5 | 6,7 | 1,7 | 4,1 |
| 4. פעלשן שפּייז אַרטיקלען . . . . . . . | 7,9 | 14,0 | 6,3 | 13,0 | 7,1 | 10,6 | 3,8 | 6,8 |
| 5. פעלשן דאָקומענטן . . . . . . . . . | 8,4 | 10,3 | 6,6 | 10,3 | 11,1 | 27,4 | 9,9 | 21,1 |
| 6. שווינדל-באַנקראָט . . . . . . . . . | 0,02 | 0,5 | 0,04 | 0,3 | 0,1 | 0,5 | 0,2 | 1,4 |
| 7. בעוויינטליכער באַנקראָט . . . . . . | 0,1 | 2,9 | 0,3 | 7,7 | 0,9 | 13,4 | 1,1 | 18,9 |
| 8. אַנדערע פאַרברעכנס און עולות קעגן דער קאָנקורס-אָרדנונג . . . . . . . | 0,02 | 0,3 | 0,06 | 0,5 | 0,1 | 0,4 | 0,2 | 1,2 |
| 9. וואָכער . . . . . . . . . . . . | 0,02 | 0,2 | 0,02 | 1,1 | 0,03 | 0,3 | 0,04 | 0,5 |
| 10. עולות מיט גליקשפּילן (לאָטערייעס). | 0,9 | 2,9 | 1,2 | 5,0 | 6,9 | 17,6 | 2,6 | 9,4 |
| 11. עולות קעגן גייסטיג פאַרמעגן . . . | 0,06 | 0,3 | 0,1 | 0,6 | 0,4 | 3,0 | 0,3 | 3,2 |
| 12. מאַכן און פאָרלייגן שפּייזאַרטיקלען, שעדליכע פאַר דעם געזונט . . . . | 0,6 | 2,2 | 0,6 | 2,1 | 2,0 | 5,1 | 0,6 | 2,6 |
| 13. עובר זיין אויף באַפעלן קעגן דער געפאַר פאַר אַ פי-מגפה . . . . . . . | 3,3 | 35,1 | 3,3 | 22,9 | 1,3 | 2,2 | 2,3 | 12,3 |

די גרעסטע קרימינאַל-ציפער זעהען מיר דאָ בא אַזױנע פאַרברעכנס ווי: שווינדל, פעלשן שפּיז אַרטיקלען, פעלשן דאָקומענטן און עובר זיין אויף באַפעלן קעגן דער געפאַר פאַר א פּי-נגפה. בכלל זעהען מיר, אַז בעתן קריג איז די פאַרברעכערישקייט מחמת פאַרשידענע טעמים געפאַלן. אַקעגן אָבער האָט דער קריג גופא גורם געווען, אַז איינינע מינים פאַרברעכערישקייט זאָלן שטײַגן, ספּעציעל בא אידן אַזױנע פאַרברעכנס, ווי פעלשן שפּײַז-אַרטיקלען און עובר זיין אויף באַפעלן קעגן פּי-מגפה. אינטערעסאַנט איז, ווי קלײן ס'זיינען בא אידן די קרימינאַל-ציפער פון שווינדל-באַנקראָט און וואָכער, דאָס, וואָס מ'וואַרפט זיי אויס אַזוי אָפט: אויף א האַלב מיליאָן אידן איז דאָס יאָר 1916 באַשטראָפט געוואָרן 2 מענשן פאַר שווינדל-באַנקראָט און איינער פאַר וואָכער.

לסוף וועגן די פאַרברעכנס, וואָס זיינען בא קריסטן שטאַרקער איידער בא אידן.

| פאַרברעכנס און עולות | 1916 קריסטן | 1916 אידן | 1915 קריסטן | 1915 אידן | 1909/1910 קריסטן | 1909/1910 אידן | 1899/1902 קריסטן | 1899/1902 אידן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אויף יעדע הונדערט טויזנט | | | | | | | |
| 1. גנבה | 163 | 49 | 122 | 40,6 | 178 | 71 | 175 | 65 |
| 2. צונעמען אַנפאַרטרויטס | 24 | 19 | 25,4 | 23,5 | 45 | 48 | 37 | 37 |
| 3. רויב | 0,9 | — | 0,8 | 0,2 | 1,1 | 0,3 | 0,9 | 0,2 |
| 4. מיטהעלפן | 1,1 | 0,5 | 0,8 | 0,5 | 1,4 | 0,7 | 1,4 | 1,0 |
| 5. אויסבאַהאַלטן | 18 | 15,6 | 13,0 | 9,5 | 14,0 | 14,5 | 13,6 | 12,8 |
| 6. אַנדערע פאַלן פון באַשטראָפליכן איינגנרוך | 7,9 | 3,7 | 8,8 | 9,7 | 12,8 | 13,5 | 11,9 | 8,2 |
| 7. שעדיגן זאַכן | 13,9 | 2,1 | 14,6 | 3,0 | 30,4 | 5,6 | 33,9 | 7,3 |
| 8. אונטערצינדן | 1,0 | 0,3 | 1,6 | 0,8 | 6,6 (8–9) | 2,5 (8–9) | 5,8 (8–9) | 2,0 (8–9) |
| 9. אַנדערע פאַרברעכנס און עולות קעגן אַלגעמיינער זיכערקייט | 3,9 | 1,6 | 3,9 | 2,2 | | | | |

ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס בא צונעמען אַנפאַרטרויטס און אויסבאַהאַלטן איז די פאַרברעכערישקייט בא קריסטן געוואָרן בערך א סך גרעסער, איידער בא אידן, בעת פריהער זיינען זיי געווען כמעט גלייך.

פון וואַנען נעמען זיך די אונטערשידן אין פאַרברעכערישקייט צווישן אידן און קריסטן? וועגן דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער פראַגע האָבן שוין געשריבן א סך פאַכלייט. א שטיינער רודאָלף וואַסערמאַן אין מינכן האָט פאַרעפנטליכט א גרויס ווערק „פּראָפעסיע און פאַרברעכערישקייט בא אידן”; מ'קאָן אויך געפינען א היפּש ביסל אַרטיקלען וועגן דעם אין דער „ציייטשריפט פיר דעמאָגראַפיע אונד סטאַטיסטיק דער יודען”. אַלע שרייבער האַלטן קודם כל, אַז ס'מוז זיין א געוויסע שייכות צווישן דעם פּראָפעסיאָנעלן, סאָציאַלן צונויפשטעל בא א געוויסער באַפעלקערונג און דעם גראַד פאַרברעכערישקייט אירן בנוגע געוויסע פאַרברעכנס. דער דאָזיגער כלל לאָזט זיך זעהר גרינג באַווייזן גראַד בא אידן: אין א סך פּרטים זעהט מען בא זיי אַן אייגנטימליכע פאַרברעכערישקייט, וואָס שטאַמט פון זייערע פּראָפעסיעס. אָבער חוץ דעם זיינען פאַראַן נאָך איינינע אַנדערע ניט ווייניגער וויכטיגע סבות.

מיר ברייננען דאָ די וויכטיגסטע סבות, וואָס רופן ווייזט אָן, פאַרוואָס אידן און קריסטן זיינען ניט גלייך בנוגע איינצעלנע פאַרברעכנס, מיר ברייננען אויך די פאַרברעכנס גופא בא יעדער סבה.

1. דער דורכשניטליך-גרעסערער וואוילשטאַנד בא אידן פאַרמינדערט בא זיי דעם חשק צו געוויסע פאַרברעכנס קעגן אייגנטום (גנבה, צונעמען אַנפאַרטרויטס, רויב, מיטהעלפן, אויסבאַהאַלטן, אַנדערע פאַלן פון באַשטראָפליכן איינן-ברוך).

2. די דורכשניטליך-גרעסערע בילדונג בא אידן דערלאָזט זיי ניט צו גראָבע גוואַלט-פאַרברעכנס (מזיק דעם קערפּער, פאַרברעכנס קעגן דער אַלגעמיינער זיכערקייט, שטערן דעם הויז-פרידן, טויטן, טויט-קלאַפּ, פאַרגוואַלטיגן, ערוה, אַנטלויפן פון אַרעסט, שעדיגן זאַכן, פאַרברעכנס און עולות קעגן פּערזענליכער פרייהייט).

3. די פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג בא אידן און קריסטן, די איבערוועגנדליך-שטאַרקע אידישע באַטייליגונג אין האַנדל און אין גרויס-אינדוסטריע, ספּעציעל אין געוויסע האַנדלס-צווייגן (פּי-האַנדל, לאָטעריי-האַנדל, געלט-און קרעדיט-האַנדל), אין זשורנאַליסטיק און אין ליטעראַטור, — דאָס אַלץ ברייננט דערצו, אַז בא אידן זאָלן שטאַרקער זיין פאַרברעכנס און עולות קעגן דער קאָנקורס-אָרדנונג, פאַרברעכנס קעגן געווערב-אָרדנונג און זונטאָג-רו, עובר זיין אויף באַפעלן קעגן דער פּי-מגפה, וואָכער, פעלשן שפּייז-אַרטיקלען, אומגעטרייישאַפט בא א פאַרוואַלטונג פון אַן אַקציענגעזעלשאַפט, פאַרשפּרייטן אומציכטיגע שריפטן, עולות מיט גליקשפּילן, פעלשן דאָקומענטן, שווינדל, אויספּרעסן. דאָס, וואָס ס'זיינען פאַראַן א סך אידן מיט העכער-בילדונג, ברייננט אויך דערצו, אַז זיי זאָלן מער עובר זיין אויף די געזעצן קעגן דועלן.

4. דאָס, וואָס אידן וואוינען דערהויפּט אין גרויסע שטעט, פאַרמערט ביי זיי אַזױנע ספּעציעל גרויסשטעטישע פאַרברעכנס, ווי צונויפפירן און מיטהעלפן צו אומצוכט.

5. דער אַנטיסעמיטיזם פאַרמערט בא אידן אַזאַ פאַרברעך, ווי באַליידיגונג.

בא אַלעם דעם בלייבן נאָך איינינע פאַרברעכנס, וואָס די פריהער-דערמאָנטע סבות זיינען פאַר זיי קיין תירוץ ניט, מ'מוז זיי ספּעציעל אויסטאַרשן, יעדע זאַך באַזונדער. פאַר אונזער צוועק איז דאָ גענוג אָנצווייזן דאָס וויכטיגסטע, וואָס דערקלערט אונז די אונטערשידן אין פאַרברעכערישקייט בא קריסטן און אידן.

# שטארבליכקייט פון טיפוס בא אדעסער אידן

י. ק.

## Die Sterblichkeit an Typhus bei den Juden in Odessa

von I. C.

אין דער וויסנשאפטליכער ליטעראטור איז פון לאנג שוין פעסטגעשטעלט געווארן, אז די שטארבליכקייט פון שווערע און כראנישע אינפעקציע-קראנקהייטן איז צווישן אידן א נידריגערע איידער צווישן ניט-אידן. פון וואנען נעמט זיך די דאזיגע איינגארטיגע ערשיינונג?

איינינע געלערנטע זאגן, אז די ראסן-באזונדערקייטן פון די אידן שיצן זיי פון די פארשיידענע עפידעמישע קראנקהייטן. אנדערע געלערנטע פרובן זיך ערקלערן די זאך מיט נאר אנדערע סיבות. די טעאריע וועגן ראסן-באזונדערקייט ווארפן זיי אינגאנצן אפ. וואלטן, זאגן זיי, אין דעם דאזיגן פאקט ווירקליך געשפילט א ראלע ביאלאגישע און ראסן-איינגשאפטן און א בלוט-באזונדערקייט, וואלט דאך הן די שטארבליכקייט בא די אידן פון אינפעקציאנס-קראנקהייטן און הן די נטיה קראנק צו ווערן מיט די דאזיגע תולאת'ן געמוזט אין יעדער לאנד און אין יעדער צייט זיין מער אדער ווייניגער איינע און די זעלביגע. די פאקטן ווייזן דאס אבער ניט. זיי ווייזן פארקערט, פילע און פארשיידענע גראדאציעס אדער נאך אנדערש: אז די אידישע באפעלקערונג האט אין פארשיידענע ערטער ארויסגעוויזן בא עפידעמיעס א קלענערן ווידערשטאנד, איידער די ניט-אידישע באפעלקערונג, און אז צווישן דער אידישער באפעלקערונג איז דער פראצענט געשטארבענע פון די עפידעמיעס געווען אין איינינע פאלן א העכערער, איידער בא דער איבריגער באפעלקערונג.

מ'לעגט דעריבער פאר פארשיידענע אנדערע טעאריעס און ערקלערונגען. לויט איינע פון זיי זאל די אידישע באפעלקערונג האבן א מין אימוניטעט פאר אנשטעקנדיגע קראנקהייטן. דאס אלטע אידישע פאלק זאל שוין האבן איבערגעליטן פון אסך עפידעמיעס און דאס זאל האבן מסתמא געמאכט דעם אידישן ארגאניזם בייצוקומען די גרעסטע מערהייט עפידעמישע און אינפעקציאנס-קראנקהייטן. און ס'איז טאקע צו מערקן, אז בא נייע עפידעמיעס, למשל בא דער כאלערא, ניט די אידישע באפעלקערונג גישט ווייניגער קרבנות, איידער די איבריגע באפעלקערונג און אמאל אפילו מערער.

אנדערע טעאריעס ווייזן אן אויף סאציאלע און פסיכאלאגישע און סאניטאר-היגיענישע מאמענטן. די אידן פארנעמען בעסערע עקאנאמישע פאזיציעס, זיי געברויכן ווייניגער אלקאהאל, זיי היטן בעסער אפ דאס געזונט, ווענדן זיך גיכער איידער אנדערע נאך מעדיצינישע הילף און האבן פריהער חתונה; זיי האבן אין מיטלאלטער בשעת די שרעקליכע מגפות געלעבט אין די געטאס אפגעזונדערט און אפגעשלאסן פון דער ארומיגער וועלט און דערפאר טאקע באשיצט געווען פון די מגפות, א. א. וו.

די פראגע איז זעהר אנ'ערנסטע, און די מעדיצינישע וויסנשאפט פארמאגט נאך ניט גענוג מאטעריאל אויף צו געבן א באשטימטע תשובה אויף איר. דעריבער באקומען די אלע ידיעות, וועלכע באלייכטן די פראגע וועגן קרענקליכקייט און שטארבליכקייט בא אידן פון עפידעמיעס זעהר א גרויסן ווערט. די עפידעמיעס, וואס האבן געבושעוועט איבערן שטח פון גאנץ רוסלאנד אין משך פון די לעצטע 3—4 יאר וואלטן געקאנט געבן א קאלאסאלן מאטעריאל פארן אויפקלערן און באלייכטן די אויבנדערמאנטע פראגע. צום באדויערן, האבן די עקזיסטירנדע רוסישע סטאטיסטישע אפאראטן ניט נאר ניט באוויזן צו רעגיסטרירן די צאל קראנקע און געשטארבענע לויט זייערע נאציאנאליטעטן, נאר זיי האבן מערסטנטיילס בכלל ניט ארויסגעכאפט די גוואלדיג גרויסע מאסע קראנקע און געשטארבענע.

מ'קאן נאר האפן, אז דא און דארט אין פארשיידענע גוט איינגעפונדעוועטע שפיטאלן איז אוא רעגיסטראציע לויט די נאציאנאליטעטן דאך געפירט געווארן און ס'איז זעהר וויכטיג, אז מ'זאל וואס גיכער צוטרעטן צו ארויסבאקומען די דאזיגע מאטעריאלן.

פאר אונז ליגן פיר אפהאנדלונגען פונם עלטסטן דאקטאר פון אדעסער 5-טן אינפעקציאנס-שפיטאל, דעם באקאנטן ד״ר א. סיגאל. דאס זיינען:

1) קורצע ידיעות וועגן 5-טן שטאטישן עפידעמישן שפיטאל פאר דעם ערשטן יאר פון זיין פונקציאנירן (14 מאי 1919 — 14 מאי 1920 יאר); 2) קורצער מעדיצינישער באריכט וועגן אדעסער 5-טן אינפעקציאנס-שפיטאל פארן צווייטן יאר פון זיין פונקציאנירן (14 מאי 1920 — 14 מאי 1921 יאר); 3) צו דער כאראקטעריסטיק פון דער עפידעמיע פון בויך-טיפוס אין אדעס אין 1921 יאר — א ארטיקל אין דער אדעסער צייטשריפט „די היינטיגע מעדיצין“ — און 4) א מאנוסקריפט, וואס דארף אינגיכן ארויס פון דרוק אונטערן נאמען „דער פלעקן-טיפוס“ *).

מיר געפינען אין אט די דאזיגע אפהאנדלונגען און באריכטן ציפערן, וואס זיינען זעהר אינטערעסאנט פאר אונז. מ'דארף דערביי געדענקען, אז דער אדעסער פינפטער עפידעמישער שפיטאל איז איינער פון די בעסטע אדעסער שפיטאלן און אז די רעגיסטראציע פון די חולאים איז דארט אויסגעשטעלט אויף א געהעריגער הויך. מען קאן זיך דעריבער באציהען צו די ציפערן פון ד״ר סיגאל מיט פולן צוטרוי. וואס זשע ווייזן זיי?

צום ערשט — די ציפערן וועגן פלעקן-טיפוס, וועלכער האט אפגעקאסט דער באפעלקערונג פיל מער, איידער דער בויך- און ריקקער-טיפוס.

אין משך פון מאי 1919 ביז מאי 1920 זיינען דורכן 5-טן אדעסער עפידעמישן שפיטאל דורכגעגאנגען 1282 קראנקע אויף פלעקן-טיפוס.

פון זיי זיינען 1469 ד. ה. 67,3 פראצ. פון אלע געווען רוסן, 570 אדער 26,1 פראצ. — אידן און 143 אדער 6,6 פראצ. אנדערע (ארמענער, גרוזינער, דייטשן, א. א. וו.). געשטארבן זיינען פון די אלע 2182 חולאים ס״ה 215, דאס הייסט 9,8 פראצענט. דערביי האבן זיך ארויסגעוויזן אזעלכע פאקטן:

---

*) די רעדאקציע האלט פאר איר חוב דא אויסצודריקן איר דאנק דעם געערטן ד״ר סיגאל פאר זיין ליבענסווירדיגקייט, וואס ער האט ארויסגעוויזן מיטן צושיקן זיין מאנוסקריפט.

פון אַלע 1469 רוסן זיינען געשטאָרבן 157 ד. ה. 10,7 %
" " 143 אַנדערע " " 21 " 14,7 %

דערפאַר אָבער זיינען פון אַלע 570 אידן געשטאָרבן נאָר 37 ד. ה. נאָר 6,5 %.

צווישן די אידישע חולאים איז די שטאַרבליכקייט געווען די קלענסטע. אין פאַרגלייך מיט זיי האָט זיך די שטאַרבליכקייט צווישן די חלאים-רוסן אַרויסגעוויזן אנדערהאַלבן מאָל גרעסער.

פון וואַגען נעמט זיך דער דאָזיגער חילוק?

אין נאָיאַבר-דעקאַבר 1919 און אין יאַנואַר 1920 איז זיך קיין אדעס אָנגעלאָפן און אָנגעפאָרן א באַדייטנדיגע מאַסע הײמלאָזע. אינם 5-טן עפּידעמישן שפּיטאָל זיינען דעמאָלט געבראַכט גע-וואָרן גלייך פון די אייזנבאַנען א סך רוסן, באַאַמטע און אָפיצירן קראַנקע מיט טיפוס אין א שרעקליך שווערן צושטאַנד, כמעט האַלבע מתים. דאָס קאָן זיין, זאָגט ד״ר סיגאַל — איין סיבה, פאַרוואָס די שטאַרבליכקייט צווישן די רוסן איז געווען א גרעסערע איידער צווישן די אידן. ווייטער האָט נאָך געקאָנט זיין אָט וואָס: — ס׳איז פעסטגעשטעלט מיט סטאַטיסטישע ציפערן, אַז בײַ דער עפּידעמיע פון פלעקן-טיפוס איז דער פּראָצענט געשטאָרבענע גע-ווען העכער בײַ די מענער, איידער בײַ די פרויען און אַז צווישן די קינדער איז דער דאָזיגער פּראָצענט געווען קלענער, ווי צווישן די עלטערע. און גיבן מיר א קוק אויף דעם געשלעכטס- און עלטער-צוזאַמענשטעל פון די אידן-חולאים זעהען מיר טאַקע א גאַנץ באַדייטנדיגן אונטערשיד צווישן די דאָזיגע צוויי-גרופּעס. די ציפערן זיינען פאָלגנדיגע:

## די אידישע און רוסישע קראַנקע מיט פלעקן-טיפוס לויטן עלטער און געשלעכט

**Die jüdischen und russischen Flecktyphuskranken nach Alter und Geschlecht**
**(1919—1920)**

| נאַציאָנאַליטעט | ס״ה זיינען געווען נפשות: אַנצאָל-צאָל | ס״ה זיינען געווען נפשות: % | פון זיי זיינען: מענער: אַנצאָל-צאָל | מענער: % | פרויען: אַנצאָל-צאָל | פרויען: % | קינדער ביז 15 יאָר: אַנצאָל-צאָל | קינדער ביז 15 יאָר: % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסן | 1469 | 100,0 | 795 | 54,1 | 529 | 36,0 | 145 | 9,9 |
| אידן | 570 | 100,0 | 213 | 37,4 | 240 | 42,1 | 117 | 20,5 |

בײַ די רוסן זעהען מיר 36,0 פּראָצענט פרויען און בײַ די אידן — 42,1 פּראָצענט; די רוסן האָבן נאָר 9,9 פּראָצ. קינדער ביז 15 יאָר און בײַ די אידן מאַכן אויס די קינדער ביז 15 יאָר גאַנצע 20,5 פּראָצענט אָדער א פינפטל פון אַלע אידן-חולאים. הייסט עס, אַז די אַלגעמיינע צאָל אידן-חולאים האָט טאַקע באַדאַרפט געבן ווייניגער שטאַרבפאַלן, איידער די אַלגעמיינע צאָל רוסן-חולאים. אָבער ווען דער אידישער אָרגאַניזם זאָל טאַקע ניט פאַרמאָגן קיינע באַזונדערקייטן און אויך ניט קיין שטאַרקערע ווידערשטאַנדס-קראַפט קעגן אַנשטעקנדיגע קרענק, וואָלט דאָך באַדאַרפט אויס-קומען אַזוי: דער פּראָצענט געשטאָרבענע וואָלט באַדאַרפט זיין בײַ אידן-מענער דערזעלבינער ווי בײַ די רוסן-מענער; בײַ די אידישע פרויען דערזעלבינער ווי בײַ די רוסישע פרויען און בײַ די אידישע קינדער דערזעלבינער ווי בײַ די רוסישע קינדער. לאָמיר א קוק טון, וואָס זאָגן די ציפערן.

## די שטאַרבליכקייט פון פלעקן-טיפוס צווישן די אידישע און רוסישע חולאים

**Die Sterblichkeit an Flecktyphus unter jüdischen und russischen Kranken**
**(1919—1920)**

| נאַציאָנאַליטעט | ס׳זיינען געבראַכט געוואָרן חולאים: מענער | ס׳זיינען געבראַכט געוואָרן חולאים: פרויען | ס׳זיינען געבראַכט געוואָרן חולאים: קינדער ביז 15 | ס׳זיינען געשטאָרבן: מענער | ס׳זיינען געשטאָרבן: פרויען | ס׳זיינען געשטאָרבן: קינדער ביז 15 | דער % פון געשטאָרבענע: מענער | דער % פון געשטאָרבענע: פרויען | דער % פון געשטאָרבענע: קינדער ביז 15 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסן | 795 | 529 | 145 | 105 | 43 | 9 | 13,2 | 8,1 | 6,2 |
| אידן | 213 | 240 | 117 | 20 | 16 | 1 | 9,4 | 6,6 | 0,8 |

בשעת פון די רוסן-מענער, איז געשטאָרבן 13,2 פּראָצענט, איז פון די אידישע טיפוס חולאים מענער געשטאָרבן נאָר 9,4 פּראָ-צענט; בשעת פון די רוסישע קראַנקע פרויען זיינען געשטאָרבן 8,1 פּראָצענט, איז פון די אידישע פרויען געשטאָרבן נאָר 6,6 פּראָצענט און בשעת פון די רוסישע קינדער ביז 15 יאָר זיינען געשטאָרבן 6,2 פּראָצענט האָבן זיך די אידישע קראַנקע קינדער אויסגעצייכנט מיט א נישטיגן פּראָצענט געשטאָרבענע — 0,8. דער חילוק איז דאָ אומעטום א גאַנץ קלאָרער. הייסט עס שוין, אַז דער אָרגאַניזם פון די אידישע חולאים האָט ווירקליך אַרויסגעוויזן א באַזונדער מין פעי-היגקייט גרינגער איבערצוטראָגן דעם פלעקן-טיפוס.

ד״ר סיגאַל ברענגט אויך ציפערן וועגן דער שטאַרבליכקייט 1919 — 1920 צווישן די קראַנקע אויף בויך-טיפוס אינ׳ם 5-טן עפּידעמישן שפּיטאָל. וואָס ווייזן אַרויס די דאָזיגע ציפערן?

## די שטאַרבליכקייט פון בויך-טיפוס צווישן די אידישע און ניט-אידישע חולאים

**Die Sterblichkeit an Abdominaltyphus unter jüdischen u. russischen Kranken**
**(1919—1920)**

| נאַציאָנאַליטעט | ס״ה זיינען געבראַכט געוואָרן חולאים: מענער | פרויען | קינדער ביז 15 | צוזאַמען | ס׳זיינען געשטאָרבן פון די: מענער | פרויען | קינדער ביז 15 | צוזאַמען | פּראָצענט פון די געשטאָרבענע: מענער | פרויען | קינדער ביז 15 | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסן . . | 49 | 70 | 24 | 143 | 6 | 9 | 2 | 17 | 12,2 | 12,9 | 8,3 | 11,9 |
| אידן . . | 60 | 82 | 86 | 228 | 4 | 5 | 3 | 12 | 6,6 | 6,0 | 3,4 | 5,3 |
| אַנדערע . | 10 | 7 | 6 | 23 | 2 | 1 | 1 | 4 | 20,0 | 14,3 | 16,6 | 17,4 |
| סך-הכל . . | 119 | 159 | 116 | 394 | 12 | 15 | 6 | 33 | 10,0 | 9,4 | 5,2 | 8,4 |

מיר זעהען דאָ ווידעראַמאָל: פון אַלע רוסישע מענער קראַנקע אויף בויך-טיפוס זיינען געשטאָרבן 12,9 פּראָצענט, פון אַלע אידישע מענער בלויז — 6,6 פּראָצענט. פון אַלע רוסישע פרויען זיינען געשטאָרבן 12,9 פּראָצענט, פון אַלע אידישע פרויען, קראַנקע מיט בויך-טיפוס, — נאָר 6,0 פּראָצענט; צווישן די רו-סישע קינדער האָט דער טויט צוגענומען 8,3 פּראָצענט, צווישן די אידישע קינדער אָבער נאָר 3,4 פּראָצענט. אַרום און אַרום האָבן די רוסן אָנגעוואוירן 11,1 פּראָצ. פון זייער צאָל קראַנקע און די אידן — ס״ה 5,3 פּראָצענט, דאָס הייסט גאַנצע צוויי מאָל ווייניגער.

הייסט עס, אַז אויך ביים בויך-טיפוס האָט זיך אַרויסגעוויזן א געוויסע פאַרשיידנקייט בײַ דער שטאַרבליכקייט פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

כדי צו זעהן, צי איז דאָס אפשר אַ צופעליגע ערשיינונג, וואָס האָט נראד געטראָפן אין 1919-20 יאָר, דאַרף מען אַ קוק טאָן אויף די רעזולטאַטן פון 1921 יאָר. (14 מאַי 1920—14 מאַי 1921).

פאַר דעם האַיינטיגן יאָר — באַריכטעט ד״ר סינאַל — זיינען דורכגעגאַנגען דורך דעם 5-טן עפּידעמישן שפּיטאָל 909 קראַנקע מיט פלעקן-טיפוס. לויט דער נאַציאָנאַליטעט איז דאָ געווען:

579 רוסן ד. ה. 63,7 פּראָצ. פון אַלע חולאים
269 אידן „ 29,6 „ „ „ „
61 אַנדערע „ 6,7 „ „ „ „

די פאַרטיילונג פון די חולאים אויף מענער, פרויען און קינדער ביז 15 יאָר איז געווען פאָלגנדיגע:

די פלעקן-טיפוס חולאים לויט געשלעכט
און נאַציאָנאַליטעט

**Die Flecktyphuskranken nach Geschlecht und Nationalität**
**(1920—1921)**

| נאַציאָנאַלי־טעט | מענער אבסאָל. צאָל | מענער % | פרויען אבסאָל. צאָל | פרויען % | קינדער ביז 15 יאָר אבסאָל. צאָל | קינדער ביז 15 יאָר % | צוזאַמען אבסאָל. צאָל | צוזאַמען % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסן . . . . | 225 | 38,9 | 267 | 46,1 | 87 | 15,0 | 579 | 100,0 |
| אידן . . . . | 99 | 36,8 | 109 | 40,5 | 61 | 22,7 | 269 | 100 0 |
| אַנדערע . . . | 22 | 36,1 | 26 | 42,6 | 13 | 21,3 | 61 | 100,0 |
| סך־הכל . | 346 | 38,1 | 402 | 44,2 | 161 | 17,7 | 909 | 100,0 |

דאָ איז דער אונטערשיד צווישן דעם געשלעכט-צוזאַמענשטעל בײַ די אידן און בײַ די רוסן שוין ניט אַזאַ גרויסער, ווי אין 1920—1919. דאָ זיינען צווישן די רוסן פאַראַן 38,9 פּראָצענט מענער און די אידן האָבן 36,8 פּראָצענט מענער. צווישן די רוסן זיינען פאַראַן 15,0 פּראָצענט קינדער און צווישן די אידן מאַכן די קינדער אויס 22,7 פּראָצענט. אין 1920—1919 אָבער, האָבן מיר געזעהן, אַז צווישן די רוסן איז געווען 54,1 פּראָצענט מענער און צווישן די אידן נאָר 37,4 פּראָצענט מענער; צווישן די רוסן האָבן מיר געזעהן קינדער נאָר 9,9 פּראָצענט בשעת די אידן חולאים זיינען אויך נאָגצע 20,5 פּראָצענט באַשטאַנען פון קינדער ביז 15 יאָר.

אין 1921-טן יאָר איז אויך ניט געווען אָט אַ יענער פאַראַאַיינער פאַל מיט די האַלב-טויטע הייטלאָזע רוסן וואָס זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין שפּיטאָל. הייסט עס, אַז קיין צופעליגע סיבות, וואָס האָבן נעקאָנט ווירקן אויף דער שטאַרבליכקייט איז אין 1921 יאָר כמעט ווי ניט געווען. איצט האָבן שוין געשפּילט אַ ראָלע כמעט נאָר די שטענדיג ווירקנדיגע כחות. דער רעזולטאַט איז געווען אַזעלכער:

די שטאַרבליכקייט פון פלעקן־טיפוס לויט געשלעכט און נאַציאָנאַליטעט (1921—1920)

**Die Sterblichkeit an Flecktyphus nach Geschlecht und Nationalität (1920—1921)**

| נאַציאָנאַליטעט | מענער: אינגאנצן זיינען געווען חולאים־מענער | מענער: פון זיי זיינען געשטאָרבן | פרויען: אינגאנצן זיינען געווען חולאים־פרויען | פרויען: פון זיי זיינען געשטאָרבן | קינדער ביז 15 יאָר: אינגאנצן זיינען געווען חולאים־קינדער | קינדער ביז 15 יאָר: פון זיי זיינען געשטאָרבן | צוזאַמען: חולאים | צוזאַמען: געשטאָרבענע | % פון געשטאָרבענע צווישן: מענער | % פון געשטאָרבענע צווישן: פרויען | % פון געשטאָרבענע צווישן: קינדער | % פון געשטאָרבענע צווישן: אלע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסן . . . . . . . . . . . . | 225 | 46 | 267 | 30 | 87 | — | 579 | 76 | 20,5 | 11,2 | — | 13,1 |
| אידן . . . . . . . . . . . . | 99 | 7 | 109 | 8 | 61 | — | 269 | 15 | 7,1 | 7,3 | — | 5,6 |
| אַנדערע . . . . . . . . . . | 22 | 8 | 26 | 1 | 13 | — | 61 | 9 | 36,4 | 4,2 | — | 14,8 |
| ס״ה . . . | 346 | 61 | 402 | 39 | 161 | — | 909 | 100 | 17,6 | 9,7 | — | 11,0 |

אין אַלגעמיין האָבן די חולאים פאַרלוירן 11,0 פּראָצענט פון זייער צאָל. דערביי האָבן די אידן אויך דאָס מאָל ווייניגער פאַרלוירן אידער די רוסן. פון זיי אַלע איז געשטאָרבן נאָר 5,6 פּראָצענט, און פון די אַלע רוסן נאָגצע 13,1 פּראָצענט, ד. ה. העכער צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי בײַ די אידן. פאַרגלייכן מיר די אידישע מענער מיט די רוסישע מענער, די אידישע פרויען מיט די רוסישע — זעהן מיר אומעטום אַ חילוק לטובת די אידן. פון די רוסישע קראַנקע מענער, למשל, זיינען געשטאָרבן נאָגצע 20,5 פּראָצענט, פון די אידישע קראַנקע מענער נאָר 7,1 פּראָצענט, ד. ה. דריי מאָל ווייניגער.

פאַרן 1921—1922-טן יאָר ניט אָן דער באַריכט פאָלגנדיגע ידיעות.

די שטאַרבליכקייט פון פלעקן־טיפוס לויט געשלעכט און נאַציאָנאַליטעט

**Die Sterblichkeit an Flecktyphus nach Geschlecht und Nationalität**
**(1921—1922)**

| נאַציאָ־נאַלי־טעט | מענער: אנגעקומען | מענער: געשטאָרבן | פרויען: אנגעקומען | פרויען: געשטאָרבן | קינדער: אנגעקומען | קינדער: געשטאָרבן | צוזאַמען: אנגעקומען | צוזאַמען: געשטאָרבן | % פון געשטאָרבענע צווישן: מענער | % פון געשטאָרבענע צווישן: פרויען | % פון געשטאָרבענע צווישן: קינדער | % פון געשטאָרבענע צווישן: אלע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסן . . | 698 | 122 | 897 | 94 | 158 | 3 | 1753 | 219 | 17,5 | 10,5 | 1,9 | 12,5 |
| אידן . . | 375 | 48 | 498 | 34 | 115 | 2 | 988 | 84 | 12,8 | 6,8 | 1,7 | 8,5 |

אידן זיינען אויך דאָס יאָר געשטאָרבן ווייניקער, איידער רוסן. פון די רוסן איז אויסגעשטאָרבן 12,5 פּראָצענט, פון די אידן — 8,5 פּראָצענט; פון די רוסן־מענער 17,5 פּראָצענט, פון אידן־מענער — 12,8 פּראָצענט; פון רוסישע פרויען — 10,5 פּראָצענט; פון אידישע פרויען — 6,8. פּראָצענט; פון רוסישע קינדער איז אויסגעשטאָרבן 1,9 פּראָצענט און פון די אידישע — 1,7 פּראָצענט.

אַלע דריי יאָר, הייסט עס, חורט זיך איבער איינע און דיזעלבע ערשיינונג. —

מיר ברענגען דאָ נאָך די ידיעות וועגן דער צאָל קראַנקע מיט בויך־טיפוס, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך 5־טן אָרעסער עפּידעמישן שפּיטאָל פאַרן 1921—1920־טן יאָר. די צאָלן זיינען קליינע און אויף זייער גרונט קאָן מען דעריבער ניט מאַכן אַ וועלכע סך איז אויספירן.

## דער געשלעכט און די נאַציאָנאַליטעט פון די געשטאָרבענע פון בויך־טיפוס (1920–1921)

**Geschlecht und Nationalität der an Abdominaltyphus gestorbenen**

**(1920—1921)**

| נאַציאָנאַליטעט | מענער: אינגאַנצן זיינען געווען חולאים־מענער | מענער: פון זיי געשטאָרבן | פרויען: אינגאַנצן זיינען געווען חולאים־פרויען | פרויען: פון זיי געשטאָרבן | קינדער: אינגאַנצן זיינען געווען חולאים־קינדער | קינדער: פון זיי געשטאָרבן | צוזאַמען: חולאים | צוזאַמען: געשטאָרבן | פראָצ׳ פון געשטאָרבענע צווישן: מענער | פרויען | קינדער | אַלע חולאים |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסן . . . . . . . . | 57 | 6 | 79 | 6 | 10 | 1 | 146 | 13 | 10,5 | 7,6 | 10,0 | 9,0 |
| אידן . . . . . . . | 35 | 6 | 70 | 7 | 23 | — | 128 | 13 | 17,1 | 10,6 | — | 10,0 |
| אַנדערע . . . . . . | 8 | 2 | 14 | 1 | — | — | 22 | 3 | 25,0 | 7,0 | — | 13,6 |
| סך־הכל . . . | 100 | 14 | 163 | 14 | 33 | 1 | 296 | 29 | 14,0 | 8,6 | 3,0 | 9,8 |

## דער געשלעכט און די נאַציאָנאַליטעט פון די געשטאָרבענע פון ריקקער־טיפוס (1921–1920)

**Geschlecht und Nationalität der an Rückfalltyphus gestorbenen**

**(1920—1921)**

| נאַציאָנאַליטעט | מענער: אינגאַנצן געווען חולאים | מענער: פון זיי זיינען געשטאָרבן | פרויען: אינגאַנצן געווען חולאים | פרויען: פון זיי זיינען געשטאָרבן | קינדער: אינגאַנצן געווען חולאים | קינדער: פון זיי זיינען געשטאָרבן | צוזאַמען: חולאים | צוזאַמען: געשטאָרבענע | פראָצענט פון געשטאָרבענע צווישן: מענער | פרויען | קינדער | אַלע חולאים |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסן . . . . . . . . . . . . | 221 | 7 | 221 | 2 | 87 | 2 | 529 | 11 | 3,2 | 0,9 | 2,3 | 2,1 |
| אידן . . . . . . . . . . . . | 200 | 4 | 169 | 1 | 152 | 1 | 521 | 6 | 2,0 | 0,6 | 0,6 | 1,1 |
| אַנדערע . . . . . . . . . . | 26 | 3 | 11 | — | 6 | — | 43 | 3 | 11,5 | — | — | 7,0 |
| סך־הכל . . . | 447 | 14 | 401 | 3 | 245 | 3 | 1093 | 20 | 3,1 | 0,7 | 1,2 | 1,8 |

# די באטייליגונג פון די אידן אין די וואלן צו די פוילישע סיימען (1919, 1922)

י. מינצין

# Die Beteiligung der Juden an den Wahlen zu den polnischen Seims in den Jahren 1919 und 1922

von I. Minzin

די וואלן אין 1919־טן יאר צו דעם ערשטן, קאנסטיטואירנדיגן סיים פון דער נייער פוילישער רעפובליק זיינען פארגעקומען אויף א שטח, וואס איז פיל קלענער פון דער טעריטאריע, וועלכע די פוילישע רעפובליק פארנעמט בא היינטיגן טאג. א גרויסער טייל פונם איצטיגן פוילן, וואס איז באקאנט אונטערן נאמען „קרעסן“, האט נאך דעמאלט בכלל ניט געהערט צו פוילן: — די דאזיגע געביטן זיינען איבערגעגאנגען צו פוילן ערשט אין 1920־טן יאר לויטן שלום־פארטראג, וואס איז געשלאסן געווארן אין ריגע צווישן ראטן־רוסלאנד און פוילן. א טייל פון דער פוילישער טעריטאריע איז געווען דעמאלט פארנומען דורך די דייטשן און טשעכן; אין פארשידענע ערטער פון דער רעפובליק זיינען נאך פארגעקומען מלחמה־אפעראציעס און ס'איז וועלבסטפארשטענדליך, אז די באפעלקערונג פון די דאזיגע אלע ערטער האט אין די וואלן ניט גע־קאנט נעמען קיין אנטייל. דער סוף פון דעם אלעם איז געווען, אז אין 1919־טן יאר האבן אין די וואלן אנטייל גענומען נאר די קרייזן פון געוועזענעם רוסישן פוילן (חוץ די צפון־פאוויעטן פון סו־וואלקער גובערניע) און 11 קרייזן פון מערב־גאליציע. אלס פארשטייער פון מזרח־גאליציע זיינען פארעכנט געווארן אין סיים די פוילישע דעפוטאטן פון מזרח־גאליציע אין דעם געוועזענעם עסטרייכישן לאנדטאג; אלס דעפוטאטן פון צעשינער שלעזיע זיינען אנערקענט געווארן די קאנדידאטן, וואס זיינען געגאנגען אויף דעם איינעם וואל־צעטל, וועלכער איז אין דעם דאזיגן קאנט ארויסגעשטעלט געווארן.

אין דער וואל־קאמפאניע האבן געקעמפט צווישן זיך א גאנצע מענגע פארטייען, געמיינשאפטן, פאראייניגונגען, בלאקן א. א. וו. באזונדערס פיל וואל־ליסטעס האט ארויסגעשטעלט דאס געוועזענע רוסישע פוילן.

אויף דער אידישער גאס האבן קאנקורירט פאלגנדיגע וואל־ליסטעס: פון די בירגערליכע — די ציוניסטישע, די מזרחיסטישע, די ארטאדאקסישע, די נאציאנאליסטישע, די פאלקיסטישע, די ליסטע פון דער פארטיי פאר גלייכבארעכטיגונג פון די אידן אדער די אסימילאטארישע ליסטע און אנד.; פון די ארבעטער־ליסטעס — די פועלי־ציוניסטישע ליסטע, די ליסטע פון די „פאראייניגטע“ און פון „בונד“. דער „בונד“ האט ניט ארויסגעוויזן קיין איינהייטליכע באציאונג צו די וואלן. די בונדיסטישע פארטיי־ארגאניזאציעס האבן אין איניגע ערטער באיקאטירט די וואלן. דאס איז פארגעקומען אויך אין אזעלכע גרויסע צענטרען, ווי ווארשע און לובלין.

כדי צו באקומען א פארשטעלונג וועגן די פאליטישע שטימונ־גען פון די אידישע מאסן אין פוילן און וועגן די כוחות־פארהעלט־נישן צווישן די אידישע פארטייען צו דער צייט פון די וואלן, דארף מען באטראכטן די פאלגנדיגע טאבעלע, אין וועלכער די אלגע־מיינע צאל שטימען, וואס זיינען אפגעגעבן געווארן פאר די אידישע צעטלען, ווערט פאנאנדערגעטיילט לויט איינצעלנע פארטייען.

טאבעלע I

שטימען פאר די אידישע ליסטעס בא די וואלן אין 1919 יאר*)

Die Zahl der Stimmen für Jüdische Parteien im Jahre 1919

| נאמען פון די וואל־ליסטעס | אבסאלוטע צאל שטימען פאר יעדער ליסטע | % פון דער גאנצער צאל שטימען פאר די אידישע ליסטעס |
|---|---|---|
| I. אין געוועזענעם רוסישן פוילן | | |
| ציוניסטן און נאציאנאליסטן . . . . | 180234 | 40,0 |
| ארטאדאקסן . . . . . . . . . . . . | 97239 | 21,6 |
| ארטאדאקסן, ציוניסטן און נאציאנא־ליסטן . . . . . . . . . . . . | 37073 | 8,2 |
| פאלקיסטן . . . . . . . . . . . . | 59229 | 13,1 |
| ציוניסטן, נאציאנאליסטן, פאלקיסטן . | 11087 | 2,5 |
| פארטיי פאר גלייכבארעכטיגונג פון אידן . . . . . . . . . . . . | 5697 | 1,3 |
| אנדערע בירגערליכע פארטייען . . . | 7739 | 1,7 |
| אלע בירגערליכע פארטייען צוזאמען . | 398298 | 88,4 |
| פועלי־ציון . . . . . . . . . . . | 27063 | 6,0 |
| „בונד“ . . . . . . . . . . . . | 16366 | 3,6 |
| „פאראייניגטע“ . . . . . . . . . . | 8863 | 2,0 |
| אלע ארבעטער־פארטייען צוזאמען . | 52292 | 11,6 |
| סך־הכל | 450590 | 100,0 |
| II. אין געוועזענעם עסטרייכישן פוילן | | |
| ציוניסטן . . . . . . . . . . . . | 52661 | 90,7 |
| אנדערע בירגערליכע פארטייען . . . | 2431 | 4,2 |
| אלע בירגערל. פארטייען צוזאמען | 55092 | 94,9 |
| סאציאל־דעמאקראטן . . . . . . . . | 1991 | 3,4 |
| פועלי־ציון . . . . . . . . . . . | 951 | 1,7 |
| אלע ארבעטער־פארטייען צוזאמען . | 2942 | 5,1 |
| סך־הכל . | 58034 | 100,0 |

*) מיר נעמען די טאבעלע מיט דיזעלבינע פארטיי־גרופירונגען ווי אין:
Miesięcznik Statystyczny wydawany przez Główny Urząd Statystyczny Rzeczyposp. Polskiej, Statystyka Wyborów do Sejmu Ustawodawczego pod redakcją A. Krzywickiego.

פון די דאָזיגע ציפערן איז קלאָר, אַז די גרעסטע מערהײט פון אַלע שטימען, װאָס די אידישע װאַל־ליסטעס האָבן צונױפגענומען, פאַלט אױס אױף די ליסטעס פון די בירגערליכע פּאַרטײען. אין געװעזענעם רוסישן פּױלן דערגרײכט די דאָזיגע מערהײט ביז 88,4 פּראָצענט (398.298 שטימען פון 450.590), אין געװעזענעם עסטרײכישן פּױלן — ביז 94,5 פּראָצענט. דאָ באַקומען די אידישע בירגערליכע פּאַרטײען 55,092 שטימען, בשעת די גאַנצע צאָל שטימען פאַר די אידישע ליסטעס בכלל איז ניט מער פון 58.034.

צװישן ד יבירגערליכע און אױך צװישן אַלע אידישע ליסטעס גײען אױפן ערשטן אָרט די ציוניסטישע פּאַרטײ און די אָרטאָדאָקסן. אין די װאַל־באַצירקן פון געװעזענעם עסטרײכישן פּױלן האָט די ציוניסטישע ליסטע אַלײן באַקומען 90,7 פּראָצענט פון אַלע שטימען פאַר די אידישע ליסטעס. מ׳קאָן רעכנען, אַז אין די װאַל־באַצירקן פון געװעזענעם רוסישן פּױלן האָבן די אָרטאָדאָקסישע מזרחיסטישע און ציוניסטישע ליסטעס באַקומען אינאײנעם אַצ׳ערך 72—71 פּראָצענט פון אַלע שטימען, װאָס זײנען אָפּגעגעבן געװאָרן פאַר די אידישע פּאַרטײען.

די ליסטע פון דער פאָלקס־פּאַרטײ האָט צונױפגענומען צו זיך אין געװעזענעם רוסישן פּױלן אַצ׳ערך 14% פון אַלע שטימען די ליסטע פון די אַסימילאַטאָרן האָט באַקומען נאָר אַן אומבאַדײטנדיגע צאָל שטימען — 1,3 פּראָצענט. אַלע סאָציאַליסטישע ליסטעס צוזאַמענגענומען — 11,6 פּראָצענט.

צװישן די סאָציאַליסטישע ליסטעס גײט דעמאָלט אױפן ערשטן אָרט די פּועלי־ציוניסטישע. זי באַקומט אין געװעזענעם רוסישן פּױלן העכער אַ העלפט פון אַלע שטימען, װאָס זײנען בכלל אָפּגעגעבן געװאָרן פאַר אידישע סאָציאַליסטישע ליסטעס, און 6 פּראָצענט פון די שטימען פאַר אַלע אידישע פּאַרטײען.

אינאײנעם האָבן אַלע אידישע ליסטעס צונױפגענומען אין געװעזענעם רוסישן און עסטרײכישן פּױלן 508.624 שטימען. פון דער דאָזיגער צאָל קומט אױס אױפן געװעזענעם רוסישן פּױלן 450.590 שטימען, װאָס ס׳מאַכט אױס 11,78 פּראָצענט בנוגע צו אַלע 3,828,067 שטימען פאַר אַלע װאַל־ליסטעס — אידישע און ניט אידישע. די 58,034 שטימען ,װאָס די אידישע פּאַרטײען האָבן באַקומען אין די גאַליציש װאַל־קרײזן, מאַכן אױס בנוגע דער אַלגעמײנער צאָל שטימען אין די דאָזיגע קרײזן — 979.099 — נאָר 5,93 פּראָצענט.

די סײם־װאַלן אין פאַרגאַנגענעם 1922־טן יאָר זײנען שױן פאָרגעקומען באַ מער רוהיגע אומשטענדן, אײדער די ערשטע סײם־װאַלן. איצט זײנען זײ דורכגעפירט געװאָרן שױן אױף דער גאַנצער טעריטאָריע פון רעפּובליק און זײנען בכלל געװען אָרגאַניזירטער. אין 1922־טן יאָר איז אױך ניט צו באַמערקן יענע כאַאָטישקײט אין די װאַל־ליסטעס, אין די פּאַרטײ־גרופּירונגען א. א. װ., װי דאָס איז געװען אין 1919־טן יאָר, װען אין לאַנד האָט נאָך געהאַלטן אין אײן ברױזן און קאָכן. אױך אידישע ליסטעס זײנען פאַראַן איצט אין אַ קלענערער צאָל. די אידישע בירגערליכע פּאַרטײען, חוץ דער פאָלקס־פּאַרטײ, גײען איצט צו די װאַלן פאַראײניגט מיט די בירגערליכע פּאַרטײען פון די איבעריגע נאַציאָנאַלע מינדערהײטן פון פּױלן. מיט זעלבסטשטענדיגע ליסטעס טרײטן אַרױס די פאָלקס־פּאַרטײ, דער אַלגעמײנער אידישער אַרבעטער־בונד, די לינקע פּועלי־ציון, די „פאַראײניגטע“ און אַנד.

אױב מען זאָל מסכים זײן מיט דער מײנונג, אַז די אידישע בירגערליכע פּאַרטײען פונם נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק געהערט אַ דריטל פון די אַלע שטימען (פון 1,404,259 שטימען), װעלכע דער בלאָק האָט באַקומען, קאָנען די רעזולטאַטן פון די לעצטע סײם־װאַלן פאָרגעשטעלט װערן אױף פאָלגנדיגן אופן:

די איד. פּאַרט. פון נאַצ.־בלאָק

| | | | |
|---|---|---|---|
| האָבן אַצ׳ערך . . . . . . | 470,000 | שטימען | — 54,0% |
| די ציוניסטן פון מזרח־גאַליציע. | 249,802 | „ | — 28,8% |
| דער אַלג. איד. אַרבעטער־בונד. | 81,473 | „ | — 9,4% |
| די פאָלקס־פּאַרטײ . . . . | 53,637 | „ | — 6,2% |
| די לינקע פּועלי־ציון . . . | 14,000 | „ | — 1,6% |
| ס״ה אַצ׳ערך | 868,912 | שטימען | — 100% |

צו דעם דאָזיגן ס״ה מוז מען נאָך צורעכנען די שטימען, װאָס זײנען אָפּגעגעבן געװאָרן פאַר די ליסטעס פון די „פאַראײניגטע“ און פון די צעירי־ציון. זײער צאָל איז אָבער אומבאַדײטנדיג און זי בײט כמעט ניט די פּראָצענטועלע פאַרהעלטנישן, װאָס זײנען דאָ נאָרװאָס אָנגעגעבן געװאָרן.

אין פאַרגלײך מיט 1919־טן יאָר האָבן איצט די אידישע פּאַרטײען באַקומען אומגעפער 350.000 שטימען מער. די סבות פון אַזאַ קאָלאָסאַלן צװאַקס דאַרף מען זוכן אין די איבגאַנגענע געװײזענע מאָמענטן, אין דעם, װאָס אין די לעצטע װאַלן האָבן אָנטײל גענומען פיל מער געגנטן, װי אין 1919, און ניט אין דעם, װאָס די פּאָליטישע אַקטיװקײט פון די אידישע װײלערישע מאַסן זאָל האָבן געשטיגן. מיר װײסן, אַז די אַלגעמײנע צאָל װײלער אין לאַנד איז באַ די לעצטע סײם־װאַלן דערגאַנגען ביז אַכט מיליאָן זיבנהונדערט און קאַרגע דרײסיג טױזנט בשעת אין 1919־טן האָט זי געהאַלטן באַ פינף מיליאָן מיט קאַרגע זעקסהונדערט טױזנט.

די כמות־פאַרהעלטנישן צװישן די אידישע בירגערליכע און אַרבעטער־פּאַרטײען זײנען באַ די לעצטע װאַלן געבליבן דיזעלבע, װי אין 1919־טן יאָר. דעמאָלט באַקומען די בירגערליכע פּאַרטײען 89,1 פּראָצענט פון אַלע שטימען פאַר די אידישע ליסטעס און איצט באַקומען זײ 89,0 פּראָצענט; דעמאָלט האָבן די סאָציאַליסטישע ליסטעס צונױפגעזאַמלט 10,9 פּראָצענט פון אַלע שטימען פאַר די אידישע פּאַרטײען און איצט האָבן זײ 11,0 פּראָצענט פון דער דאָזיגער צאָל.

שטעלט מען קעגנאַנאַנדער די צװײ לאַגערן — דעם בירגערליכן און דעם אַרבעטער לאַגער — האָט זיך די לאַגע ניט געביטן. נעמט מען אָבער יעדער פּאַרטײ באַזונדער און מ׳פאַרגלײכט איר ערפאָלג אין 1919־טן יאָר און אין 1922־טן יאָר, קאָן מען שױן דעמאָלט פעסטשטעלן, אַז אױף דער אידישער גאַס אין פּױלן זײנען פאַר די לעצטע 3 יאָר פאָרגעקומען געװיסע ענדערונגען. די פאָלקס־פּאַרטײ, למשל, האָט אין 1919־טן יאָר באַקומען (נאָר אין די ערטער, װאו זי איז געגאַנגען זעלבסטשטענדיג) 59.229 שטימען און אין 1922־טן יאָר שױן נאָר 53.637 שטימען, דאָס הײסט, אַז זי האָט פאַרלױרן מינימום 5592 שטימען; די פּועלי־ציון האָבן פונם 1919־טן יאָר ביזן 1922־טן פאַרלױרן העכער 50 פּראָצענט שטימען — אנשטאָט 28.014 שטימען אין 1919 האָבן זײ איצט באַקומען סך־הכל 14.000; אַצ׳ערך 7000 שטימען האָבן פאַרלױרן די „פאַראײניגטע“. זײ האָבן אין 1922 באַקומען בלױז 1000 מיט עפּעס שטימען, בשעת באַ די ערשטע װאַלן האָבן זײ צוזאַמענגעקליבן 8863 שטימען. דערפאַר האָט אָבער דער „בונד“ באַקומען אַ גאַנץ באַדײטנדיגן צװאַקס. די לעצטע װאַלן האָבן אים געגעבן 81.473 שטימען,אנשטאָט די 18.351 שטימען, װאָס ער האָט אין פאַרשידענע ערטער צונױפגענומען אין 1919־טן יאָר. דאָס איז אַ צװאַקס פון 63.116 שטימען, ד. ה. אַ פאַרגרעסערונג אױף קאַרגע פיר־און־אַלבן מאָל.

אָט האָבן מיר נאָך בולטערע ציפערן. מירן פאַרגלייכן די צאָל שטימען, וואָס דער „בונד“ האָט באַקומען אין 1922 אין די וואַל־באַצירקן וואַרשע־שטאָט, ביאַליסטאָק, לאָדז־שטאָט, לובלין, לעמבערג־שטאָט, סטאַניסלאַוו און פּינסק און די צאָל שטימען, וואָס די לינקע פּועלי־ציון האָבן דאָרט באַקומען.

| נאָמען פון וואַל־באַצירק | צאָל שטימען פאַרן אַלגע־מיינעם אידי־שען אַרבע־טער בונד | צאָל שטימען פאַר די לינקע פּועלי־ציון | % פון די פּועלי־ציו־ניסטישע שטימען בנו־גע די בונדי־סטישע |
|---|---|---|---|
| וואַרשע־שטאָט . . . . . . . | 18986 | 1208 | 6,4 |
| ביאַליסטאָק . . . . . . . | 5545 | — | — |
| לאָדז־שטאָט . . . . . . . | 12192 | 2621 | 21,5 |
| לובלין . . . . . . . . . | 4706 | 357 | 7,6 |
| לעמבערג־שטאָט . . . . . | 3491 | 303 | 8,7 |
| סטאַניסלאַוו . . . . . . . | 3582 | 73 | 2,0 |
| פּינסק . . . . . . . . . | 2302 | 287 | 12,5 |
| אין אַלע 7 באַצירקן . | 50804 | 4849 | 9,5 |

ס׳באַקומט זיך אויף אַזאַ אופן, אַז די פּועלי־ציוניסטישע שטימען האָבן כמעט אומעטום אויסגעמאַכט אַ קליינעם פּראָצענט פון די בונדיסטישע. אין אַלגעמיין מאַכן איצט אויס די פּועלי־ציוניסטישע שטימען אַ׳ערך 17 פּראָצענט פון די בונדיסטישע. פאַרקערט, אין 1919־טן יאָר האָבן די פּועלי־ציון געהאַט אויף 34,5 פּראָצענט מער שטימען, איידער די בונדיסטישע גרופּעס.

מיר גייען איבער צו די אידישע דעפּוטאַטן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אין סיים בײַ די לעצטע וואַלן. — וויפיל זיינען זיי פאַראַן און צו וואָסערע פּאַרטייען געהערן זיי?

צווישן אַלע 444 דעפּוטאַטן פון דעם ניי־געוויילטן סיים זיינען פאַראַן אידישע דעפּוטאַטן — 35, ד. ה. 7,9 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל. אַז מ׳זאָל נאָך צורעכענען די דריי אידן־דעפּוטאַטן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אין סיים אויף דער ליסטע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), האָבן מיר אינם איצטיקן סיים 38 אידן־דעפּוטאַטן, ד. ה. שוין 8,6 פּראָצענט פונם גאַנצן סיים.

34 פון די אידישע דעפּוטאַטן זיינען דורכגעגאַנגען אויף דער ליסטע פון דעם נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק. 13 פון זיי — 38 פּראָצ. — גייען אַריין אין פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב פון אידישן נאַציאָנאַל־ראַט; 15 ד. ה. 44 פּראָצענט — גייען אַריין אין פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב פון די מזרח־גאַליציִשע אידן; 5 דעפּוטאַטן, ד. ה. 15 פּראָצ. — געהערן צום פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב פון אגודת שלומי אמוני ישראל און 1 דעפּוטאַט, ד. ה. 3 פּראָצענט, געהערט צום פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב פונם צענטראַלן אידישן סוחרים־פאַראיין.

לויט זייער פּאַרטיי־אָנגעהעריגקייט טיילן זיך די 35 אידישע דעפּוטאַטן אויף:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ציוניסטן . . . . . . . | 15 — | דאָס מאַכט אויס | 42,8 פּראָצ. |
| מזרחי . . . . . . . . | 6 — | „ „ „ | 17,1 „ |
| שלומי א״י . . . . . . | 6 — | „ „ „ | 17,1 „ |
| התאחדות . . . . . . . | 3 — | „ „ „ | 8,6 „ |
| פּועלי־ציון *) . . . . . . | 1 — | „ „ „ | 2,9 „ |
| פאָלקיסטן . . . . . . . | 1 — | „ „ „ | 2,9 „ |
| אומפּאַרטייאישע . . . . | 3 — | „ „ „ | 8,6 „ |
| סך־הכל 35 דעפּוטאַטן | — | | 100,0 פּראָצ. |

*) דורכגעגאַנגען אויף דער ליסטע פון נאַציאָנאַליטעטן בלאָק.

ועהר אינטערעסאַנט איז צו וויסן, וואָס פאַר אַן אַקטיוויטעט האָבן די אידישע מאַסן אין פּוילן אַרויסגעוויזן בשעת די סיים־וואַלן? אַזעלכע ציפערן, וואָס וואָלטן געגעבן אַ׳ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע, זיינען פאַראַן דערווייל נאָר וועגן די וואַלן אין 1919־טן יאָר. מיר ברייַנגען זיי אין אונזער טאַבעלע II, אַרויסגענומען פון דער פּוילישער אָפיציעלער סטאַטיסטישער אויסגאַבע.

די ציפערן נעמען אַרום די וואַל־קרייזן: וואַרשע־שטאָט, לאָדז־שטאָט, לאָדז־קרייז אָן דער שטאָט לאָדז און אויך דעם קוטנער וואַל־קרייז. כדי בולטער מאַכן די רעזולטאַטן, האָבן מיר אויסגעטיילט פונם גאַנצן וואַל־קרייז וואַרשע־שטאָט די וואַל־באַצירקן, וואו די באַפעלקערונג באַשטייט אויף 50 און מער פּראָצענט פון אידן. אינם וואַל־קרייז לאָדז־קרייז אָן דער שטאָט לאָדז האָבן מיר אויסגעטיילט די וואַל באַצירקן מיט אַ גרעסערער אידישער באַפעלקערונג — בושעושין, טאָמאַשאָוו, פּאַביאַניצאַ און זגיערזש, און אין קוטנער וואַל־קרייז — די שטאָט קוטנאָ.

די טאַבעלע ווייזט אַרויס נוואַלדיג וויכטיגע און אינטערעסאַנטע פאַקטן.

קודם כל זעהען מיר דאָ, אַז די אידישע שטים־באַרעכטיגטע באַפעלקערונג האָט אין יעדן פון די אויסגערעכנטע וואַל־קרייזן און באַצירקן, חוץ אין קוטנער וואַל־באַצירק (די שטאָט קוטנאָ), — געשטימט אין אַ קלענערן פּראָצענט, איידער די ניט־אידישע שטים־באַרעכטיגטע באַפעלקערונג.

ס׳האָבן געשטימט:

| | פון אַלע שטים־באַרעכטיגטע אידן | ניט־אידן |
|---|---|---|
| אין וואַל־קרייז וואַרשע־שטאָט . . . | 55,68% | 75,39% |
| „ „ לאָדז־שטאָט . . . . | 73,95% | 81,92% |
| „ „ לאָדז־קרייז (אָן לאָדז) . | 72,06% | 84,94% |
| „ „ קוטנאָ . . . . . . . | 80,09% | 86,05% |

דאָרט, וואו די אידישע מאַסן וואָלטן, דאַכט זיך, באַדאַרפט זיין אַם אַקטיווסטן — אין וואַרשע —, דאָרט איז דער פּראָצענט פון דער אידישער שטים־באַרעכטיגטער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך באַטייליגט אין די וואַלן, געווען אַ סך קלענער, ווי אין אַלע אַנדערע וואַל־קרייזן. אפילו אין יענע וואַל־באַצירקן פון וואַרשע, וואו די באַפעלקערונג באַשטייט אויף גאַנצע 50 און נאָך מער פּראָצענט פון אידן, איז דער אַבסענטעאיזם צווישן די אידישע וויילער געווען אַ גרעסערער, איידער בײַ די ניט־אידישע וויילער.

די אידישע פרויען האָבן אומעטום גענומען אַ קלענערן אָנטייל אין די וואַלן, איידער די אידישע מענער.

ס׳האָבן געשטימט:

| | פון אַלע שטים־באַרעכטיגטע אידישע מענער | פרויען |
|---|---|---|
| אין וואַל־קרייז וואַרשע־שטאָט . . . | 63,80% | 49,00% |
| „ „ לאָדז־שטאָט . . . . | 78,61% | 69,68% |
| „ „ לאָדז־קרייז (אָן לאָדז) . | 76,90% | 67,38% |
| „ „ קוטנאָ . . . . . . . | 83,52% | 76,78% |

די אידישע פרויען האָבן גענומען אין די וואַלן אַ סך קלענערן אָנטייל אַפילו פון די ניט־אידישע פרויען. מיר זעהען, אַז ס׳האָבן געשטימט:

טאַבעלע II

# דער אבסטענטעאיזם באַ דער אידישער און ניט־אידישער באַפעלקערונג

## בשעת די וואַלן צום פוילישן סיים אין 1919 יאָר

**Die Wahlenthaltung der Juden und Nicht-Juden bei den Wahlen zum polnischen Seim im Jahre 1919**

| וואַל־קרייז און גלויבן | | אינגאַנצן: האָבן געהאַט שטים־רעכט | אינגאַנצן: האָבן געוויילט: אַבסאָלוטע צאָל ווילער | אינגאַנצן: האָבן געוויילט: % [illegible] | מענער: האָבן געהאַט שטים־רעכט | מענער: האָבן געוויילט: אַבסאָלוטע צאָל | מענער: האָבן געוויילט: % [illegible] | פרויען: האָבן געהאַט שטים־רעכט | פרויען: האָבן געוויילט: אַבסאָלוטע צאָל | פרויען: האָבן געוויילט: % [illegible] |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| XIV. וואַרשע | גאַנץ וואַרשע | 428907 | 295250 | 68,84 | 180719 | 129155 | 71,47 | 248188 | 166095 | 66,92 |
| | ניט־אידן | 286363 | 215885 | 75,39 | 116368 | 88101 | 75,71 | 169995 | 127784 | 75,17 |
| | אידן | 142544 | 79365 | 55,68 | 64351 | 41054 | 63,80 | 78193 | 38311 | 49,00 |
| וואַרשעווער וואַל־באַצירקען, וואו די באַפעלקערונג באַשטייט אויף 50 און מער פראָצענט פון יידן | אינגאַנצן | 120563 | 70515 | 58,49 | 52981 | 34882 | 65,84 | 67582 | 35633 | 52,73 |
| | ניט־אידן | 23853 | 17336 | 72,68 | 9454 | 7079 | 74,88 | 14399 | 10257 | 71,23 |
| | אידן | 96710 | 53179 | 54,99 | 43527 | 27803 | 63,87 | 53183 | 25376 | 47,71 |
| XII. לאָדז (שטאָט) | גאַנץ לאָדז | 193854 | 153861 | 79,37 | 85512 | 69227 | 80.96 | 108342 | 84634 | 78,12 |
| | ניט־אידן | 131795 | 107970 | 81,92 | 55861 | 45917 | 82,20 | 75934 | 62053 | 81,72 |
| | אידן | 62059 | 45891 | 73,95 | 29651 | 23310 | 78,61 | 32408 | 22581 | 69,68 |
| XIII. לאָדז (קרייז אָן דער שטאָט) | דער גאַנצער וואַל־קרייז | 173731 | 144903 | 83,41 | 83507 | 71632 | 85,78 | 90224 | 73271 | 81,21 |
| | ניט־יידן | 152989 | 129956 | 84,94 | 73309 | 63790 | 87,02 | 79680 | 66166 | 83,04 |
| | אידן | 20742 | 14947 | 72,06 | 10198 | 7842 | 76,90 | 10544 | 7105 | 67,38 |
| פאוויאטן פון לאָדזער (XIII) וואַל־קרייז: בזשעזשין | אינגאַנצן | 4939 | 3445 | 69,75 | 2272 | 1657 | 72,93 | 2667 | 1788 | 67,04 |
| | ניט־אידן | 2796 | 1993 | 71,28 | 1244 | 915 | 73,55 | 1552 | 1078 | 69,46 |
| | אידן | 2143 | 1452 | 67,76 | 1028 | 742 | 72,18 | 1115 | 710 | 63,68 |
| סאָמאַשאָוו | אינגאַנצן | 14638 | 9668 | 66,05 | 6534 | 4509 | 69,01 | 8104 | 5159 | 63,66 |
| | ניט־אידן | 9527 | 6749 | 70,84 | 4085 | 2953 | 72,29 | 5442 | 3796 | 69,75 |
| | אידן | 5111 | 2919 | 57,11 | 2449 | 1556 | 63,54 | 2662 | 1363 | 51,20 |
| פאַביאַניץ | אינגאַנצן | 14143 | 12400 | 87,68 | 6374 | 5628 | 88,30 | 7769 | 6772 | 87,17 |
| | ניט־אידן | 11265 | 9925 | 88,10 | 4942 | 4356 | 88,14 | 6323 | 5569 | 88,08 |
| | אידן | 2878 | 2475 | 86,00 | 1432 | 1272 | 88,83 | 1446 | 1203 | 83,20 |
| זגיערזש | אינגאַנצן | 11680 | 9115 | 78,04 | 5043 | 3964 | 78,60 | 6637 | 5151 | 77,61 |
| | ניט־אידן | 9618 | 7588 | 78,89 | 4118 | 3258 | 79,12 | 5500 | 4330 | 78,73 |
| | אידן | 2062 | 1527 | 74,05 | 925 | 706 | 76,32 | 1137 | 821 | 72,21 |
| IX. קוטנאָ | אינגאַנצן | 144465 | 123450 | 85,45 | 70001 | 61621 | 88,03 | 74464 | 61829 | 83,03 |
| | ניט־אידן | 129989 | 111856 | 86,05 | 62877 | 55672 | 88,54 | 67112 | 56184 | 83,71 |
| | אידן | 14476 | 11594 | 80,09 | 7124 | 5949 | 83,52 | 7352 | 5645 | 76,78 |
| אין דער שטאָט קוטנאָ | אינגאַנצן | 7847 | 6363 | 81,09 | 3714 | 3075 | 82,79 | 4133 | 3288 | 79,55 |
| | ניט־אידן | 4689 | 3760 | 80,19 | 2122 | 1709 | 80,54 | 2567 | 2051 | 79,90 |
| | אידן | 3158 | 2603 | 82,43 | 1592 | 1366 | 85,80 | 1566 | 1237 | 78,99 |

| | פון אלע שטים־בארעכטיגטע אידישע | ניט־אידישע פרויען |
|---|---|---|
| אין וואל־קרייז ווארשע־שטאט . . | 49,00% | 75,17% |
| „ „ לאדז־שטאט . . . | 69,68% | 81,72% |
| „ „ לאדז־קרייז (אן לאדז). | 67,38% | 83,04% |
| „ „ קוטנא . . . . . | 76,78% | 83,71% |

און מיר זעהען נאך א מערקווירדיגן פאקט — אז די אידישע מענליכע שטים־בארעכטיגטע באפעלקערונג האט גענומען אין די וואלן א קלענערן אנטייל ניט נאר פון דער מענליכער ניט־אידישער באפעלקערונג, נאר אפילו פון דער ווייבליכער ניט־אידישער באפעלקערונג. דעם דאזיגן וויכטיגן פאקט ווייזט אונז ארויס די פאלגנדיגע ציפערן:

ס׳האבן געשטימט:

| | פון אלע שטים־בארעכטיגטע איד. מענער | ניט־איד. פרויען |
|---|---|---|
| אין וואל־קרייז ווארשע־שטאט . . | 63,80% | 75,17% |
| „ „ לאדז־שטאט . . . | 78,61% | 81,72% |
| „ „ לאדז־קרייז (אן לאדז) | 76,90% | 83,04% |
| „ „ קוטנא . . . . . | 83,52% | 83,71% |

מיט וואס ערקלערט זיך דער דאזיגער פאקט? געוויס קאן מען ניט זאגן, אז די אידישע מאסן אין פוילן זיינען פאליטיש בכלל ניט אזוי אקטיוו, ווי די ניט־אידישע מאסן. מ׳קאן בשום אופן ניט זאגן, אז די אידישע ווייבליכע באפעלקערונג איז אפגעשטאנענער פון דער ניט־אידישער ווייבליכער באפעלקערונג. ניכער פון אלץ איז דאס א רעזולטאט פון טעראר, וועלכן דער אידישער באפעלקערונג איז אויסגעקומען אויסצושטיין בא די וואלן מצד די פוילישע שאוויניסטישע נאציאנאליסטישע עלעמענטן.

# די אידן אין ארץ־ישראל

## ד״ר י. לעוויטא

## Die Juden in Palästina von Dr. J. Levita

די ציילונג פון 1922 איז די איינציגע ציילונג, וואס איז אין דער צייט דורכגעפירט געווארן אין ארץ־ישראל אויף א נאציאנאלן אופן. די רעזולטאטן פון דער דאזיגער ציילונג גיבן אונז צום ערשטן מאל א אומגעפער מער אדער ווייניג ריכטיג בילד וועגן דער גרויס פון דער באפעלקערונג אין גאנצן לאנד און אין איינצעלנע שטעט און איר פארטיילונג לויט איינצעלנע טיילן פון לאנד, און לויט די אמונות. דא גיבן מיר די וויכטיגסטע טאבעלעס פון דער אפיציעלער ענגלישער אויסגאבע וועגן די רעזולטאטן פון דער ציילונג:

**Gouvernement of Palestine-Departament of Commerce and Industrie Vol. III № 27 21 Jan. 1923. Jerusalem Palestine Census Deport 1922**

פון אלע 757182 איינוואוינער, וועלכע די ציילונג האט ארומגענומען, מאכן אויס:

| | | | |
|---|---|---|---|
| די מאהאמעדאנער | 590890 נפשות, | ד. ה. 78,04 פראצ. | |
| „ אידן . . . | 83794 „ | „ 11,07 | „ |
| „ קריסטן . . | 73024 „ | „ 9,64 | „ |
| „ אנדערע*) . | 9474 „ | „ 1,25 | „ |

לויט דער אזוי ארום אפיציעלער סטאטיסטיק שטעלן מיט זיך פאר די אידן א ניינט חלק פון דער גאנצער באפעלקערונג און נייען אויפ׳ן ערשטן ארט באלד נאך די מאהאמעדאנער. די די שומרונים וואלטן אין גאנץ צעזייטע גרופן אינ׳ם

## טאבעלע I.

אמונות און אדמיניסטראציע־דיסטריקטן (אבסאלוטע צאלן)

**Religionen und Verwaltungsbezirke**

| דיסטריקטן | צוזאמענגענומען | פון זיי זיינען: אידן | מאהאמעדאנער | קריסטן |
|---|---|---|---|---|
| **דרום־דיסטריקט:** | | | | |
| סובדיסטריקט עזה . . . . . | 72095 | 330 | 70950 | 812 |
| „ חברון . . . | 53571 | 430 | 58068 | 73 |
| „ באר־שבע . . | 75254 | 98 | 74910 | 285 |
| ס״ה . | 200920 | 858 | 198928 | 1120 |
| **ירושלימער דיסטריקט:** | | | | |
| סובדיסטריקט ירושלים . . . | 91272 | 34431 | 40850 | 15496 |
| „ ראמאללא . . | 30005 | 7 | 24168 | 5830 |
| „ בית־לחם . . | 24613 | 2 | 14428 | 10183 |
| „ יריחו. . . . | 1919 | 6 | 1769 | 144 |
| ס״ה . | 147809 | 34446 | 81215 | 31653 |
| **יפו׳ער דיסטריקט:** | | | | |
| סובדיסטריקט יפו . . . . | 65314 | 24138 | 33893 | 7275 |
| „ רמלה . . . | 49075 | 3933 | 40225 | 3757 |
| ס״ה . . | 114389 | 28071 | 74118 | 11032 |
| **שומרון׳ער דיסטריקט:** | | | | |
| סובדיסטריקט שכם . . . . | 56695 | 17 | 55444 | 1085 |
| „ עין גנים . . . | 33584 | 7 | 32651 | 661 |
| „ טול־כרם . . . | 34972 | 23 | 34676 | 263 |
| „ בית־שאן . . | 10679 | 700 | 9682 | 297 |
| ס״ה . | 135880 | 747 | 132453 | 2306 |
| **צפון־דיסטריקט:** | | | | |
| סובדיסטריקט חיפה . . . . | 56457 | 8745 | 34528 | 11107 |
| „ עכו . . . . | 35535 | 144 | 24925 | 6194 |
| „ נצרת . . . . | 22681 | 700 | 14936 | 7043 |
| „ טבריה . . . | 20721 | 6239 | 12481 | 1316 |
| „ צפת . . . . | 22790 | 3844 | 17306 | 1253 |
| ס״ה . | 158184 | 19672 | 104176 | 26913 |
| אלגעמיינע צאל . . | 757182 | 83794 | 590890 | 73024 |

*) אהער גייען אריין:

| | | | |
|---|---|---|---|
| דרוזן . . . | 7028 | ד. ה. 0,93 פראצ. | פון דער גאנצער באפעלקערונג |
| הינדוס . . | 1454 „ „ | 0,19 „ | „ „ „ „ „ |
| שומרונים . | | | |
| באהאיאים. | 265 „ „ | 0,64 „ | „ „ „ „ „ |
| מעטאוילער | 156 „ „ | 0,02 „ | „ „ „ „ „ |
| סיקליטער . | 408 „ „ | 0,05 „ | „ „ „ „ „ |
| סך הכל | 9474 | ד. ה. 1,25 פראצ. | פון דער גאנצער באפעלקערונג |

## טאַבעלע II

# די פאַרטיילונג פון די איינצעלנע אמונות לויט פאַרשיידענע אַדמיניסטראַציע־דיסטריקטן

**Die Verteilung der Bevölkerung in Palästina nach der Religion auf Verwaltungsbezirke.**

| דיסטריקט און סובדיסטריקט | פון יעדע הונדערט איינוואוינער זיינען: | | | פון יעדע הונדערט וואוינען אין דיסטריקט | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | אידן | מאַהמעדאַנער | קריסטן | אידן | מאַהמעדאַנער | קריסטן |
| **דרום־דיסטריקט:** | | | | | | |
| סובדיסטריקט עזה . . . . . . | 0,45 | 98,41 | 1,12 | 0,39 | 12,01 | 1,11 |
| „ חברון . . . . . . . | 0,80 | 99,06 | 0,13 | 0,51 | 8,98 | 0,09 |
| „ באר־שבע . . . . . | 0,13 | 99,54 | 0,31 | 0,11 | 12,67 | 0,32 |
| ס"ה . . | 0,43 | 99,00 | 0,55 | 1,01 | 33,66 | 1,53 |
| **ירושלימער דיסטריקט:** | | | | | | |
| סובדיסטריקט ירושלים . . . . . | 37,72 | 44,75 | 16,97 | 41,09 | 6,91 | 21,22 |
| „ ראמאללא . . . . . | 0,02 | 80,54 | 19,43 | 0,01 | 4,08 | 7,98 |
| „ בית־לחם . . . . . | 0,01 | 58,62 | 41,37 | 0,002 | 2,44 | 13,94 |
| „ יריחו . . . . . . | 0,31 | 92,18 | 7,50 | 0,01 | 0,29 | 0,19 |
| ס"ה . . | 23,81 | 54,94 | 21,41 | 41,11 | 13,74 | 43,34 |
| **יפוער דיסטריקט:** | | | | | | |
| סובדיסטריקט יפו . . . . . . | 36,95 | 51,89 | 11,13 | 28,80 | 5,73 | 9,96 |
| „ רמלה . . . . . . . | 8,02 | 81,97 | 7,65 | 4,69 | 6,81 | 5,14 |
| ס"ה . . | 24,54 | 64,79 | 9,64 | 33,49 | 12,54 | 15,10 |
| **שומרון'ער דיסטריקט:** | | | | | | |
| סובדיסטריקט שכם . . . . . . | 0,003 | 97,78 | 19,13 | 0,02 | 9,38 | 1,48 |
| „ עין גנים . . . . . | 0,22 | 97,36 | 19,71 | 0,01 | 5,52 | 0,90 |
| „ טול־כרם . . . . . | 0,07 | 99,69 | 0,75 | 0,03 | 58,68 | 0,36 |
| „ בית־שאן . . . . . | 6,56 | 90,66 | 2,78 | 0,83 | 1,64 | 0,40 |
| ס"ה | 0,55 | 97,47 | 16,97 | 0,89 | 22,41 | 3,15 |
| **צפון־דיסטריקט:** | | | | | | |
| סובדיסטריקט חיפה . . . . . | 15,48 | 61,16 | 19,67 | 10,43 | 5,84 | 15,21 |
| „ עכו . . . . . . . | 0,40 | 70,14 | 17,43 | 0,17 | 4,22 | 8,48 |
| „ נצרת . . . . . . | 3,08 | 65,85 | 31,05 | 0,85 | 2,53 | 9,64 |
| „ טבריה . . . . . . | 30,10 | 60,23 | 6,35 | 7,44 | 2,11 | 1,80 |
| „ צפת . . . . . . | 16,87 | 75,93 | 5,49 | 4,59 | 2,93 | 1,71 |
| ס"ה . . | 12,43 | 65,85 | 17,01 | 23,51 | 17,63 | 36,85 |
| אַלגעמיינע צאָל . . | 11,07 | 78,06 | 9,64 | 100,00 | 100,00 | 100,00 |

דיסטריקט שומרון — 155 נפשות, — פון די וואוינען 147 אינ'ם סובדיסטריקט שכם (נאַבלוס).

די אַבסאָלוטע מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג — גאַנצע 80,32 פראָצענט — געפינט זיך אין די דריי סובדיסטריקטן — ירושלים, יפו און חיפה. אינ'ם גאַנצן איבריגן לאַנד ד. ה. אין אַלע איבריגע שטעט און קאָלאָניעס, וואוינט אַלזאָ אַרום און אַרום איין פינפטל פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג (19,68 פראָצענט). אין ירושלים, יפו, חיפה, טבריה, צפת און רמלה, וואו ס'וואוינט שוין כמעט די גאַנצע אידישע באַ־פעלקערונג (97,04 פראָצענט) פון ארץ־ישראל וואוינען: פון אַלע קריסטן — נאָר אַ העלפט (55,04 פראָצ.), פון אַלע מאַה־מעדאַנער — ס'ה אומגעפער אַ דריטעל — (30,33 פראָצענט). פון דעם אַליין איז שווער צו דרינגען, אַז דער פראָצענט פון די אידן בנוגע דער אַלגעמיינער צאָל איינוואוינער איז ניט אומעטום דערזעלביגער. אַמגרעסטען איז ער אין דעם ירושלים'ער און יפוער דיסטריקט. דאָ מאַכן די אידן אויס כמעט אַ פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, וואָס וואוינט דאָ, אין יפוער דיסטריקט — 24,54 פראָצענט און אין ירושלים'ער דיסטריקט — 23,31. אָבער אין די גרעניצן פון די דאָזיגע צוויי דיסטריקטן גיבן נאָר די סובדיסטריקטן ירושלים און יפו דעם גרעסטן פראָצענט אידן. (ירושלים 37,72 פראָצ. און יפו 36,95 פראָצ.) — אַ קאַרג דריטעל (30,10) פון דער גאַנצער באַפעלקערונג מאַכן אויס די

אידן אין סובדיסטריקט טבריה. 16—15 פראצ. פון דער באַפעלקערונג מאַכן זיי אויס נאָר אין צוויי סובדיסטריקטן — צפת (15,48) און חיפה (16,87). אין דעם נרעסטן טייל סובדיסטריקטן מאַכן זיי נים אויס אפילו איינם פראָצענט. אינ'ם שומרונער און דרום'דינן דיסטריקט וואוינען נאָר ווייניג אידן, סך-הכל איןביידע באַ א 1600 נפשות. דעריבער איז אויך דער פראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַט די דיסטריקטן אויסערגעוויינליך קליין, דהיינו 0,43 אינ'ם דרום'דינן און 0'55 אינ'ם שומרונער דיסטריקט. דאָ איז פאַראַן נאָר אין דיסטריקט בית-שאן, וואו די אידן באַטרעפן 6,56 פראָצענט.

אין דער פאָלגנדינער טאַבעלע ווערן געגעבן די צאָל פון דער אידישער, מחמעדאַנישער און קריסטליכער באַפעלקערונג אין די שטעט פון ארץ-ישראל:

טאַבעלע III

## די באפעלקערונג אין די שטעט פון ארץ־ישראל לויט געשלעכט און אמונה

(אַבסאָלוטע צאָלן)

**Die Bevölkerung in den Städten Palästinas nach Religion und Geschlecht**

| שטעט | אַלגעמיינע באַפעלקערונג | | | אידן | | | מאַחמעדאַנער | | | קריסטן | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | מענער | פרויען | ס"ה | מ׳ | פ׳ | ס"ה | מ׳ | פ׳ | ס"ה | מ׳ | פ׳ | ס"ה |
| ירושלים . . . . . . . | 32611 | 29967 | 62578 | 16713 | 17258 | 33971 | 7804 | 5609 | 13413 | 7601 | 7098 | 14699 |
| יפו . . . . . . . . | 25685 | 22024 | 47709 | 11075 | 9077 | 20152 | 11154 | 9545 | 20699 | 3451 | 3399 | 6850 |
| חיפה . . . . . . . . | 13293 | 11341 | 24634 | 3426 | 2804 | 6230 | 5372 | 4005 | 9377 | 4406 | 4457 | 8862 |
| עזה . . . . . . . . | 9036 | 8444 | 17480 | 38 | 16 | 54 | 8636 | 8086 | 16722 | 359 | 342 | 701 |
| חברון . . . . . . . | 8490 | 8087 | 16577 | 175 | 255 | 430 | 8278 | 7796 | 16074 | 37 | 36 | 73 |
| שכם . . . . . . . . | 8116 | 7931 | 15947 | 16 | — | 16 | 7733 | 7505 | 15238 | 291 | 253 | 544 |
| צפת . . . . . . . . | 4149 | 4612 | 8761 | 1345 | 1641 | 2986 | 2641 | 2790 | 5431 | 162 | 181 | 343 |
| לוד . . . . . . . . | 4274 | 3829 | 8103 | 9 | 2 | 11 | 3751 | 3415 | 7166 | 514 | 412 | 926 |
| נצרת . . . . . . . . | 3592 | 3832 | 7424 | 37 | 16 | 53 | 1234 | 1252 | 2486 | 2321 | 2564 | 4885 |
| רמלה . . . . . . . . | 3802 | 3430 | 7312 | 23 | 12 | 35 | 3104 | 2733 | 5837 | 755 | 685 | 1440 |
| טבריה . . . . . . . | 3401 | 3539 | 6950 | 2143 | 2284 | 4427 | 1065 | 1031 | 2096 | 200 | 222 | 422 |
| בית־לחם . . . . . . | 3077 | 3581 | 6658 | — | 2 | 2 | 445 | 373 | 818 | 2632 | 3206 | 5838 |
| עכו . . . . . . . . | 3236 | 3184 | 6420 | 39 | 39 | 78 | 2523 | 2360 | 4883 | 608 | 736 | 1344 |
| מגדל . . . . . . . . | 2563 | 2584 | 5097 | — | — | — | 2545 | 2519 | 5064 | 18 | 15 | 33 |
| יוניס . . . . . . . . | 1839 | 2051 | 3890 | 1 | — | 1 | 1826 | 2040 | 3866 | 12 | 11 | 23 |
| טול־כרם . . . . . . | 1754 | 1596 | 3350 | 23 | — | 23 | 1621 | 1488 | 3109 | 104 | 104 | 208 |
| ראמאללא . . . . . . | 1485 | 1619 | 3104 | 4 | 3 | 7 | 97 | 24 | 121 | 1384 | 1588 | 2972 |
| עין־גנים . . . . . . | 1504 | 1138 | 2637 | 7 | — | 7 | 1195 | 1112 | 2307 | 87 | 21 | 108 |
| באר־שבע . . . . . . | 1348 | 1008 | 2356 | 65 | 33 | 98 | 1126 | 886 | 2012 | 146 | 89 | 235 |
| שפע־עמר . . . . . . | 1154 | 1134 | 2288 | — | — | — | 347 | 276 | 623 | 608 | 655 | 1263 |
| בית־שאן . . . . . . | 1052 | 889 | 1941 | 35 | 6 | 41 | 900 | 787 | 1687 | 117 | 96 | 213 |
| אין אַלע שטעט צוזאמען | 135551 | 125665 | 261216 | 35174 | 33448 | 68622 | 73397 | 65636 | 139038 | 25813 | 26170 | 51983 |

דאָס פאַרגלייכן דעם סך-הכל פון דער דאָזיגער טאַבעלע מיטן סך-הכל פון טאַבעלע I ווייזט, אַז פון יעדע הונדערט נפשות פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג האָבן אין די שטעט געוואוינט 34,5 נפשות, ד. ה. אַביסל מער ווי אַ דריטל. דעריבער ווייזט זיך נאָך אַרויס פאָלגנדעס:

ס'האָבן געוואוינט אין די שטעט:

פון יעדע 100 מאַחמעדאַנער 23,5 נפשות.

פון יעדע 100 קריסטן 71,2 נפשות.

פון יעדע 100 אידן 81,9 נפשות.

אין די פינף שטעט: ירושלים, יפו, חיפה, טבריה און צפת געפינען זיך 67.766 נפשות, ד. ה. 80,9 פראָצענט פון דעם גאַנצן אידישן ישוב אין ארץ-ישראל. אין איין ירושלים אליין ווינען קאָנצענטרירט 41 פראָצענט פון אַלע ארץ-ישראל'דיגע אידן. אָבער אין קיין שטאָט שטעלן מיט זיך נים פאָר די אידן אַן אַבסאָלוטע מערהיים, חוץ איין ירושלים, וואו די אידן מאַכן אויס 54,3 פראָצענט, די קריסטן 23,5 און די מאַחמעדאַנער 21,4 און אין טבריה, וואו די אידן מאַכן אויס 63,69 פראָצענט.

דער געשלעכט צוזאַמענשטעל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און פון די אָנגעהעריגע פון די איינצעלנע אמונות שטעלט זיך פאָר אויף אַזאַ מין אופן:

### טאבעלע IV
## דער געשלעכט־צונויפשטעל פון דער באפעלקערונג אין ארץ ישראל
**Der Geschlechtsaufbau der Bevölkerung in Palästina**

| דיסטריקטן | אלגעמיינע באפעלקערונג | | אידן | | מאהמעדאנער | | קריסטן | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | מענער | פרויען | מ. | פ. | מ. | פ. | מ. | פ. |
| **דרום־דיסטריקט:** | | | | | | | | |
| סובדיסטריקט עזה . . . . . . . . | 32245 | 35850 | 195 | 135 | 35621 | 35329 | 426 | 386 |
| „ חברון . . . . . . . | 27357 | 26214 | 175 | 255 | 27145 | 25923 | 37 | 36 |
| „ באר־שבע . . . . . . | 38453 | 36800 | 65 | 33 | 38231 | 36769 | 146 | 89 |
| ס״ה . . . | 102055 | 98865 | 435 | 423 | 109197 | 97931 | 609 | 511 |
| **ירושלים׳ער דיסטריקט:** | | | | | | | | |
| סובדיסטריקט ירושלים . . . . . . | 46920 | 44357 | 16948 | 17483 | 21581 | 19269 | 7898 | 7598 |
| „ ראמאללא . . . . . . | 14821 | 1584 | 4 | 3 | 12080 | 12088 | 2737 | 3093 |
| „ בית־לחם . . . . . . | 11366 | 13247 | — | 2 | 6776 | 7652 | 4590 | 5593 |
| „ יריחו . . . . . . . . | 1077 | 842 | 3 | 3 | 986 | 783 | 88 | 56 |
| ס״ה . . . | 74184 | 73625 | 16955 | 17491 | 41423 | 39792 | 15313 | 16340 |
| **יפו׳ער דיסטריקט:** | | | | | | | | |
| סובדיסטריקט יפו . . . . . . . . | 34881 | 30433 | 13333 | 10805 | 17880 | 16013 | 3663 | 3612 |
| „ רמלה . . . . . . . . | 27145 | 21930 | 2108 | 1825 | 21350 | 18875 | 2527 | 1230 |
| ס״ה . . . | 62026 | 52363 | 15441 | 12630 | 39230 | 34888 | 6190 | 4842 |
| **שומרונ׳ער דיסטריקט** | | | | | | | | |
| סובדיסטריקט שכם . . . . . . . . | 28465 | 28230 | 17 | — | 27835 | 27609 | 537 | 548 |
| „ עין־גנים . . . . . . | 16697 | 16837 | 7 | — | 16099 | 16652 | 376 | 285 |
| „ טול־כרם . . . . . . | 17719 | 17253 | 23 | — | 17543 | 17132 | 147 | 116 |
| „ בית־שאן . . . . . . | 5618 | 4999 | 454 | 246 | 5060 | 4622 | 166 | 131 |
| ס״ה . . . | 68561 | 67319 | 501 | 246 | 66537 | 65916 | 1226 | 1080 |
| **צפון־דיסטריקט:** | | | | | | | | |
| סובדיסטריקט חיפה . . . . . . . . | 29673 | 26784 | 4677 | 3768 | 18134 | 16394 | 5531 | 5576 |
| „ עכו . . . . . . . . | 17802 | 17733 | 72 | 72 | 12597 | 12328 | 3016 | 3178 |
| „ נצרת . . . . . . . . | 11313 | 11368 | 484 | 216 | 7463 | 7473 | 3365 | 3678 |
| „ טבריה . . . . . . . . | 10432 | 10283 | 3169 | 3070 | 6246 | 6235 | 665 | 651 |
| „ צפת . . . . . . . . | 11066 | 11724 | 1826 | 2018 | 8481 | 8825 | 576 | 677 |
| ס״ה . . . | 80292 | 77892 | 10528 | 9144 | 52921 | 51255 | 13153 | 13760 |
| אלגעמיינע צאל . . | 387118 | 370064 | 48860 | 39934 | 301108 | 289782 | 86491 | 36533 |

גלייכגעוויכט פון ביידע געשלעכטן איז פאראן נור בא קריסטן. דער גרעסטער פראצענט מענער איז בא אידן, וואו אויף 1000 מענער זיינען פאראן נור 910 פרויען. אין די איינצלנע געגנטן זיינען די פארהעלטנישן גאנץ פארשידן. נור אין ירושלים, וואו ס'איז פאראן אכ'אלט איינגעזעסענע אידישע באפעלקערונג, זיינען בא אידן פרויען עפּיס מער פון די מענער: אויף 1000 מענער זיינען פאראן 1032 פרויען. אינ'ם יפו'ער דיסטריקט און אינ'ם צפונדיגן דיסטריקט (וואו ס'געפינט זיך חיפה) איז באדייטנד גרעסער די צאל מענער.

---

### טאבעלע V.
(רעלאטיווע צאלן).

| דיסטריקטן | אויף 1000 מענער זיינען פאראן פרויען בא: | | |
|---|---|---|---|
| | אידן | מאהמעדאנער | קריסטן |
| דרום־דיסטריקט | 972 | 969 | 839 |
| ירושלימער „ | 1032 | 960 | 1067 |
| יפו־ער „ | 818 | 889 | 782 |
| שומרונער „ | 491 | 990 | 881 |
| צפון־ „ | 868 | 968 | 1046 |
| בכלל | 910 | 962 | 1081 |

# סטאַטיסטישע כראָניק

# STATISTISCHE CHRONIK

## I. דעמאָגראַפיע

## די אידן אין ראַטן־רוסלאַנד

## Die Juden in Sowjet-Russland

דער רוסישער סטאַטיסטישער יאָרבוך פאַר 1921 יאָר (Труды Центрального Статистического Управления. Том VIII. Выпуск 3. Статистический Ежегодник 1921. Москва. 1922.) ברייננט פאָלגנדיגע ידיעות וועגן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג אין 27 גובערניעס פון ראַטן־רוסלאַנד.

### דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג אין 27 גובערניעס פון ראַטן־רוסלאַנד

### Die Zusammensetzung der Bevölk. nach der Nationalität in 27 Gouv. Sowjet-Russlands

| | ג ו ב ע ר נ י ע ס | די גאַנצע באַפעלקערונג | די צאָל אידן | % פון די אידן |
|---|---|---|---|---|
| [illegible] | אַרכאַנגעלסקער גוב. | 408 936 | 809 | 0,2 |
| | וולאַדימירער | 1 407 479 | 1 079 | 0,1 |
| | וואָלאָגדער | 911 623 | 1 483 | 0,2 |
| | איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסקער | 633 433 | 655 | 0,1 |
| | קאָסטראָמער | 1 207 132 | 1 146 | 0,1 |
| | מאָסקווער | 1 590 160 | 2 583 | 0,2 |
| | מאָסקווע (שטאָט) | 952 247 | 28 263 | 3,0 |
| | נאָווגאָראָדער | 910 065 | 3 850 | 0,04 |
| | אָלאָנעצקער | 215 896 | 213 | 0,1 |
| | אָרלאָווער | 1 513 197 | 5 882 | 0,4 |
| | פערמער | 1 769 497 | 4 160 | 0,2 |
| | פעטראָגראַד (שטאָט) | 722 229 | 25 529 | 3,5 |
| | פעטראָגראַדער | 898 527 | 4 028 | 0,5 |
| | ריאַזאַנער | 2 137 139 | 1 558 | 0,1 |
| | סאַראַטאָווער | 3 079 326 | 14 308 | 0,5 |
| | סעווערא־דווינסקער | 789 630 | 197 | 0,03 |
| | טולער | 1 721 413 | 3 773 | 0,2 |
| | אופימער | 2 011 231 | 4 763 | 0,2 |
| | יאַראָסלאווער | 1 231 720 | 2 903 | 0,2 |
| אַוטאָנאָמע געגנטן | קאַרעליען | 127 367 | 403 | 0,3 |
| | דייטשישע קאָמונע | 452 647 | 147 | 0,03 |
| דאָנער געגנט און צפון־קאַווקאַז | דאָן | 1 546 948 | 24 283 | 1,6 |
| | קובאַנאָ־טשערנאָמאָרסקער געגנט | 643 850 | 4 748 | 0,7 |
| | גאָרסקער רעפובליק | 2 890 009 | 5 577 | 0,2 |
| ס י ב י ר | יעניסייסקער גוב. | 1 195 641 | 6 234 | 0,5 |
| | טיומענער | 1 116 442 | 1 948 | 0,1 |
| קירגיזער רעפובליק | אָרענבורגער | 677 895 | 3 398 | 0,5 |
| | סך־הכל | 32 761 679 | 153 920 | 0,5 |

די טאַבעלע איז צוזאַמענגעשטעלט אויפן גרונד פון דער לעצטער ציילונג אין ראַטן־רוסלאַנד אין 1920 יאָר. דערביי זיינען די גובערניעס גענומען אין זייערע גרעניצן צום 1־טן יאַנואַר. 1921. ביים באַניצן די טאַבעלע און ביים פאַר־גלייכן די ציפערן מיט די דאַטן פון 1897 יאָר, מוז מען נעמען אין אַכט, אַז די גרעניצן פון די גובערניעס צום 1־טן יאַנואַר 1921 אונטערשיידן זיך באַדייטנדיג פון די גרעניצן בשעת דער ציילונג פון 1897.

י. ק.

### די צאל אידן אין בודאפעשט אין 1920 יאר.

**Die Zahl der Juden in Budapest**

ניט לאנג זיינען פארעפנטליכט געווארן די פארלויפיגע רע־זולטאטן פון דער בודאפעשטער פאלקס־ציילונג אינ׳ם 1920 יאר, וועלכע ברייגען אייניגע קורצע ידיעות וועגן דער פארטיילונג פון דער באפעלקערונג לויט די אמונות. אין 1920 יאר זיינען געווען אין בודאפעשט 212,736 אידן, ד. ה. 22,9% פון דער אלגע־מיינער באפעלקערונג (930,247). אינטערעסאנט איז די אנט־וויקלונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין בודאפעשט. אין 1787 יאר האבן אין בודאפעשט געלעבט סך־הכל 114 אידן, אין 1833 זיינען געווען 1346 משפחות, וועלכע האבן געציילט אנ׳ערך 6730 נפשות, אין 1849 האט די צאל אידן שוין דערגרייכט ביז 19148. די פאלגנדיגע טאבעלע וויזט, ווי שנעל ס׳איז געוואקסן די אידישע באפעלקערונג אין בודאפעשט:

| יאר | אלגעמ. באפעלקערונג | אידן | % פון אידן |
|---|---|---|---|
| 1869 | 270,685 | 44,890 | 16,6 |
| 1880 | 360,551 | 70,879 | 19,7 |
| 1890 | 491,938 | 103,317 | 21,6 |
| 1906 | 791,748 | 186,047 | 23,5 |
| 1910 | 880,371 | 203,687 | 23,1 |
| 1920 | 930,247 | 212,736 | 22,9 |

ביז 1900 איז דער צוואוקס בא דער אידישער באפעלקערונג געווען גרעסער, איידער בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג. פון דעמאלט אן איז שוין נישטא קיין חילוק אינ׳ם וואקסן. י. ס.

---

## II. מאראל־סטאטיסטיק

### די סטאטיסטיק פון זעלבסטמארדן בא די אידן אין פרייסן

**Statistik der Selbstmorde bei den Juden in Preussen**

די אויספארשונג בנוגע צו דער אפטקייט פון די זעלבסטמארדן בא די פארשיידענע פעלקער, אדער בא פארשיידענע רעליגיעזע קיבוצים פון איטלאכן איינציגן פאלק באזונדער, געהערט צו די סאמע אינטערעסאנטסטע פראבלעמען. עס עקזיסטירט באזונדער אין דעם ראזינן תחום א רייכע ליטעראטור, און כמעט איטלאכס יאר ווערט געמאכט דער פרוב צו קאנסטאטירן. מיט דער הילף פון מער אדער ווייניגער וויסנשאפטליכע מעטאדן, פאר וואס אין איין מדינה און בא איין טייל פון דער באפעלקע־רונג אין דער זעלבער מדינה מער אדער ווייניגער זעלבסט־מארדן, איידער אין דער אנדערער מדינה און בא דעם אנדערן טייל פון דער באפעלקערונג, און פאר וואס עס וואקסט אדער עס פאלט די צאל פון די זעלבסטמארדן בכלל. מיט א קורצער צייט צוריק איז ארויס א חיבור פון געהארד פילקרוג (פארלאג פרידריך קאן, שווערין): „דער זעלבסטמארד, א מאראל־סטאטיס־טישע און פאלקס־פסיכאלאגישע אויספארשונג״, אין וועלכן עס ווערן אויפן יסוד פון א רייכן מאטעריאל ארומגערעדט די פראגן אין זייער גאנצן פארנעם. בנוגע צו דער צאל פון זעלבסטמארדן בא אידן איז נאך לעת עתה נישטא א באטראכטונג, וואס זאל ארומנעמען דעם פראבלעם פון אלע זייטן און אנטערפירן דעם סך־הכל פון אים. די מניעות ליגן דא אין דערין, וואס עס פעלט לגמרי א גאנצע רייע פון נויטיגע ידיעות.

אזוי, למשל, ווייסן מיר אין דעם רוב פון די פאלן נאר נישט מכח דעם, מיט וואס די אידישע זעלבסטמערדער האבן זיך באשעפטיגט, אויף וועלכן אופן זיי זיינען געשטארבן, ווי אלט זיי זיינען געווען, און וואו זיי האבן ביז אהער געלעבט, אין שטאט צי אויפן דארף — אלץ אזוינע זאכן, וואס האבן א גרויסע חשיבות פאר דער סטאטיסטיק, וועלכע וויל פארשטיין דעם בא־טייט פון די זעלבסטמארד־ציפער. מיר זאמלען איצט דעם גאנצן מאטעריאל בנוגע צו די איינציגע לענדער און וועלן אין איינעם פון די קומענדיגע נומערן ארומריידן די דאזיגע הויך־אינטערע־סאנטע טעמע. דערווייל ברייגען מיר די ציפער פון די זעלבסט־מארדן אין פרייסן פון 1912 ביז 1919.

### די זעלבסטמארדן בא דער אלגעמיינער און בא דער אידי־שער באפעלקערונג אין פרייסן (1919—1912)

**Die Selbstmorde bei der gesammten und jüdischen Bevölkerung Preussens**

| יאר | די אלגעמיינע צאל זעלבסטמארדן | די צאל אידישע זעלבסטמארדן | אויף יעדע 1000 זעלבסטמארדן קו־מען אויס אידישע | די צאל זעלבסט־מארדן אויף יעדע 100.000: פון דער אלגעמיינער באפעלקע־רונג | די צאל זעלבסט־מארדן אויף יעדע 100.000: פון דער אידישער באפעלקע־רונג |
|---|---|---|---|---|---|
| 1912 | 8723 | 133 | 15 | 22 | 32 |
| 1913 | 9214 | 150 | 16 | 23 | 35 |
| 1914 | 8770 | 171 | 21 | 21 | 41 |
| 1915 | 6776 | 140 | 21 | 17 | 33 |
| 1916 | 6903 | 147 | 21 | 18 | 35 |
| 1917 | 6428 | 131 | 20 | 17 | 31 |
| 1918 | 6120 | 137 | 22 | 16 | 32 |
| 1919 | 6784 | 161 | 24 | 18 | 40 |

שוין ביים ערשטן קוק ווייזט זיך ארויס, אז די אפטקייט פון די זעלבסטמארדן אנטוויקלט זיך בא אידן אויף אנאומגינציגערן אופן, איידער בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג. ווארום בעת עס האבן זיך אינם יאר 1912 נאך צווישן 1000 זעלבסטמערדער געפונען נאר 15 אידן, האט זיך שוין די דאזיגע ציפער אינם יאר 1919 א הויב געטאן ביז 24. באזונדער שטארק איז געווען דער שפרונג פון 1913 אויף 1914, ווארום דאן איז די אלגעמיינע צאל פון די זעלבסטמארדן פארמינערט געווארן אויף 4,8%, בעת די צאל פון די זעלבסטמארדן בא די אידן איז פארגרעסערט געווארן אויף 14%. צום באדויערן, קאן מען נישט זאגן אויף געווים, אויב און אויף וויפיל דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האט דא געשפילט א ראלע. אין די יארן 1914, 1915 און 1916 איז דער פראצענט פון די אידישע זעלבסטמארדן געבליבן שטיין אויף איין ארט, אינם יאר 1917 האט ער זיך אפילו א ביסל ארונטערגעלאזן; און פון דעמאלט אן האט ער בערך אנגעהויבן שטארק צו וואקסן.

פארגלייכט מען די צאל פון די זעלבסטמארדן מיט דער צאל פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, און מיט דער צאל פון דער אידישער באפעלקערונג בארעכענענדיג די אפטקייט פון די זעלבסט־מארדן אויף איטלאכע 100,000 פערזאן, וועט מען זעהן, אז בא אידן איז די ציפער פון די זעלבסטמארדן א סך העכער איידער בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג. פאר דער באפעלקערונגס־סטאטיסטיק איז עס שוין פון לאנג אן א באוואוסטער פאקט, אז אין דער מאדערנער צייט פאסירן פאלן פון זעלבסטמארד בא די אידן פון די קולטור־מדינות א סך עפטער, איידער בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג פון די איינענע מדינות. דאס וואס ווארפט זיך אין די אויגן — לכל הפחות בנוגע צו פרייסן — איז מער נישט דער אומגעוויינטלאך גרויסער אונטערשייד צווישן די ביידע צאלן. זינט 1914 איז די ציפער פון די זעלבסטמארדן בא

אידן בעטעט צוויי מאָל (און אינם יאָר 1919 אפילו נאָך מער) אַזוי גרויס, ווי בײַ דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די עיקר־סבה פון דער דאָזיגער ציקאַווער סאָציאָלאָגישער דערשיינונג ליגט, מן הסתם, אין דעריין, וואָס די אידישע באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מ'רוב מיט אַזעלכע עסקים, וועלכע ציהען שטאַרק אַריין אינם עקאָנאָמישן קאַמף, ברייגנען מיט זיך אַ סך פאַרדראָס און זיינען שעדליך אויך אינם פיזישן פרט. דאָס איינע ווי דאָס אַנדערע איז גורם צום זעלבסטמאָרד, וועלכער איז דאָך אָפט דער פּועל יוצא פון אַ גייסטיגער צעבראָכנקייט און אַ קערפּערליכער אָפּשוואַכונג. אַ חוץ דעם זיינען אידן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס תּושבים פון שטעט און גרויסע שטעט איידער ניט־אידן, און דער זעלבסטמאָרד האָט, ווי באַוואוסט, פון דער שטאָט אַ סך אַ גרעסערע יניקה איידער פונם דאָרף. און צום סוף דאַרף מען נישט פאַרגעסן אָן אַ פרט, אויף וועלכן אַלע מחברים שטעלן זיך נאָר באַזונדער אָפּ — אַז מיט דעם בטל־ווערן פון דער רעליגיע איז אַראָפּגעפאַלן איינע פון די גרעסטע מניעות פאַר דעם דאָזיגן געזעלשאַפטליכן חולאת.

(פּריסישע סטאַטיסטישע קאָרעספּאָנדענץ. יאָרגאַנג 40, 41, 42, 43, 45, 46).

י. ס.

---

## III. מיליטער־סטאַטיסטיק

### אידן אין דער רויטער אַרמיי

### Die Juden in der Roten Armee

צום 1־טן יולי 1922 איז די רויטע אַרמיי, אָן דעם פלאָט און אָן יענע טיילן, וואָס גייען ניט אַריין אין די געוויינליכע מיליטער־קרייזן (למשל, די מיליטער־אָפּטיילונגען פאַר באַזונדערע אויפגאַבן, פאַר אינעווייניגסטער שמירה און אַנד.), באַשטאַנען פון 79,5 פּראָצענט גרויס־רוסן, 9,1 פּראָצ. אוקראַינער, 0,7 פּראָצ. פּאָליאַקן און פון 1,4 פּראָצ. דייטשן מיט לעטן. א י ד ן זיינען דאָרט געווען סך־הכּל 1,9 פּראָצענט.

דעם גרעסטן פּראָצענט אידן האָט געהאַט דער אוקראַאינישער מיליטער־קרייז — 4,7 פּראָצענט פון אַלע זיינע רויט־אַרמייער, — דערנאָך דער מערבדיגער מיליטער־קרייז — 3,3 פּראָצ. קלענער ווי אומעטום איז געווען דער פּראָצענט פון די אידן אין די מיליטער־טיילן, וואָס זיינען געשטאַנען אין סיביר: אין מזרח־סיביר — 0,5 פּראָצענט און אין מערב־סיביר — 0,2 פּראָצ.

אינם רוסישן פלאָט בילדן די אידן (לויט די ידיעות צום 1־טן דעקאַבר 1922) פאָלגנדיגן פּראָצענט: אין פלאָט פונם שוואַרצן ים — 2,9 פּראָצ., פונם קאַספּישן ים — 1,0 פּראָצ., פונם באַלטישן ים — 0,5 און פונם צפון־ים — 0,2 פּראָצענט.

אויף די מיליטער־טעכנישע קורסן האָבן די אידישע קורסאַנטן צום 1־טן יולי 1922 אויסגעמאַכט 2,8 פּראָצענט. צווישן די איבעריגע קורסאַנטן איז געווען: 78,1 פּראָצ. רוסן, 10,0 פּראָצ. אוקראַינער און 3,0 פּראָצ. פּאָליאַקן, לעטן און דייטשן צוזאַמען. אויף די דאָזיגע קורסן זיינען די אידן פּראָצענטועל שטאַרקער פאַרטראָטן, איידער אין דער רויטער אַרמיי בכלל. דאָסזעלבע איז צו זעהן אויך אויף די העכערע מיליטער־קורסן אין מאָסקווע און אין פּעטראָגראַד. די אידישע קורסאַנטן מאַכן דאָ אויס 3,4 פּראָצ., אַ ערך אַזוי פיל, ווי די אוקראַינער (4,0 פּראָצ.), אָדער ווי די לעטן מיט די פּאָליאַקן צוזאַמען (3,7 פּראָצענט).

די אידן באַזוכן מערסטנטיילס יענע מיליטער־קורסן, וועלכע גרייטן צו קאָמאַנדירער און לערער פאַר מיליטער־שולן, אָדער קאָמאַנדירער מיט ספּעציעל־מיליטערישע אונטערנעמונגען און דגל. (פּעדאַגאָגישע שולן, עלעקטראָטעכנישע, כעמישע, אַרטילערישע, אויטאָ־פּאַנצערישע און אַנד.) דאָ געפינען זיך 79,6 פּראָצ. פון אַלע אידישע קורסאַנטן. די איבעריגע 20,4 פּראָצענט געפינען זיך אין שולן, וואָס גרייטן צו אומגעמיטלבאַרע קאָמאַנדירער מיט מ י ל י ט ע ר־ט י י ל ן (אינפאַנטערישע שולן, קאַוואַלערישע, פאַרבינדונגס־ און מאַסקירונגס־שולן און דגל.). אַנדערש איז עס בײַ די איבעריגע נאַציאָנאַליטעטן. ז י י לערנען זיך שוין מ'רוב אין דער צווייטער גרופּע שולן (אינפאַנטערישע און אַנד.). אין דער ערשטער גרופּע שולן (פּעדאַגאָגישע און אַנד.) לערנען זיך בײַ די אוקראַינער, למשל, נאָר 39,7 פּראָצ. פון אַלע אוקראַינער קורסאַנטן, און פון אַלע קורסאַנטן־פּאָליאַקן — נאָר 36,1 פּראָצ. מ'קאָן זאָגן, אַז אין דער צווייטער גרופּע שולן גייען די מער דאָרפישע עלעמענטן, בשעת די אידן, אַלס אַ מער שטאָטישער עלעמענט, בלייבן אין דער ערשטער גרופּע שולן.

צווישן די קאָמיסאַרן (קאָמאַנדירער) פון אַלע מיליטערישע קורסן איז צום 1־טן יולי 1922 געווען 5,9 פּראָצ. אידן. די אידן שטייען דאָ אויפן ערשטן אָרט נאָך די גרויס־רוסן (מיט ווייטערע 71,4 פּראָצ.) און די לעטן (מיט 7,5 פּראָצ.). דער גרויסער פּראָצענט אידן ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די שטעלעס פון קאָמיסאַרן ווערן באַזעצט מיט מער קולטורעלע און קאָמוניסטישע עלעמענטן.

בשעת אין דער גאַנצער רויטער אַרמיי (אָן די פלאָטן און אָן איינגע טיילן) האָבן די אידן אַ ערך 2 פּראָצ., האָבן זיי צווישן די רויט־אַרמייער־קאָמוניסטן 2,9 פּראָצ.

דער פּראָצענט קאָמוניסטן צווישן די א י ד י ש ע ר ו י ט־אַ ר מ י י ע ר איז ניט אומעטום דערזעלביגער. צווישן אַלע אידן רויט־אַרמייער פון טורקעסטאַנער פראָנט, למשל, זיינען (לויט די ידיעות צום 1־טן יולי 1922) געווען 16,7 פּראָצענט קאָמוניסטן; אין צפון־קאַווקאַזער קרייז געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי שוין 26,8 פּראָצ. פון אַלע אידישע רויט־אַרמייער. בײַ די איבעריגע נאַציאָנאַליטעטן איז דער פּראָצענט קאָמוניסטן אַ נידעריגער. צווישן אַלע גרויס־רוסן רויט־אַרמייער, למשל, פון טורקעסטאַנער פראָנט איז געווען נאָר 12,7 פּראָצ. קאָמוניסטן, אין צפון־קאַווקאַזער מיליטער־קרייז — 12,9 פּראָצ. צווישן די פּאָליאַקן אויף דעם טורקעסטאַנער פראָנט איז געווען 12,1 פּראָצ. קאָמוניסטן, אין צפון־קאַווקאַזער מיליטער־קרייז — 15,3 פּראָצ.; צווישן די אוקראַינער רויט־אַרמייער פון צפון־קאַווקאַזער קרייז — בסך־הכּל 7,2 פּראָצענט. נאָר די לעטן האָבן אַ גרעסערן פּראָצענט קאָמוניסטן — אויפן טורקעסטאַנער פראָנט זיינען 34,2 פּראָצענט פון זיי קאָמוניסטן, אין צפון־קאַווקאַזער קרייז — 34,4 פּראָצענט.

קיין אַנאַלפאַבעטן איז צווישן די אידישע רויט־אַרמייער ניט פאַראַן. נאָר 4,5 פּראָצענט פון זיי זיינען האַלבע אַלפאַבעטן, ד. ה. קאָנען נאָר לייענען. בײַ די גרויס־רוסן דערגרייכט דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטן ביז 4,7, בײַ די פּאָליאַקן—ביז 10,4, האַלבע אַלפאַבעטן איז פאַראַן: בײַ די רוסן — 12,0 פּראָצ., בײַ די פּאָליאַקן — 13,1 פּראָצ., בײַ די אוקראַינער — 44,3 פּראָצ. לייענען און שרייבן קאָנען צווישן די אוקראַינער 53,9 פּראָצ., צווישן די גרויס־רוסן נאָר 74,3 פּראָצ., צווישן די פּאָליאַקן — 76,5 פּראָצ., צ ו ו י ש ן ד י א י ד ן אָ ב ע ר ק אָ נ ע ן ל י י ע נ ע ן א ו ן ש ר י י ב ן ג אַ נ צ ע 95,5 פּ ר אָ צ ע נ ט.

י. ק.

Für die Redaktion verantwortlich: Dr. Jacob Segall, Berlin

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 48